STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06291

IBER VAYTE YAM'EN

Jacob Beller

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב בעלער

איבער ווייטע ים׳ען

דערציילונגען

פארלאג האדסאן-לא פלאטא

ניו יארק

OVER THE WIDE OCEANS

Short Stories

By JACOB BELLER

Published by
Hudson-La-Plata, Publishers
New York

JACOBO BELLER

"SOBRE LAS OLAS DEL MAR"

FRONTISPICIO "HUDSON-LA PLATA"
NUEVA YORK
120

דערקלערונג פון מחבר

דאָס בוך איז געווען אויפגעזעצט און האָט גע־זאָלט דערשיינען אַ פּאָר וואָכן פאַר דער מלחמה אין פאַרלאַג בזשאָזע, אין וואַרשע. צוליב דער מלחמה האָב איך קיין ידיעה וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן פאַר־לעגער און מיין בוך. מיין שווערע אַרבעט איז פאַר־לוירן געגאַנגען. מיר איז בלויז נאָך שווערע אַנשרענ־גונגען געלונגען אויפצוזוכן און אויפדאַסניי צו באַ־אַרבעטן דעם מאַטעריאַל פון די דערציילונגען, וואָס זיינען דאָ אין אַמעריקע געווען געדרוקט אין „פאָר־ווערטס", „טאָג" און „אַמעריקאַנער". אַ פּאָר פון מיינע דערציילונגען פון קאָלאָניסטישן לעבן אין אַרגענטינע זיינען געבליבן אין וואַרשע און איך בין שוין אַ לאַנגע צייט אַוועק פון אַרגענטינע, איך זאָל זיי נאָכאַמאָל קענען אָנשרייבן בלויז פון זכרון אַליין.

יעקב בעלער.

ניו יאָרק, ערב פּסח, 1942.

דעם אייביקן אנדענקען
מיט ליבע און צער
מיין אומפארגעסלעכן ברודער און חבר

איטשע (יצחק)

וועלכער איז געפאלן פון א פיינדליכער קויל
אויף דעם איטאליענישן פראנט, דעם 19טן
יוני, 1916, ארום אודינע, פארן אומדאנק-
בארן „פאטערלאנד".

שלום לו ולעפרו!

דער מחבר

אמעריקע

גראָדזיסק — מיין שטעטל אין גאַליציע

פון דער אומבאַקאַנטער ווייטקייט האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ בלויער פרימאָרגן אין בליאַסקענדיקן שיין פון פאַרשנייעטע פעלדער און אַריינגעקוקט דורך די פענצטערלעך פון וואַגאָן. די באַן איז איצט געלאָפן מיט דער גרעסטער שנעלקייט. טאַנצדיק זיינען פאַרבייגעלאָפן שטעטלעך און דערפלעך איינגעטוליעט איינער אינם צווייטן, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן פאַר אַ שטורם, וואָס גרייט זיך אויף זיי פון ערגעץ־וואו.

שטיי איך איצט ביים פענצטערל, די אויגן ווייט אויפגעריסן, און טראַכט: דאָרט, אין די גרויסע וועלט־שטעט — ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס, לאָנדאָן, קאָפּענהאַגען, האָט אַ ווילדע בענקשאַפט געגאָגט און געצויגן צו דיר, מיין אָרעם שטעטל אין גאַליציע. זיינען דען ניט יענע מאַרמאָר־פּאַלאַצן און פּאַלמען־בוימער פון דרום־אַמעריקע, די ניו־יאָרקער וואָלקנקראַצער פון בראָדוויי אָדער לאָנדאָנער פּיקאַדילי שענער ווי דיינע מרה־שחורה׳דיקע, אויסגעקרימטע הייזקעס? אין די רוישיקע ניו־יאָרקער גאַסן, אין טומל און ווילדן געיעג פון טויזנטער, פלעגן פאַר מיר אויסוואַקסן דיינע שבת׳דיקע אידן, ווי זיי שפּרייזן זיך בנעומות׳דיק אין די פרייטיק־פאַרנאַכטן אין שול אַריין און דער גרילצנדיקער בראַזג פון סאָבוויי פלעגט מיך דערמאָנען דעם מתיקות׳דיקן ניגון פון לכו נרננה!

צווישן מענטשן־קנויל אויף בראָדוויי, ווען די פייערדיקע אותיות אויפן טיימס־סקווער־טורעם פלעגן אַזוי קונציק פאַרבייטאַנצן, פלעג איך זיך דערמאָנען אויף דעם קליינעם לעמפּל פון גרייז־גרויען רב׳ס פענצטערל, וואָס האָט אין די שפּעטע אָוונטן און פרימאָרגנס באַלויכטן דאָס שטעטל. און דער גמרא־ניגון האָט ווי איינגעוויקלט די קליינע, פאַר׳חלומ׳טע הייזקעס אין אַ מנחה׳דיקן שלאָף . . .

אויף יעדער סטאַנציע רוקן זיך אַריין געבויגענע אידן. ווי שאָטנס נעצן זיי זיך אוועק און שווייגן . . . אַ מאָדנע שווייגן, וואָס דריקט

אזוי דיין נשמה. דערוואַרט האָסט דו התלהבות'דיקע אידן, וואָס זאָלן פאַרטרייבן דעם אומעט וואָס נאָגט אַזוי דיין האַרץ. זוכסט דו און קוקסט אין זייערע צער־פולע אויגן . . .

דריק איך מיין היים־אַנגעגליט פּנים צו דער קאַלט־פאַרשנייעטער שויב פון וואַגאָן און עס לויפן פאַרביי מיינע צוואַנציק יאָר, וואָס די גרויסע און ברייטע וועלט האָט מיט זיך פאַרשלונגען, ווי זיי וואָלטן איצט, ווען איך דערנענטער זיך צו מיין היים־שטעטל, געמאָנט פון מיר אַ תיקון. יענע פוסטע, איינזאַמע נעכט, ווען כ'האָב זיך, אין מי־נוטן פון האַרץ־פּייער, אַן אומרואיקער אין ווייטאָג פון איבערמענטש־לעכע יסורים, געשלעפּט איבער גאַסן און בולוואַרן . . . טעג, וואָכן און חדשים ווי כ'האָב זיך מיט אַ הייליקן גלויבן געטראָגן איבער ימים, שטעט און לענדער. ווי סקעלעטן שיילן זיי זיך אויס — אויס־געקרימטע פּנים'ער פון געלער קנאה און אכזריות'דיקער רשעות, וואָס האָבן בייזוויליקט פאַרשוועכט מיין הייליקייט און מגושמ'דיק פאַר־אומרייניקט מיין קדשי קדשים . . .

און אָט וויקלט זיך אַ בילד, וואָס איז אַזוי איינגעקריצט אין מיין זכרון, מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

איך שטיי אויף אַ שיף אין ראָטערדאַמער פּאָרט. וואָס גרייט מיך אַוועקצוטראָגן איבער ימים און שטעט. די שיף האָט אַרויסגעלאָזט אַ מורא'דיקן פּייף און ביסלעכווייז זיך אַוועקגעגליטשט פון פּאָרט. פון ווייטן האָבן זיך אַרויסגעשיילט, ווי ווייסע פינטעלעך, די טיכעלעך פון יענעם זייט ים, וואָס האָבן געפּאַכט מיט אַ „זיי־געזונט" צו זייערע קרובים. אין אַ ווינקל האָבן פּוילישע עמיגראַנטן אָנגעהויבן שפּילן אויף האַרמאָניקעס אַ פּוילישע מעלאָדיע, וואָס האָט מיך אַוועקגעטראָגן צו די ברייטע לאָנקעס אַ זומער פאַרנאַכט אין מיין שטעטל. . . . קרייזל־דיקע וואָלקנס רויך האָבן איצט געשפּילט אַ פאַרבן־שפּיל מיטן ווייס־בלאָנקענדיקן שניי. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. און אַ ברעטל מיט אָפּגעבליאַקעוועטע, שוואַרצע אותיות האָט אַ פינקל געטאָן פאַר מיינע אויגן: „ראַגוזשנאַ!" און מיין מוח האָט אַ ברי געטאָן. מיט צוואַנ־ציק יאָר צוריק, ניט ווייט פון דער סטאַנציע, דאָרט וואו עס קוקן איצט אַרויס פאַר'חלום'טע, קליינע הייזקעס . . . אַ זומער פאַרנאַכט . . . די לופט האָט געשמעקט מיט פריש־אָפּגעקאָסעטן היי. איך בין אין אַ געפּאַסטן מיליטער־אוניפאָרם נאָר־וואָס אַהיימגעקומען פון דער פראָנט אויף אורלויב. ביי מיין זייט האָט געקלונגען די ווייס־בלאַנ־

קענדע מיליטערישע שווערד און אין הארץ — שטיפערישע פרייד און יונגע תאוה. זי האט אין מיינע אָרעמס געפלאַטערט ווי אַ ווייס, ציכ־טיק, אומשולדיק טייבעלע . . . ביידע פאַר'שכור'ט פון גליק. זי האָט מיט פאַרמאַכטע ליפּן אין דער בין־השמשות'דיקער שטילקייט פאַר מיר געבעטן אַ תפילה, אַז דעם שונא'ס קויל זאָל מיך ניט טרעפן.

אַ פאַרשלאָפענער באַאַמטער מיט אַ פּוילישן אָדלער אויפן פּיר־קאַנטיקן היטל האָט פויל אַ הויב געטאָן די האַנט און געגעבן אַ סיג־נאַל: יאַזדאַ! וואָלקנס רויך האָבן זיך געטראָגן אין דער קאַלטער לופט דאָרט צו יענע אָפגעריסענע הייזער קיין קאַשינאַ. די באַן האָט ווידער גענומען לויפן און אין הארץ איז אַזוי ענג געוואָרן. אויף די קאַלטע שויבן האָט פאַרבלאָנדזשעט מיינע אַ וואַרימע טרער . . .

איך דערנענטער זיך צו מיין היימשטעטל. מיט פאַרמאַכטע אויגן שטיי איך איצט פאַרוויגט אין די זיסע זכרונות פון מיין רואיקער און שטילער יוגנט. ווי דער קלאַנג פון זילבערנע גלעקלעך קלינגט איצט פאַר מיר די מעלאָדיע פון מיין זאָרגלאָזער קינדהייט. איינער נאָכן אַנדערן וויקלען זיך זכרונות: אַ פרייטיק נאָכמיטאָג אין וואַרימען, באַהייצטן בית־המדרש. איך, שמואל געצילס און ישראל הירש חזר'ן איבער די האַרבע סוגיא פון ר' חנינה סגן הכהנים און פסחים. אונדזער רבי ר' דוד'ל, אַ שטרענגער איד, האָט געגעבן אַ באַפעל: מאָרגן, שבת נאָך טיש, מוזן מיר קענען אַ גאַנצן בלאַט גמרא אויף אויסנווייניק. שטייען מיר אַלע דריי ביים אָפענעם ארון קודש. די קינדישע קעפּ אַנגעלענט אויף די ספר־תורה'ס און מיט טרערן אין די אויגן בעטן מיר ביי גאָט: ותן בלבנו בנה להבין להשכיל ולשמוע . . . ביים היים־אַנגעגליטן אויוון זאָגן מיר, יעדער, הונדערט און איין מאָל דעם בלאַט גמרא און באַדעקטע פון שוויים, שטראַלדיקע פון פרייד זאָגן מיר וואָרט ביי וואָרט אויף אויסנווייניק.

פרייטיק פאַרנאַכט, די זון שפּילט אַ פאַרבנשפּיל מיט די ווייס־געקאַלעכטע הייזלעך פון שטעטל, דער טאַטע איז נאָר־וואָס געקומען פון מרחץ, די מאַמע אָרומגעהילט מיט דעם ווייס־זיידענעם שפּיצן־טיכל, וואָס דער טאַטע האָט איר געבראַכט פון דייטשלאַנד, שפּרייט אירע הענט און מורמלט אַ תפילה: „גאָט, העלף מיר, מיינע קינדער זאָלן גיין אין דיינע וועגן . . . זאָלן זיין פרום און גאָטספאַרכטיק . . .”

פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן דאָס שטעטל פאַרוויגט אין אַ נשמה־יתירה'דיקע מנוחה, אידן שפּרייזן מיט בנעימות'דיקע טריט אין שול

אריין. ביי דעם טאַטנס זייט שפּרייזן איך, איטשע, און וואָלף, קוקן מיט אַ באַהאַלטענעם דרך־ארץ אויפן טאַטן, וואָס זעט איצט, אין ברייטן סויבעלנעם שטריימל, זיידענע קאַפּאָטע און אַטלאַסענעם כאַלאַט, אַזוי יום־טוב׳דיק אויס.

שבת נאָך טיש, איך און מיינע חברים האָבן זיך פאַר׳גנב׳עט אין וועלדל ביי דעם האָקער מאַרק. מיר זיינען מקנא די יום־טוב׳דיקע געסט, וואָס זיינען געקומען פון קראָקע אויף פּסח מיט זייערע ווייסע קראַגנס און שוואַרצע קראַוואַטן. זיי ריידן „דאַיטש" און פאַרנייגן זיך פאַר די שטעטלדיקע מיידלעך מיט אַ „איך האָבע די עהרע!" די מיידלעך לאָזן פאַררויטלטע אַראָפּ די אויגן . . . „ביי די ציצית" האָבן מיר זיך באַשוואוירן ניט צו דערציילן וואָס מיר האָבן געזען . . .

מוצאי שבת ביינאַכט, פון אַלקער הערט זיך מיין מאַמעס גאָטס־פאַרכטיק קול: „גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב". דער טאַטע ברומט אונטער בייזלעך נאָך דער הבדלה די „אליהו׳ס". עס איז אים שווער צו שיידן זיך פון קדושה לחול. עס גייט אויף אים אַ וואָך פון זאָרגן. פון די פענצטערלעך שפּרייטן זיך פייערלעך אין די שטילע געסלעך פון שטעטל.

ווי אַ שנירל פּערל ציט זיך איצט פאַר מיר פאַרביי מיין משפחה: מיין עלטער־זיידע, ר׳ אהרן יהודה, אַ שטרענגער איד מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד, מיט זיין זילבערנעם שטעקן און אַ גאָלקע און אַ שוואַרץ סאַמעט היטל. דאָס גאַנצע שטעטל האָט פאַר אים געציטערט. און ווען מיט זיינע אור־אייניקלעך פלעגן חנוכה דורכן שליסל־לאָך צו אים אריינזינגען: „הנרות הללו", פלעגן ביי אים די אויגן גלאַנצן ווי פּערל און ער האָט זיך געווענדט צו דער עלטער־באָבען, ביילע הוה, אַ אידענע אַ חכמה: „נו, וואָס שטייסטו? גיט זיי, די שקצים, חנוכה־געלט".
און מיין פעטער יאָסל דער מתנגד, וואָס איז דערגאַנגען די יאָרן די רביים און ביים דאַווענען צעבראָכן דעם עמוד פון התלהבות און דבקות, און אָט איז די מומע סימעלע מיט אירע גוטמוטיקע, ווייכע, סאַמעטענע אויגן. זי האָט אונדז קליינע חברה געשטאָפּט די קעשענעס מיט „שבת־אויבס". און אָט איז מיין טאַטע מיטן ברייטן, פילאָזאָפישן שטערן פאַר׳מוח׳ט און פאַרטראַכט. ווען איך קום אריין אויף די שפּיץ פינגער, כאַפּט ער זיך צו מיר גלייך: „ווי האָט געהייסן דער נביא, וואָס האָט געלעבט אין די צייטן פון יענעם מלך? . . .

דאָס פּייפן פון לאָקאָמאָטיוו האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן מיינע

גערַאַנקען. אַ געדיכטער רויך האָט זיך גענומען קרייזלען אין צענדליקע רינגען. דער קאָנדוקטאָר האָט גלייכגילטיק אַ געשריי געטאָן: ג־ר־אָ־ד־ז־יי־ס־ק־אָ . . . איך ליג אין מיין מאַמעס אָרעמס און זויג אירע נאַסע טרערן. מאַמע! מאַמע! ווער האָט עס דיין קאָפּ אַזוי גרוי געמאַכט, דיין פּנים אַזוי בלאַס? איז עס די צייט וואָס דער תהום האָט פאַרשלונגען? אָדער בין איך עס דער, וואָס האָט זיינע האָר אַזוי גרוי געמאַכט, דיינע אויגן אַזוי רויט? ווען איך האָב זיך געטראָגן אויף די כוואַליעס פון מיין רווישיקן לעבן איבער ימים, שטעט און לענדער און דו האָסט אין שלאָפלאָזע נעכט פאַר מיר געבעטן אַ תפילה, זיינען דיינע האָר אַזוי גרוי געוואָרן, דיינע האָר אַזוי בלאַס, דיינע אויגן . . .

איך בלאָנדזשע איבער די שמאָלע געסלעך פון מיין שטעטל און זוך מיינע קינדער־יאָרן. אָבער אַלץ אַרום איז אַזוי מאָדנע פרעמד. ווער זיינען עס די אַלע פרעמדע פּנים׳ער? לויף איך צו צום וועלדל, ווי כ׳האָב איר אייביקע ליבע געשוואוירן. שטייט איצט דאָס וועלדל איינזאַם און פאַרשנייעט.

פון ערגעץ־וואו האָבן שטילע ווינטלעך זיך געטוליעט צו די פאַר־שנייעטע ביימער. פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך גענומען שפּרייטן. און פאַר מיר האָט איצט אויפגעוואַכט יענער ערשטער זומערדיקער פאַרנאַכט, ווען כ׳האָב איר דאָ אין וועלדל אייביגע ליבע געשוואוירן. זי איז נאָך יונג געווען ווי אַ צאַפּלדיקע ציג. היינט איז זי אַ מאַמע צו אירע קינדערלעך און איך טראָג זיך אויף די כוואַליעס פון מיין שטורמישן לעבן. אַהער האָט עס געצויגן פון ווייטע לענדער. שטייט איצט דאָס וועלדל אַזוי קאַלט, איינזאַם . . . בים באָם! בים באָם! בים באָם! האָט זיך געטראָגן דער קלאַנג פון די קלויסטער־גלעקער אין דער אַרומיקער שטילקייט. דאָס האָבן זיי עס מיר געבראַכט אַ גרוס פון מיין פאַרלוירענער יוגנט.

אַ קעמפּ־פייער

די שיף האָט זיך געגליטשט איבערן וואַסער. עס האָט גענומען בלויען אויף טאָג. דער האָדסאָן איז איצט געלעגן רואיק, ווי איינגעטוליעט אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט. לינאַ, אַ ברונעט־סימפּאַטיש־מיידל, מיט ווייד־סאַמעטענע אויגן, איז געשטאַנען אַן אומרואיקע ביים סאַמע ענד פונם דעק און זיך ווי איינגעגעסן אין דער שטיל־בלויער דונקלהייט.

אַ ווינטל האָט אַ פלאַטער געטאָן, און געבראַכט מיט זיך אויפן דעק דעם רויען ריח פון וואַסער און פרישע זשאַווערן. לינאַ האָט טיף איינגעאָטעמט די לופט און געפילט ווי אַ ריח פון דופטיקע בלומען פאַר׳שיכור׳ט זי.

איבער דער וואַסער־פלאַך האָבן אין דער לופט געהאנגען, איינגעהילט אין אַ נעבלדיקן טומאַן, אַ קייט בערג. אַ גאָלדיק־פייערדיקער ראָד האָט זיך גענומען אַרויסשיילן פון די בערג, וואָס אַמאָל נעענטער און גרעסער, ביז דאָס גאַנצע וואַסער איז מיטאַמאָל ווי באַגאָסן געוואָרן מיט אַ רויט־גאָלדיקן קאָליר. אין דער אויפגייענדער ליכטיקייט האָבן זיך פון ווייטן אַרויסגעשיילט סילועטן פון ניו־יאָרקער שפּיציקע טורעמס, ווי זיי וואָלטן איצט גאַנץ פרי אַזוי שטייענדיק אָנגעשפּאַרט איינער אינם אַנדערן, געכאַפּט אַ דרימל, נאָך אַ שווערן טאָג און רוישיקער נאַכט־אַרבעט.

לינאַס ווייד־סאַמעטענע אויגן זיינען אויף אַ ווייל פאַרדונקלט געוואָרן, קוקנדיק אויף די שפּיציקע טורעמס. דאָרט, צווישן יענע גרויע הייזער אין די ענגע גאַסן, וועלכע פאַרשטעלן דעם זונאויפגאַנג און אונטערגאַנג, געפינט זיך איר שאַפּ, וואָס האַלט זי שוין אַריבער צען יאָר איינגעקלאַמערט צווישן די רוישיקע מאַשינען. אָט באַלד, האָט לינאַ געטראַכט, וועט דאָרט אין ניו־יאָרק קלינגען דער וועקזייגער מיט זיין גרילצנדיקן קלאַנג. אירע חבר׳טעס וועלן מידע,

פארשלאָפענע אויפשטיין צו דער אַרבעט, און אַריינקוועטשן זיך אין דער שטיקנדער סאָבוויי, סאַפּנדיק שנעל, לויפן צום עלעוויטאָר, וואָס וועט זיי דאַן אויסשפייען אין שאַפּ אַריין. אַט לויפן פאַר איר פאַרביי אירע שאַפּ־חבר׳טעס: לילי, אַ לאַנג, דאַר און בלאַס מיידל מיט אַן אויסגעצויגן פּנים און מיט גרויסע, פאַרבענקטע אויגן; אַט איז פּעני, אַן אַלט פאַרזעסן מיידל, וואָס אַרבעט שוין דאָרט פונעם ערשטן טאָג, ווען דער שאַפּ איז געעפנט געוואָרן; און אַט איז די גראָבע איטאַליענערין, וואָס ליידט פון אַסטמאַ און סאַפּעט צום טאַקט פון די רעדער און אַרבעט פאַר צען פערד. אַט זיינען די אַנדערע מיידלעך, איינגעבויגענע איבער די מאַשינען, ווי זיי וואָלטן צוגעוואַקסן צו זיי. פונעם אָפּגעטיילטן ווענטל, דורכן קליינעם פענצטערל, קוקן גנב׳יש אַרויס די ממזר׳ישע אויגעלעך פונעם באָס . . . און אַזוי חזר׳ט זיך עס איבער טאָג־אויס, טאָג־איין, וואָכן, חדשים, יאָרן . . . נאָך אַ שווערן טאָג־אַרבעט, קומען די היים־שטיקנדע נעכט אין ענגען צימערל ביי איר טאַנטע אויף ריווינגטאָן סטריט.

אַ כוואַליע האָט זיך פון ערגעץ־וואו אָפּגעריסן, זיך צעשפּילט און אַ יאָג געטאָן, אָפּגעשפּריצט מיט פרישׁ, שוימיק וואַסער דעם דעק און איבערגעריסן לינאַס טרויעריקע געדאַנקען.

די אויפגייענדע זון האָט מיט איר וואַרימקייט געקושט דעם האָדסאָן, וועלכער האָט איצט אויסגעזען ווי אַ גרויסער, זילבערנער שפּיגל. פון ביידע זייטן ברעג האָבן זיך פון דער נעבלדיקער גרויקייט אַרויסגעשניטן גרינע בערג און וועלדער און לינאַ האָט צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע דערזען פעלדער און בערג, וואָס האָבן איר גע־בראַכט אַ גרוס פון די אַמאָליקע שטילע, ראָמאַנטישע לבנה־נעכט אויף די היימישע לאַנקעס פון איר שטעטל.

אין דרויסן איז שוין געווען העלער טאָג, ווען לינאַ איז אין אַ פול־געפּאַקטן באַס, מיט פריילעכע, זאָרגלאָזע געסט, אַריינגעפאָרן אין קעמפּ. ביים פאַרשרייבן זיך, האָט לינאַ אויף דער גלייכגילטיקער פראַגע פון אָפיס־מיידל, ווי לאַנג זי רעכנט דאָ צו בלייבן, פאַרזיכטיק אָפּגעענטפערט: צוויי וואָכן, און דערביי געצויגן די ווערטער, וואָס דאָס וואָלט ניט געווען גלאַט אַזוי זיך ווערטער. און בשעת מעשה האָט זי פאַרדראָסן, וואָס דאָס מיידל האָט איר מיט דערזעלבער גלייכ־גילטיקייט דערלאַנגט דעם שליסל און נומער פון איר באַנגאַלאָ.

אַז אָפּגעוואַשענע, אַנגעטאָן אין „שאָרטס" און אין אַ לייכט,

זיידן העמדל, האט זי דערפילט ווי זי וואלט פון זיך מיטאמאל אראפ־געווארפן די גאנצע שטאטישע זארגן. אין אירע קעמפ־קליידער האט זי זיך דערפילט יונג און שטיפעריש ווי אמאל מיט יארן צוריק. פארזיכטיק האט זי זיך באטראכט אין קליינעם שפיגעלע. פונם רויטן טיכל, וואס זי האט אזוי קונציק אויסגעבונדן אויף איר קאפ, האבן אפירגעהאנגען, אין אן אומארדענונג, צוויי בונטע שורות פעך־שווארצע האר. איר גאנצער קערפער איז איצט, אין די קעמפ־קליידער, געווארן שלאנק־בויגיק און עס זיינען צום אויסדרוק געקומען די פולע ליניעס פון איר רייפן פרויען־קערפער. נאכאלעמען האט לינא, קוקנ־דיק אויף זיך מיט פארגעניגן, געטראכט — איז נאך גענוג געבליבן פון איר אמאליקער שיינקייט, און די צען יאר שאפ האבן זי נאך ניט אינגאנצן צעבראכן. זי קען נאך געפעלן, זי מוז געפעלן . . . מיט שפילעוודיק גראציעזע טריט האט זי זיך אוועקגעלאזט אויף איר ערשטן שפאציר איבערן קעמפ.

ווען דער קעמפ־גלאק האט געקלונגען צו מיטאג־עסן, האט זי זיך שוין געפילט א היימישע אין קעמפ. אין די פאר שעה האט זי דורכ־שפאצירט דעם גאנצן קעמפ און פארזיכטיק באטראכט די פנימ'ער פון די געסט, באזונדערס פון די מענער. מיט א געניט אויג האט זי זיי סארטירט אין צוויי גרופעס, פארהייראטע און ניט־פארהייראטע. אירע בליקן האבן זיך אפגעשטעלט אויף א באנק, ניט ווייט פון עס־צימער איז געזעסן א מאן אין די דרייסיקער, פארטיפט אין א בוך. פארבייגייענדיק פאר אים, האט זי באמערקט ווי יענער האט אפגע־ווענדט זיינע בליקן פון בוך, און זיך ווי איינגעגעסן אין איר. א צו־פרידענע מיט איר ערשטן זיג, איז זי אריין אין עס־צימער. און זי האט קוים צייט געהאט א טראכט צו טאן אויב דאס איז גלאט א צופאל . . . קעגנאיבער איר איז געזעסן דער יונגערמאן, וועמען זי האט נאר־וואס באמערקט, פארטיפט אין א בוך אויף דער באנק און אויף איר געקוקט מיט ווארימע און מילדע בליקן.

— ערשט נאר־וואס געקומען אין קעמפ? — האט יענער איינ־פאך און אן צערעמאניעס זיך צו איר געווענדט.

לינאן איז זיין דרייסטקייט געפעלן, און זי האט אים מיט א פריינטלעכן שמייכל אפגעענטפערט: מיט א שעה צוריק.

— א ניו־יארקערן? — האט יענער ווייטער געפרעגט און ד געגלעט מיט זיינע מילדע בליקן.

— יאָ, — האָט לינאַ ווידער מיטן זעלבן שמייכל געענטפערט. אַזוי האָט שוין דער שמועס אַנגעהאַלטן די גאַנצע צייט ביז נאָכן עסן. דאָן האָט מען צוזאַמען גענומען אַ שפּאַציר צום לייק און גע־רעדט וועגן דער היץ אין ניו־יאָרק, וועגן קעמפּ און וועגן אַנדערע זאַכן. קונציק האָט לינאַ, דורך פאַרשידענע זייטנוועגן, אויסגעפונען, אַז ער איז אַ העברייאישער לערער, און פאַרברענגט איצט אין קעמפּ זיין וואַקאַציע.

איר פרויען־אינסטינקט האָט איר ווי געזאָגט, אַז קיין שווערע אַרבעט וועט זי דאָ ניט האָבן. ער זעט אויס צו זיין זייער אַ פיינער און ערנסטער יונגערמאַן. מען דאַרף נאָר זיין אַ ביסל דיפּלאָמאַטיש.

ביים סאַפּער זיינען זיי שוין געזעסן ווי אַלט־באַקאַנטע און גע־מיטלער געשמועסט צווישן זיך וועגן פאַרשידענע זאַכן, וואָס האָבן אויבנאויף ניט געהאַט קיין פּערזענלעכן אינטערעס. אָבער ביידע האָבן ווי אויספּרובירט זייערע כוחות, כדי צו וויסן ,אויב מען קען זיך פאַרמעסטן. ער, דער לערער, האָט עס געטאָן אויף אַ מער אָפענעם און דרייסטן וועג. און זי, לינאַ, מיט אַ געניטער פאַרזיכטיקייט. האָט זי ניט גענומען קיין באַשטימטע שטעלונג, נאָר פאַרפירעריש אָפּגע־ווייכט אין אַ זייט, ווען יענער האָט געצילט. און אַזוי האָט זיך אָנ־געהויבן דער „קאַץ און מויז שפּיל".

אַ פאַר'כשופ'טער פאַרנאַכט האָט איינגעהילט דעם קעמפּ אין אַ סודות'דיקער שטימונג. דיביימער האָבן זיך געשאָקלט, ווי זיי וואָלטן איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן סודות. די קליינע באַנ־געלאַם האָבן פון וויטנס אויסגעזען ווי צעוואָרפענע פייערלעך, וואָס האָבן געוואונקען אין דער פאַרנאַכטיקער דונקלקייט. פון ערגעץ־וואו האָבן געקלונגען אָפּגעריסענע ווערטער פון אַ באַקאַנטן אידישן פאָלקסליד.

אין אַ זייטיקער אַלייע, צווישן געדיכטע ביימער, איז לינאַ גע־זעסן, אָנגעלענט אויף אַ באַנק און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן זיך צוגעהערט צום לערערס ווערטער.

— איר זייט אַ זייער סימפּאַטיש מיידל, — האָט ער, ווי גע־פיבערט, געהאַלטן אין איין איבער'חזר'ן. — איר פאַרשטייט, — האָט ער זיך געהאַלטן אין איין פּלאָנטערן, — איר, איר זייט עפּעס אַן אויסנאַם פון אַלע . . . עפּעס אַנדערש . . .

לינאַן האָט שטאַרק הנאה געטאָן וואָס אָט־דער דערוואַקסענער,

אינטעליגענטער מאן פלאנטערט זיך אזוי אומבאהאלפן. זיינע ווער־טער האבן אנגערירט די סטרונעס פון איר צארטער און פארבענקטער נשמה. ווי זי גארט ער נאך אזעלכע ווערטער. פונדעסטוועגן, — האט זי געטראכט, — מוז מען זיין פארזיכטיק, און מיט געמאכטער רואיקייט, האט זי קאקעטיש געצויגן די ווערטער:

— איר זאגט עס זיכער די אנדערע מיידלעך אויך, — און מיט א שעלמיש געלעכטערל, האט זי צוגעגעבן: איר קענט עס שוין אויף אויסנווייניק.

— אבער, — האט יענער געשטורעמט, — איר האלט מיך עפעס פאר אן אומפאראנטווארטלעך אינגל?

מיט א קול פון איינעם, וואס איז זיכער מיט זיין זיג, האט זי שפילעוודיק ווי געציילט די ווערטער:

— איר קענט מיך דאך בלויז איין טאג. מיר האבן זיך, דאכט זיך, נאר־וואס באקאנט. ווי קענט איר עס ריידן אזעלכע . . . ווערטער . . .

ער האט איר ניט געלאזט פארענדיקן.

— פאראן מענטשן, וועלכע איר האט באגעגנט צום ערשטן מאל, אבער, דאכט זיך, איר קענט זיי שוין יארן. איר האט זיי געזען אין אייער חלום. א יר . . . איר פארשטייט . . . איר פארקערפערט זיי אין אייער אידעאל . . .

און ווי א פארשולדיקט אינגל האט ער א פארשעמטער אין דער ביינאכטיקער דונקלקייט גענומען בלאנדזשען מיט זיין האנט, זוכנדיק אירע. ווען לינא האט דערפילט זיינע ציטערדיקע שפיץ־פינגער, האט זי פארשטאנען, אז איצט איז די פאסיקסטע צייט פון דאנען אוועק־צוגיין.

— קומט, מירן גיין, — איז זי האסטיק אויפגעשפרונגען מיט א פעסטן באשלוס.

— אבער צו וואס אזוי שנעל, — האט ער געמורמלט. — עס איז נאך פרי. איר דארפט דאך ניט אויפשטיין מארגן אין דער פרי צו דער ארבעט, — האט ער זיך ביי איר געבעטן. אבער זי האט באשטאנען אויף אירס, אז זי מוז גיין. איר הארץ האט געטאנצט פאר פרייד, זעענדיק ווי ער גייט איר נאך, אינגאנצן א פארלוירענער. און ווען ער האט זיך מיט איר, ביי איר באנגעלא געזעגנט, מיט אן

אפֿמאָל גלייך מאָרגן ביים ברעקפֿעסט זיך ווידער צו טרעפֿן, האָט זי אין זיינע ווערטער געפֿילט, אַז האָט געצילט און געטראָפֿן . . .

אויף צו־מאָרגנס האָבןביידע אַ גאַנצן טאָג געוואַרט אויפֿן אָוונט. מען האָט גלאַט אַזוי גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז מען דאַרף קיין צייט ניט פֿאַרלירן. זי, ווידער, האָט געטראַכט, אַז אין שטאָט וואָלט עס אפשר געווען מאָדנע, אַ פֿרעמדער יונגערמאַן זאָל זי גלייך נאָך צוויי טעג באַקאַנטשאַפֿט דערקלערן אין ליבע. דאָ אָבער, אין קעמפּ, איז עס אַ געוויינלעכע זאַך. נאָכאַלעמען, זי איז דאָך צוליב דעם אַהער געקומען . . . און אַזוי האָבן ביידע געוואַרט אויף זונענאונטערגאַנג.

נאָך סאַפּער האָבן זיי אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפֿן אין קאַסינאָ, וואו עס וועט פֿאָרקומען אַ קאָנצערט און שפּעטער וועט מען כאַפּן אַ שפּאַציר. לינאַ האָט זיך איבערגעטאָן אין איר באַנגעלאָ, און איז אַ ביסל פֿריער געקומען אין קאַסינאָ, וואו זיי האָבן זיך געזאָלט טרעפֿן. ווען לינאַ איז אַריין אין קאַסינאָ, איז זי ווידער איבערראַשט געוואָרן. אונטערן קלאַנג פֿון אַ דזשעז אָרקעסטער האָבן זיך אין אַ ווילדן קאַראַהאָד געדרייט אין ליידנשאַפֿטלעכן טאַנץ צענדליקע פּאָרלעך. אין פֿאַרשידענע פּאָזעס האָבן זיי פּאָר איר פֿאַרבייגעשוועבט. אַ טייל פֿון די מיידלעך אַנגעלעגט אַז די אָרעמס פֿון זייערע געליבטע, ווי זיי וואָלטן זיך פֿאַרוויגט איינער דעם אַנדערן. אַנדערע מויל צו מויל, ווי זיי וואָלטן זיך דערציילט דאָס ניט־דערזאָגטע. זי האָט קוים צייט געהאַט צו זוכן דעם לערער צווישן די פֿאַרזאַמלטע, ווען דאָס ליכט אין טאַנץ־זאָל איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן, און ווי פֿון אונטער דער ערד איז פֿאַר איר אויסגעוואַקסן אַ שטאַרק־געוויקסיקער יונגער בחור מיט אַ קאָפּ פּעך־שוואַרצע האָר און זיך פֿאַר איר פֿאַרנייגט און איר איינגעלאַדן צו טאַנצן. זי האָט עפּעס געזאָגט, אָבער אין רויש און טומל זיינען אירע ווערטער ווי פֿאַרשלונגען געוואָרן. מיטאַמאָל האָט זי זיך דערפֿילט, ווי זי שוועבט אין די אייזן־שטאַרקע אָרעמס פֿון דעם שטאַרקן יונגען בחור, וואָס אָטעמט אין איר פּנים אַריין אַזוי היים־גליענד. די דזשעז האָט געשפּילט וואָס אַמאָל שטאַרקער און ווילדער. זי האָט דערפֿילט ווי זי ווערט אינגאַנצן אוממעכטיק. זיינע שטאַרקע מוסקולן האָבן זי פֿעסטער און פֿעסטער געדריקט צו זיך.

— באָב איז מײַ נעים, — האָט ער איר אַריינגעפֿליסטערט אין אויער. — איך בין דאָ אין קעמפּ אַ וועיטער. איך גיי אין ניו־יאָרק

קאַלעדזש. והאָט איז יורם? — האָט ער זיך טאַנצנדיק צו איר איבער־געבויגן.

איצט ערשט האָט זי דערזען, אַז ער האָט אַזעלכע שיינע אויגן, ווי לויטערע קוואַלן, און אַז זיין שוואַרצע, צעשויבערטע טשופּרינע קרייזלט זיך ווי אַ קרוין אַרום זיין קאָפּ.

— לינא איז מאַי נעים, — האָט זי געמורמלט אוממעכטיק פאַר־זונקען ווי אין אַ קאַשמאַר.

איצט האָט זי אינגאַנצן פאַרגעסן אינם לערער, מיט וועמען זי האָט זיך דאָ געזאָלט טרעפן; פאַרגעסן אין זיינע נעכטיקע ווערטער און אין אירע פּלענער. זי האָט בלויז געפילט, ווי ער, באָב, טראָגט זי מיט זיך וואָס אַמאָל העכער אין די ווייטע הימלען.

פאַר לינאַן האָבן זיך איצט אָנגעהויבן טעג און נעכט פון אמת'ער פרייד און גליק. מיט אַ פולער האַנט האָט זי געגומען די ברויזנד־לײדנשאַפטלעכע ליבע פון דעם יונגען באָב. ווי זי וואָלט עס איצט דאָ אין קעמפּ אויספילן די פוסטקייט פון אירע פאַרגאַנגענע צען יאָר אין פוסטן לעבן אין שאַפּ און אין פינצטערן, ענגען צימערל אויף ריווינגטאָן סטריט.

דעם לערער, וועגן וועלכן זי האָט ביי דער ערשטער באַגעגעניש אַזוי פיל געח'לום'ט, האָט זי ווי פאַרגעסן. עפּעס איז ער מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. גראַד אין אַ נאָכמיטאָג, ווען זי האָט שפּאַצירט פאַר־טיפט אין אירע גליקלעכע געדאַנקען וועגן באָב'ן, האָט זי אים, דעם לערער, דערזען, זיצנדיק אויף אַ באַנק, פאַרטיפט אין אַ בוך, פונקט ווי זי האָט אים געטראָפן צום ערשטן מאָל. זי האָט דערפילט, אַז זי איז אים עפּעס שולדיק, געוואָלט צוגיין אים עפּעס זאָגן, כאָטש זי ווייסט אַליין ניט וואָס. באַלד איז אָבער, ווי אַ ווילדער האָז, אָנגעלאָפן באָב און זי מיט אַ קלינגענדיקן „העלאָו, לי", באַגריסט און אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן.

ווי אַ חלום זיינען אַוועק אירע צוויי וואָכן וואַקאַציע. אַ זיסער חלום, אין וועלכן זי איז געווען פאַרזונקען און גאָרניט באַמערקט. ערשט די לעצטע צוויי טעג, ווען זי האָט וואַרטנדיק אויף באָב'ן אים דערזען אָנקומען מיט אַ שפּאָגל נײַ יונג מיידל, מיט אַ קורץ געשוירע־נעם קאָפּ, האַלטנדיק אַ ציגאַרעטל וואָיליונגעריש צווישן אירע רויט־מאַניקירטע פינגערלעך, און ווי באָב פּלאַטערט עס אַזוי לײדנשאַפטלעך

אַרום איר און קוקט אַפֿילו ניט אויף איר, ערשט איצט האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון איר חלום.

איר ערשטער געדאַנק איז געווען אַפּצוזוכן דעם לערער. זי וועט אים אַלץ דערציילן. אַז זי איז דאָ גאָרניט שולדיק . . . אַז שולדיק זיינען די איינזאַמע נעכט אין ענגען צימערל . . . אַז די היים־שטיקנדע טעג פֿון די צען יאָר, וואָס זי איז איינגעקלאַמערט צווישן די רעדער פֿון מאַשינען פֿונם שאַפּ זיינען שולדיק, אַז . . . ער, יענער . . .

ביים לעיק, וואו זי האָט מיט אים צום ערשטן מאָל שפּאַצירט, האָט זי אים, אין דער פֿאַרנאַכטיקער טונקלהייט באַמערקט, זיצנדיק אויף אַ באַנק. אַרום זיינען געזעסן גרופּעס געסט און געוואַרט אויפֿן קעמפּ־פֿייער. אויף דער צווייטער באַנק, קעגנאיבער אים, האָט זי זיך אוועקגעזעצט און איינגעגראָבן אירע בליקן אין זיין פּנים . . . אַ פֿייערל האָט פּלוצים אַ בליץ געטאָן, אַ צווייטס, און אַ דריטס. און באַלד האָבן פֿון אַלע זייטן געגומען פֿינקלען לאַנגע, פֿייערדיקע צינגען, ביים העלן שיין איז איר געלונגען צו כאַפּן זיינע בליקן, וואָס האָבן געקוקט אויף איר אַזוי מאָדנע קאַלט און פֿרעמד . . .

די פֿייערלעך האָבן זיך איינער נאָכן אַנדערן אויסגעלאָשן. אַ שטאָק פֿינצטערע נאַכט האָט אַלץ אַרום פֿאַרהילט. די געסט זיינען זיך צעגאַנגען און צוזאַמען מיט זיי איז אויך ער, דער לערער, פֿאַר־שוואונדן. לינאַ איז געבליבן זיצן אויף אַ באַנק, געקוקט אויף די פֿאַרלאָשענע פֿייערלעך און געטראַכט, אַז מיט זיי איז אויך פֿאַרלאָשן געוואָרן איר אַ שיינער חלום.

פשאַ קרעוו

אַ פּראַסטיק שניידיקער ווינט האָט זיך געטראָגן איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, געכאַפּט דעם קרייזלענדיקן שניי, וואָס איז געפאַלן, און ביידע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַווילדן געיעג איבער די מענטשן, וואָס זיינען איצט גאַנץ פרי געלאָפן צו דער אַרבעט, גע־שטאָכן די פּנים׳ער, געריסן די פּאָלעס און געדראַפּעט זיך וואו נאָר אַ וואַרים ווינקל.

יאַנטעק, אַ ברייטפּלייציקער, הויכער פּאָליאַק, מיט פלאַקסענע האָר, קליינע וואַסערדיקע אויגן, וואָס האָבן איצט אומרואיקע און דערשראָקענע געקוקט אין אַלע זייטן, האָט אין דער זאַווערוכע גע־שפּאַנט מיט אַ פּעקל אויף זיינע ברייטע פּלייצעס פון וואַיט פּלעינס קיין ניו־יאָרק.

שוין דעם צענטן טאָג ווי ער שפּאַנט צו־פוס איבער שטעט און שטעטלעך, פון אַ שטעטל אין די אַלעגאַני בערג אַרום פּיטסבורג, וואו ער האָט געאַרבעט די גאַנצע פופצן יאָר, וועלכע ער געפינט זיך דאָ אין אַמעריקע, אין אַן אייזנגיסעריי.

מיט אַ צוויי וואָכן צוריק, ווען יאַנטעק איז געקומען מיט אַלע אַרבעטער אין דער אייזנגיסעריי נאָך האַלבער נאַכט, צום „נאַכט־שיפט", האָט דער פאָרמאַן פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע, פון וועלכער יאַנטעק האָט בלויז פאַרשטאַנען צוויי ווערטער: „נאָו וואָרק". נאָכ־דעם האָט מען יעדן דערלאַנגט דעם פּעי ענוועלאָפּ. דער פאָרמאַן האָט גלייכגילטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט „גוד באַי", אַ צייכן אַז זיי קענען גיין.

ווען יאַנטעק איז אַרויס פון פאַבריק און אַ קוק געטאָן אויף די גרויסע קוימענס, וואָס שטייען איצט אויסגעלאָשן און שטיל, און אַז ער האָט געזען ווי דאָס הודזשען און פייפן פון די מאַשינען, וואָס איז אים אַזוי נאָענט געווען נאַכט איין נאַכט אויס, איז פאַרשטומט

געווארן, האט אים פארקלעמט ביים הארץ און ער האט צווישן די ציין א בורטשע געטאן: „פשא קרעוו!"

פופצן יאר ווי ער שלינגט די שווארצע רויך־וואלקנס, וואס קרייזלען זיך דא אין דער אייזנגיסעריי ביי טאג און ביי נאכט. ער האט שוין פארגעסן ווי אזוי די גרינע פעלדער און די כאטקעס פון זיין דארף זעען אויס. דאס זשומען פון די מאשינען איז פאר אים געווארן ווי אנגענעמע מוזיק, און די שווארצע פאררויכערטע באָרדינג־הייזער, וואס געפינען זיך דא ניט ווייט פון פאבריק, זיינען פאר אים געווארן גאר נאענטע פריינט.

דורך די נעכט שטייט ער פארן אפענעם גרויסן אויוון אז אויס־געטאנענער ביזן העמד און לייגט אריין די שטיקער ברוך־אייזן איינעם נאכן אנדערן אין אפענעם גרויסן מויל פון ליימיקן אויוון. פון דער זודיקער מאסע, וועלכע פליסט פון די רערן צום קעסל, שלאגט א פארע. די היץ ווערט וואס אמאל גרעסער. יאנטעק ווישט דעם שוויים, וועלכער רינט אין ריטשקעלעך פון זיין פנים איבערן נאקעטן קערפער. אפטמאל דערפילט יאנטעק ווי האמערס וואלטן געקלאפט איבער זיינע שלייפן, און ער פארגעסט זיך אינגאנצן וואו ער געפינט זיך. אים ווייזט אויס אז דאס שטייט ער גאר אויף א הויכן דראבניאסטע וואגן אין זיין דארף, אין סאמע שניט־צייט, און ער לייגט זיך אזוי גבורה'דיק איין סנאפ נאכן אנדערן . . . ערשט ווען די רויטע, פייערדיקע צונגען שפארן צום אפענעם מויל פון אויבן און דער רויך, וואס שטיקט די נאז, לייגט זיך ווי א שווערע משא אויף יאנטעקס לונגען, דריקט דאס הארץ ווי מיט צוואנגען, דאן ערשט כאפט זיך יאנטעק אויף פון זיין חלום און בורטשעט אונטער די ציין: „פשא קרעוו!"

דורך די טעג שלאפט ער אין ביליקן באָרדינג־הויז, וואס געפינט זיך צווישן שטעטל און פאבריק אויף א זייטיקן וועג. דארט האט ער א קליין בוידעם־צימערל, מיט צוויי מאל אין טאג קאפע, פאר וועלכע ער צאלט צוויי דאלאר א וואך. אין שכנות געפינען זיך אנדערע באָרדינג־הייזער, וואו עס וואוינען אלע פאבריק־ארבעטער פון די פאר־שידענע שיפטן, ווען איין שיפט קומט אהיים, גייט דער אנדערער צו דער ארבעט. איינמאל אין יאר בייט מען די שיפטן. די באסעס פון דער אייזנגיסעריי ווילן ניט אז די ארבעטער צווישן זיך זאלן ווערן גוטע פריינט.

אזוי שנעל ווי עס הערט זיך דאס פייפן פון דער פאבריקס

קוימענס, באַווייזן זיך באַלד אַרום די באָרדינג־הייזער שוואַרץ־פאַר־קוילטע אַרבעטער, וואָס קוקן איצט, נאָך דער אַרבעט אין דער אייזנ־גיסעריי, אויס ווי קויטיקע וועש. שווייגנדיק טראָגן זיי מיט זיך די ליידיקע בלעכענע פּושקעס אויפן רוקן. פון דער אַנדערער זייט שלייכן שטום שירות אַרבעטער מיט אָנגעפּילטע פּושקעס אַנטקעגן. מען וואַרפט זיך צו גלייכגילטיקער באַגריסונג, און באַלד דערהערט זיך דאָס זשומען און פייפן פון דער אייזנגיסעריי אויף דאָס ניי.

אין די זונטיקס, כאַפּט מען איינער מיטן אַנדערן אַ שמועס אין די באָרדינג־הייזער, כאָטש מען קען זיך שוואַר צונויפֿרעדן. יעדער קומט פון אַן אַנדער לאַנד, און ענגליש קענען אַלע ניט, פונדעסטוועגן רעדט מען זיך צונויף האַלב אויף שטום־לשון, דאָס איבעריקע מיט די פּאָר ענגלישע ווערטער, וואָס מען האָט אין דער אייזנגיסעריי געלערנט אין די צען יאָר. אָבער די לאַנדסלייט צווישן זיך רײדן זיך לייכטער צונויף, סלאָוועון ריידן זיך צונויף מיט די פּאָליאַקן, דייטשן מיט די האָלענדער און סקאַנדינאַוון. מען רעדט זיך איינער פאַרן אַנדערן אויס דאָס האַרץ. מען דערציילט וועגן די קרובים פון דער אַלטער היים, און ס׳לעבן אויף די עראַינערונגען פון די דערפער און שטעט־לעך אין דער אַלטער היים, וואו מען האָט ניט באַדאַרפט אַרבעטן אַזוי שווער. אָבער אַלע טרייסטן זיך, אַז דאָס איז נאָר אויף דערווייל; מען וועט אָפּשפּאָרן גענוג דאָלאַרן, וועט מען אַהיימפאָרן, אָפּצאָלן די חובות, קויפן אַ פּאָר פערד, אַ קו, און מען וועט ניט דאַרפן אַזוי שווער אַרבעטן . . . נאָכדעם לאָזט מען זיך, ווי גוטע ברידער, אַוועק אין די געהיימע שענקלעך, וואָס געפינען זיך גלייך לעבן די באָרדינג־הייזער, און מען כאַפּט אַריין אַ פּאָר גלעזלעך בראָנפן. צוערשט צע־קושט מען זיך ברידערלעך איינער מיטן אַנדערן, דערנאָך צעווײנט מען זיך אויף דער מיאוס׳ער דאָליע, ווי אַזוי מען ווערט עס אַזוי פאַרשוואַרצט אין קאָלומבוסעס מדינה. מען דערלאַנגט זיך אין טאַטן און אין דער מאַמען אַריין, ביז מען פאַרענדיקט מיט גלעזער איינער אין אַנדערנס קאָפּ. ווען דאָס געשלעג האַלט שוין אין סאַמע ברען, איז יאַנטעק תמיד דער וואָס שטילט אייןביידע צדדים. — וואָס טויג עס אייך, — בעט ער זיך ביי ביידע צדדים, — אַז דער שעריף זאָל קומען און ברענגען פּאָליציי? און מען וועט אייך ביידן אַרויסוואַרפן פון פאַבריק, איר וועט זיך וואַלגערן אויפן ראָוד ווי הינט . . . און ווען דאָס העלפט ניט, דערלאַנגט ער פייערדיקע פעטש פון רעכטס

און לינקס, און אַלע ציטערן פֿאַר זיינע ברייטע און געזונטע הענט. יאַנטעק אַליין טרינקט זעלטן. ער האָט שטאַרק מורא פֿאַר אַ'שיכור'ן זיך. ער ווייסט גוט, אַז ער האָט זיך דאָן ניט אין די הענט . . . אַז דאָס שיכור'ן אין דער היים האָט אים רואינירט, פֿאַרשולדיקט אים איבער די אויערן, און צוליב דעם טאַקע מוז ער איצט דאָ ביי די הייסע קעסלען אין פֿאַבריק בראָטן זיין קערפּער. פֿאַר זיין אַוועקפֿאָרן האָט ער געשוואָרן אַ שבועה ביי אַלעם הייליקן, אַז ער וועט ניט טרינקען, און ער האַלט זיין שבועה, ווי שווער עס זאָל אים ניט אָנקומען.

אין די פֿרייע זונטיקס פּוצט ער זיך אויס אין זיין נייעם סוט, וואָס ער האָט גענומען אויף וועכנטלעכע אָפּצאָלונגען ביי דעם אידישן פּעדלער, וואָס קומט דאָ אַהער יעדע וואָך, און גייט אין פּוילישן קאָשציאָל, וואָס געפֿינט זיך אין דערבייאיקן שטעטל, קניט פֿאַרן בילד פֿון דער הייליקער מאַריאַ, מורמלט שטיל אַ געבעט, האָט אינזינען זיין פֿרוי און קינדערלעך און בעט פֿאַר זייער געזונט און פֿאַרענדיקט מיט דער תּפֿילה, אַז דער גליקלעכער טאָג זאָל שוין קומען, ווען ער וועט זיי ווידער זען . . .

דעם גלח'ס דרשה געפֿעלט אים ניט. איבערהויפּט געפֿעלן אים ניט זיינע שטראָף־רייד — ס'איז ניט דער גלח פֿון היימישן קאָשציאָל. עפּעס ווייזט זיך אים אויס, אַז אַלץ זעט דאָ אויס ווי נאָכגעמאַכט, אַפֿילו דאָס פּוילישע ריידן פֿון גלח געפֿעלט אים ניט. וואָס פֿאַר אַ פּויליש איז דאָס, אַז נאָך יעדן וואָרט זאָגט ער גאַנצע צען ענגלישע ווערטער. אינמיטן פֿון גלח'ס דרשה דערפֿילט ער אַ שווערע מידקייט אין די גלידער. די אויגן הייבן זיך אָן פֿון זיך אַליין צו קלעפּן, און מיט האַלב־אָפֿענע אויגן קוקט ער אויפֿן גלח, ווען ער ציט די פֿראַזע: „איהר זאָלט זיין גוטע קריסטן", „גייט ניט אין די געהיימע שענקלער, וואָס צאַפּן אַרויס אייערע שווער־פֿאַרהאָרעוועטע פֿאַר סענט". „טרינקט ניט, ווייל דאָס איז סם פֿאַר אייער נשמה און פֿאַר אייער גוף" — מוסר'ט דער גלח די פֿאַרזאַמלטע אַרבעטער. — ניט מיך מיינט ער עס, טראַכט זיך יאַנטעק און הייבט אָן שנאָרכען . . . דער אָרגל האָט אָנגעהויבן שפּילן „אַווע מאַריאַ", און אַלע האָבן מיטגעזונגען. יאַנטעק האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אַ לאַנגען געניץ געגעבן און אַ מורמל געטאָן: פּשאַ קרעוו !

וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָרגל ? וואָס פֿאַר אַ קאָשציאָל ?

איצט דערמאנט ער זיך אין די היימישע זונטיקס, — ער פשא קרעוו! וואס פאר א גרויסער אונטערשייד. די גלעקער האבן זיך אזוי שיין צעקלונגען איבערן גאנצן דארף. ער איז ארויס פון דער כאטקע, אנגעטאן אין שניי־ווייס העמד און לאקירטע שטיוול, אין וועלכע מען האט זיך געקענט שפיגלען, א ברייטן לעדערנעם פאס מיט גאלגדענע קנעפלעך, וואס האבן געגלאנצט אין שיין פון דער זון אין טויזנטער פארבן. ער פלעגט עס מיטן קאפ אין דער הייך שפאנען צווישן די לאנגע שורות פויערים. דאס זארגלאזע געזונטע געלעכטער פון די דארפשיקסעס האט זיך אויסגעמישט מיט דעם קלאנג פון די קאשציאל־גלעקער. ער, יאנטעק, איז געווען דער שענסטער קאוואליער פון דארף. דערצו נאך אן אייגענע כאטקע, צוויי פאר אקסן, פיר פערד מיט זילבערנעם געשפאנס, און א שטיק פעלד לעבן יעדזשערע. ער דערמאנט זיך איצט יענעם זונטיק, ווען ער האט עס גייענדיק אין קאשציאל צום ערשטן מאל דערזען קאשקען, א פאר לאבעדיקע שעל־מישע אויגן, א ברייטע פאזוכא (בוזעם), וואס איז נאך פולער געווארן אונטער׳ן זונטיקדיקן רויט־סאמעטענעם קארסעטל מיט די גאלדענע קנעפלעך . . . ער האט זיך צו איר גלייך גענומען שדכנ׳ען! א פאר שכנ׳ישע שקצים האבן דאס ניט געוואלט ליידן. עס איז געקומען צו א געשלעג. צוויי פון זיי האבן געכאפט אנגעבראכענע זייטן, און ער האט דערפאר קאשקעס ליבע געוואונען. עך קאשקא! קאשקא! האבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן. וואס פאר א פארגלייך זיינען עס די פרויען דא אין אמעריקע מיט איר, מיט זיין קאשקא? אלע אזעלכע דארע, ווי הארטע ברעטלעך, פשא קרעוו! וואס פאר אן אונטערשייד!

דערנאך איז געקומען די חתונה. וואס פאר א שמחה דאס איז געווען. הונדערטער סוואטעס, ווי אמת׳ע קאזאקן, האבן זיך געטראגן פון דארף איבערן שטעטל אויף פייערדיקע פערד, ווי די לייבן. נאכ־דעם זיינען געקומען די קינדער, צוערשט מאריזשא און דערנאך מאטשעק,ביידע אזעלכע פוכיקע ווי די מאמע, אויסן אויג די מאמע. שניט צייט איז געווען ניט שלעכט. ער האט מיטאמאל אנגעהויבן פארנעמען א פלאץ פון א חשוב׳ן בעל־הבית אין דארף. מען האט אים אויסדערוויילט אלס ראדניק, און עס האט שוין געהאלטן דערביי, אז ער זאל ארויסשטעלן זיין נאמען אויף די קומענדע וואלן פאר וואוט. מיטאמאל, אבער, האבן זיך אנגעהויבן די טרוקענע זומערס איינער נאך דעם אנדערן. אויף די פעלדער איז אלץ פאר׳שרפה׳ט

געווארן, ניט געוועזן קיין פאשע פאר די אקסן און פערד. האבן זיי זיך אויסגעצויגן די פיס און זיך אפגעטראגן פון דער וועלט. פאר הארצווייטאק האט ער זיך געכאפט צום ביטערן טראפן, אויסגעגעבן דאס לעצט ביסל געלט, דאן אנגעהויבן פארקויפן שטוב־זאכן, געבארגט געלט און געווארן א שטענדיקער אריינגייער אין די שענקען.

פשא קרעוו! דערמאנט ער זיך אין א סצענע ביי סרולן אין שענק, ווען ער האט זיך צעהוליעט נאכדעם ווי ער האט אריינגעכאפט א פאר גלעזלעך. די יוכא האט זיך אין אים אנגעצונדן, און אלץ וואס איז אים געקומען אונטער די הענט האט ער צעבראכן: גלעזער, פלעשער און גאנצע שטיקער מעבל זיינען געפלויגן פון אלע זייטן. ליגנדיק אז אויסגעצויגענער אויף דער פאדלאגע, פלעגט ער ביסלעכווייז זיך אויסניכטערן, און דערזעענדיק די סרולעכע, א קראנקע אידענע, וואס שלעפט זיך קוים אויף די פיס, שטייט א וויינענדיקע און א טוץ האלב־נאקעטע קינדער טוליען זיך צו איר דערשראקענע, פלעגט ער אויף זיי רחמנות האבן, איבער'צלמ'ען זיך און שרייען: „יאק באגא קאכאם יא זאפלאצא" (ווי כ'האב גאט ליב — איך וועל פאר דעם אלעם באצאלן).

קומענדיק וואס אמאל נעענטער צו בראדוויי, האט זיך יאנטעק אפגעשטעלט און געקוקט אין אלע זייטן, ווי אלע לויפן עם אזוי שנעל ארויס. דער טומל און בראזג פון עלעווייטארס און אויטאמאבילן האבן אים אינגאנצן פארטומלט. דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן ווי ער זעט אזוי פיל מענטשן און אזא גרויסן טומל. דער פרעמדער מענטשן־שטראם האט אויף אים אנגעיאגט א מורא און פלוצים האט ער זיך דערמאנט, אז פון דער לעצטער „פעידע" זיינען אים אינגאנצן פארבליבן דריי זילבערנע דאלאר אין קעשענע. ער האט זיך אנגעהויבן א נערוועזער פלאנטערן צווישן די איילנדיקע מענטשן, און זיינע אויגן האבן דערשראקענע אנגעהויבן מעסטן יעדן פארבייגייער. אין הארצן האט אנגעהויבן נאגן אן אומרואיקער געפיל אויסגעמישט מיט אן אומבאשטימטן שרעק: וואס טוט מען? וואו טוט מען זיך אהין? צוויי אפגעריסענע ווערטער האבן זיך פארצווייפלט ארויסגעריסן פון זיין מויל: „דאוואי וואירק! וואירק!" האט ער געהאלטן אין איין איבער'חזר'ן, אפשטעלנדיק איין פארבייגייער נאך א צווייטן. „דאוואי וואירק!" און זיין שטימע איז וואס אמאל פארצווייפלטער געווארן. מענטשן זיינען אים פארבייגעלאפן און זיך אפילו ניט אומ־

געקוקט און די ווערטער זיינען ווי געבליבן הענגען אין דער קאלטער פראסטיקער לופט. — „פשא קרעוו!" — האט ער צווישן די ציין ארויסגעברומט, וואס אנטלויפן זיי עס אזוי פון אים?

א גאנצן טאג האט יאנטעק ארומגעבלאנקעט איבער די ניו־יארקער גאסן, די אויגן פארלאפן פון קעלט און שרעק, א דורכגענעצטער פון שניי, ציטערנדיק פאר קעלט האט ער זיך געפלאנטערט צווישן מענטשן־שטראם פון איין גאס צו דער צווייטער, און געהאלטן אין איין בעטן זיך ביי די מענטשן: „דאוואי וואירק!"

פארנאכט־צו איז דער פראסט שטארקער געווארן, דער מענטשן־שטראם איבער די גאסן איז גרעסער געווארן. פון די שעפער און פאבריקן האבן מענטשן געשטראמט צו די סאבוויי און עלעווייטארס. יאנטעק איז איצט פון אלע זייטן געשטויסן געווארן ווי א באל. ער האט זיך איינגעאנצן דערפילט א פארלוירענער, די אויגן האבן זיך אים ווי פון זיך אליין געקלעפט און איבערן גאנצן קערפער האט ער דערפילט א שווערקייט. שוין די דריטע נאכט ווי ער שלאפט ניט. דערזעענדיק א פאליסמאן, וואס האט רעגולירט דעם פארקער, האט ער זיך אפגעשטעלט און געמורמלט ווי פון פיבער: „פליז בארדינג האוז!" יענער האט אים באטראכט און געוויזן מיטן פינגער: „פאיוו בלאקס טו יור ראיט".

א טויט־מידער איז יאנטעק אין אוונט געקומען צו דער ניו־יארקער באוערי, מיטן פעקל אויף די פלייצעס. אין דרויסן איז שוין געווען טונקל. די עלעקטרישע שילדן מיט דער אויפשריפט „פינף און צוואנציק סענט א נאכט" האבן אים אביסל בארואיקט. ער האט איצט פעסט געהאלטן די דריי זילבער דאלאר און איז אריין אין איינעם פון די ביליקע בארס צו דערווארימען זיך מיט א ווארימען טרונק. דער ערשטער, וואס האט יאנטעקן געזען מיטן פעקל אריבער־שפאנען די טיר, איז געווען דזשימי, אן איירישער טרעמפ, וואס איז שוין דא אויף דער באוערי אן אייגענער פון יארן לאנג. ער האט אן אויג און דערשמעקט גוט ביי ווען ס'איז פאראן א פאר סענט.

— פליז — דרינק! — האט יאנטעק זיך דערנענטערט צום קאונטער און געציטערט פון קעלט. דזשימי האט זיך גאנץ נאענט צוגערוקט צו יאנטעקן, גענומען אים פארזיכטיק באטראכטן פון אויבן ארויף.

— קאלד! איזנ'ט איט!? — האט ער זיך געווענדט צו יאנטעקן און פון אים ניט ארונטערגעלאזט קיין אויג, ווען ער האט מיטאמאל

אַריינגעגאָסן אַ גלעזל און אָנגעהויבן שלעפּן דאַימס פון קעשענע . . .
יאַנטעק האָט אָנגעהויבן פּלאָנטערן מיט פּוילישע און ענגלישע ווער־טער און געוואָלט דזשימין אָפּענטפערן. דזשימי, וואָס האָט דאָ אויף דער באָוערי געלערנט אַלע וועלט־שפּראַכן, האָט מיטאַמאָל אויפגע־שטראַלט פון פרייד. „דאָברזשע!" האָט ער אויסער זיך פון באַגייס־טערונג אויסגעשריען. יאַנטעק, וואָס האָט זיך נאָכן ערשטן טרונק אַביסל דערוואָרימט און געקומען צו זיך, האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער נייער באַקאַנטשאַפט. „דאַי וואַירק!" האָט יאַנטעק געמורמלט קוקענדיק אויף דזשימין. — „דזשאָב!" האָט ער זיך פאַרבעסערט מורא האָבנדיק אַז ער פאַרשטייט אים ניט. — „שור", האָט דזשימי אָפּגעענטפערט. „אָלרייט! גוד דזשאָב! דאָברזשע", האָט אים דזשימי פאַרזיכערט און אים דערלאַנגט די האַנט. באַלד האָט מען צוזאַמען געמאַכט אַ „לחיים". דזשימי האָט איצט באַשטעלט און יאַנטעק האָט געהאַלטן אין איין שלעפּן דאַימס, און וואָס אַמאָל העכער געשריען: „דזשאָב, וואַירק! דזשימי האָט אים געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן און קלאַפּן אין דער פּלייצע: „שור! דאָברזשע! אָלרייט!"

ווען יאַנטעק האָט שוין געהאַלטן ביים זעקסטן גלעזל, האָט זיך אין אים צעשפּילט די יוכאָ און ער האָט אָנגעהויבן אויפן הויכן קול שרייען: „סרול, דאַוואַי וואָודקאָ! פּשאָ קרעוו! דער ערשטער קרבן איז געווען דאָס פלעשל, וואָס איז געפלויגן מיט דער גרעסטער שנעל־קייט צו דער וואַנט און איז צעבראָכן געוואָרן אויף פּיצלעך. דערנאָך האָבן אָנגעהויבן פליען גלעזלעך איינס נאָכן אַנדערן. ווען יאַנטעק האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ערשטע בענקל, האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן צוויי געזונטע הענט ווי אייזנס, געשלעפּט צו דער טיר און אַרויסגע־וואָרפן אין גאַס. יאַנטעק, וועלכער האָט זיך איצט קוים געהאַלטן אויף די פיס, האָט געשפּאַנט אַ פּאָר טריט, אַוועקגעפאַלן און זיך צוגעקייקלט צו אַ ליידיקן לאָט.

דער שטורם אין דרויסן איז וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן. דער ווינט האָט איצט געטראָגן גאַנצע הויפן שניי און זיי אויסגעשפּרייט איבער דעם ליידיקן לאָט, וואו יאַנטעק איז איצט געלעגן. דער פראָסט איז געוואָרן שטאַרקער. פאַרבייגייער זיינען שנעל פאַרביינעלאָפן און געהערט ווי אַ שכור'ער טרעמפּ זידלט זיך דאָ ערגעץ אויפן ליידיקן לאָט. אָבער ווער האָט עס צייט צו אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס מען זעט יעדן טאָג אויף דער באָוערי. אים, יאַנטעקן, האָט זיך איצט

אויסגעוויזן, אז דאס ליגט ער איצט ביי סרולן אויף דער פאדלאגע אין שענק. אלץ ארום איז צעבראכן און ער הערט ווי די סרולעכע וויינט און די קינדער שרייען. — „יאק באנא קאכאם, שווערט זיך יאנטעק, „יא ווּשיסטקא זאפלאצא". דער פראסט האט אים אנגעהויבן שטעכן ווי שארפע נאדלען. ער האט ביסלעכווייז אנגעהויבן קומען צו זיך, א קוק געטאן ארום זיך מיט פארזשמורעטע אויגן און גע־וואלט זיך אויפהייבן, אבער א שווערע בלייענע מאסע האט אים מיטן גאנצן כוח געשלעפט צוריק צו דער ערד. „פשא קרעוו", האט ער געברומט צווישן די ציין.

מיטאמאל האט ער דערפילט ווי א ווארימקייט צעגיסט זיך אין זיינע גלידער און זיין קערפער ווערט שווערער. ער האט זיך דער־מאנט אין דער קליינער מארישא זיינער, און אין מאטשעקן, אירע בלאנדע זיידענע האר און זיינע ווארימע הענטעלעך . . . מארישא האט אינגאנצן די מאמעס אויגן, פונקט ווי די מאמעס אויגן. קאשקא! האט ער זיך געגומען בעטן: קאשקא, אלץ וועט גוט ווערן, איך וועל זיי אלע דער'הרג'ענען. זיי ריידן אויף דיר, אבער איך גלויב ניט — פשא קרעוו באלערא! בייזע ציינגער. זיי פאר־גינען ניט, די הינטישע זין, זיי פארגינען ניט. די באטקע האסטו שוין אויסגעצאלט. איך וועל נאך פארדינען א פאר הונדערט דאלאר, וועלן מיר קויפן א פאר פייערדיקע פערד און אקסן, — קאשקא! מארישא! מאטשעק!

דער בארג שניי איבער אים איז וואס אמאל גרעסער געווארן. ער האט אנגעהויבן כארקלען אפגעריסענע ווערטער . . . פ־ש־א ק־ר־ע־וו! . . .

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

אויף צומארגנס איז אין די צייטונגען, וואס האבן דערציילט די נייעס וועגן דעם נעכטיקן פראסט, געווען פארדרוקט א קליינער נאטיץ, אז אויף א לאט, ניט ווייט פון דער באוערי, האט מען געפונען דעם טויטן קערפער פון א באוערי טרעמפ א פארפרוירענעם אין א בארג שניי.

דער אפערא-זינגער

די שיף האט זיך אלץ לאנגזאמער געגליטשט שניידנדיק די שוימיקע כוואליעס און זיך דערנענטערט צום ניו־יארקער פארט.

פריטץ קוהנע, דער אפערא־זינגער פון בערלין, איז געשטאנען צווישן א גרופע דייטש־אידישע פליכטלינגע און דורך זיין בינאקל באטראכט די סילועטן פון די ריזיקע ניו־יארקער סקאיסקרעיפערס, וואס האבן זיך אזוי חוצפה'דיק געריסן טיף אין די וואלקנס. מיטאמאל האט ער דערפילט אן אומהיימלעכע אומרואיקייט און זיך דערמאנט אין א מעלאדיע פון אן אלט ליד: „שיידן טוט וויי". די טענער האבן אים פארוויגט, ווי די כוואליעס אונטערן שיף, און אין אים דערוועקט זיסע דערינערונגען. יענע נאכט פון זיין ערשטן אויפטריט אין דער קייזערלעכער בערלינער אפערא. דאס פובליקום איז ווילד פון באגייסטערונג, בלומען פאלן אויף דער בינע, ווי א רעגן . . . און דאן די קריטיק . . . „אן אויפגייענדער שטערן", „דער שטאלץ פון דייטשן רייך". אזוי איז געגאנגען גאנצע פופצן יאר פון איין דערפאלג צום צווייטן, ביז . . . ביז מיטאמאל זיינען די גרויסע טויערן פון דער בערלינער אפערא פארמאכט געווארן פאר אים אויף אייביק. ער, דער „שטאלץ פון דייטשן רייך", איז א איד . . . און נאך דערצו אן אויסלענדער.

דאס שטארקע פייפן פון שיף האט מיטאמאל איבערגעריסן זיינע געדאנקען. די שיף האט זיך אפגעשטעלט, מענטשן האבן געטומלט. געשריען און זיך אין א קנויל א לאז געטאן צום ארויסגאנג, און צווישן זיי האט זיך אויך געפלאנטערט דער בארימטער בערלינער אפערא־זינגער פריטץ קוהנע, וועלכער האט מיט ניט־זיכערע טריט אונטער זיך דערפילט דעם באדן פון דעם לאנד פון פרייהייט און גלייכבארעכטיקונג.

גלייך נאך די ערשטע דריי חדשים איז פריטץ קוהנע אומ'רחמנות'דיק ארייגעכאפט געווארן אונטער די רעדער פונם ניו־

יאָרקער האַרטן און ברויזנדן לעבן, וואָס האָט אים ווי צעמאַלן. ערגע־וואו איז אַן ענגען צימער אין אַ דייטשער געגנט פלעגט ער שפינען די ווייטערע פּלענער פאַר זיין צוקונפט אין נייעם לאַנד. טאָ־טעגלעך פלעגט ער לויפן צו פאַרשידענע טעאַטער־מענעדזשערס, אַגענ־טורן, און איבעראַל פלעגט ער באַקומען דעם זעלבן ענטפער: אַי עם סאַרי, מיר האָבן גאָרניט פאַר אייך. אים פלעגט דאָז מער שניידן ווי מיט מעסערס דער שפּאָטישער שעלמישער שמייכל פון דער לאַנגער דאַרער מיידל, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ סענדוויטש, ווי דאָס וואָס ס׳איז פאַר אים קיין אַרבעט ניטאָ. זי פלעג״ די ווערטער אַרויסריידן אַזוי מעכאַניש, ניט קוקנדיק אַפילו אויף אים. „ווייסט זי מיט וועמען זי רעדט? ער, דער באַגאַבטער זינגער פון דער קייזערלעכער בער־לינער אָפּערא, ער . . . און ווען די נויט האָט זיך טיף אַריינגעשניטן אין זיין צאַרטער נשמה, און אין זיין ענגען צימערל, האָט ער באַ־שלאָסן אָנצונעמען אַ שטעלע אַלס זינגער אין אַ נאַכט־קלוב.

— פון ניין אַזייגער ביינאַכט, — האָט אים דער אַגענט פון בראָדוויי אָפּים דערקלערט, אַרויסלאָזנדיק דעם רויך פון אַ ברענענדן ציגאַר, — ביז פיר אַזייגער אין דער פרי. דער פּרייז איז . . . אָט איז דער אַדרעס, — האָט ער אים אונטערגערוקט אַ ווייס שטיקל פּאַפּיר, — מאָרגן קענט איר אָנהייבן.

מיט וואַקלדיקע טריט איז פריטץ קוהנע אַוועק צו זיך אַהיים, דעם קאָפּ טיף איינגעקאָרטשעט אין די אַקסלען, ווי ער זאָל זיך שעמען פאַר זיך אַליין . . . און ווען ער איז אויפן אַנדערן טאָג געקומען צו דער אַרבעט, האָט אים נאָך ביי דער טיר באַגעגנט דער גרילצנדיקער דזשעז־אָרקעסטער, וואָס האָט געראָוועט ווי אַ ווילדע חיה, און די וואולגאַרע געלעכטערס פון די געסט, און ער האָט פּלוצים דערפילט ווי עפּעס וואָלט זיך ביי אים אין האַרצן אָפּגעריסן. און צווישן די ציין האָט ער אַרויסגעקוועטשט: ניין! כ׳קען ניט . . . איך . . . בעסער שטאַרבן פאַר הו:״יי״ר אין גאַס. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער געשטאַנען איינגעקוועטשט צווישן אַ מענטשן־מאַסע אין סאַבוועי אויפן וועג צוריק אַהיים צו זיך אין ענגען צימערל..

אַ גאַנצן טאָג האָט פריטץ קוהנע אַרומגעבלאָנקעט אַן אַ צוועק איבער די ניו־יאָרקער גאַסן פאַרטיפט אין געדאַנקען. האָט ער פאַר־בלאָנדזשעט אויף דער איסט סאַיד. אָפּגעריסענע געשרייען פון פּוש־קאַרט־פּעדלערס, אָפּגעהאַקטע מעלאָדיעס פון גרילצנדיקע וויקטראָלעס

און גראמאפאנען האבן אים אויפגעוועקט פון זיינע געדאנקען. פון א קליין קרעמל, וואס איז אינגאנצן געווען פארקלעפט מיט בילדער פון חזנים מיט בערד, און אן בערד, האט זיך אין גאס אריין געטראגן די מעלאדיע פון „הנני העני״. פון דער אנדערער זייט קעגנאיבער האט א גראמאפאן אויסגעקרעכצט די מעלאדיע פון כל־נדרי. אויף די פושקארטס זיינען געלעגן אויסגעלייגט מחזורים און אנדערע אר־טיקלען פאר ימים נוראים. צוערשט האט אים אלץ אויסגעקוקט מאד־נע, אבער מיטאמאל האט ער זיך ווי אין עפּיס דערמאנט: „ער איז דאך א איד״. ווען ניט דאס וואלט ער דאך איצט דא ניט געווען. ער האט אלץ ארום גענומען באטראכטן מיט א באזונדערער נייגערי־קייט, און זיך וואס אמאל מער צוגעהערט צו די טענער פון כל־נדרי, וואס האבן זיך אויסגעמישט מיטן טומל פון גאס. צום ערשטן מאל ווי פריטץ קוהנע, דער אפערא־זינגער, האט זיך איצט דערמאנט אין זיין פארגאנגענהייט מיט א סך יארן צוריק. ניט אן יענער פארגאנ־גענהייט פון פראכט און גלאנץ אין בערלינער אפערא, נאר אן די קינדער־יארן פון זיין שטעטל אין גאליציע, וואו זיין טאטע איז געווען א חזן אין שול, און ווער ער, זיין טאטנס משורר (אונטערהאלטער), האט נאך געהייסן אפרים קירשענבוים, ווי מאדנע ענלעך די כל־נדרי־טענער זיינען עס צו זיין פאטערס אמאליקן כל־נדרי, וואס ער פלעגט עס מיט אים איינ׳חזר׳ן פאר יום־כפור.

שעה׳ן לאנג איז ער געשטאנען ביים פענצטערל פון זיין ענגען צימערל און וואס אמאל וויטער און העכער האבן זיך געצויגן תפילות מעלאדיען: כ־ל נ־ד־ר־י אוי אוי ו־ו־א־ס־רי. וואס אמאל איז אים די דאזיקע מעלאדיע געווארן ליבער און טייערער. ער האט אין די טענער מיטאמאל געפונען א טרייסט פאר אלע זיינע צרות, פאר זיין גאנצן וויטאק און צער און זיי האבן אים וואס אמאל מער געבראכט טרייסט און דערלייכטערונגען אין די איצטיקע שווערע מינוטן פון זיין לעבן.

א וואך שפעטער, און פריטץ קוהנע, דער בערלינער אפערא־זינגער, האט זיך אין דער באגלייטונג פון א פיפיקן חזנים־מענעדזשער געפונען צווישן א פאר חזנים, וועלכע זיינען געקומען מאכן פראבע אין א ברוקלינער שול, וואס האט געזוכט א חזן פאר ימים נוראים.

— דאס איז, — האט אים דער מענעדזשער פארשטעלט פארן פרעזידענט, — א בארימטער בערלינער חזן.

נאכדעם ווי צוויי חזנים האבן פארענדיקט זייער פראבע, האט דער שמש א קלאפ געטאן אין באלעמער. דער עולם איז שטיל געבליבן און דער „בערלינער חזן" איז מיט ניט־זיכערע טריט ארויף אויפן באלעמער. ער האט געווארפן א פארצווייפלטן בליק אויף די פארזאמלטע אידן, און דערזעענדיק פאר זיך וואכעדיקע פנימ'ער זיצן גלייכגילטיק אויף די ארומיקע בענק, האט ער א טראכט געטאן, אז ס'איז ארויסגעווארפן די ארבעט. זיי וועלן עס זיין די מבינים אויף זיין קונסט? און ווען ער האט ארויסגעזאגט דאס ערשטע ווארט, האט ער געפילט ווי עס קומט ארויס אזוי טרוקן, אז ער ווארגט אים, אבער דערזעענדיקט פאר זיך קעגנאיבער דעם ארון קודש, די מנורות, זיינען פאר אים ווידער ארויפגעשוואומען זיינע אמאליקע קינדער־יארן אין קליינעם גאליציאנער שטעטל און די טענער פון זיין טאטנס כל־נדרי. ער האט פארגעסן אלץ ארום זיך, און וואס אמאל העכער אנגעהויבן ציען די ווערטער כ־ל נ־ד־ר־י אוי אוי אוי אוי ו־א־ס־ירי.

די טענער האבן זיך געטראגן אין שול ווי א שטומער פראטעסט. מיטאמאל האט ער דערפילט, אז זיינע צרות זיינען דא אין דער מעלאדיע אויסגעגאסן, די צרות פון א גאנץ פאלק, און די אידן, דא אין שול, זיינען אים איצט וואס אמאל נעענטער און ליבער געווארן.

די פנימ'ער פון די צוהערער האבן זיך פאר אים געוומען אויסשיילן, ווי דורך א טומאן, ערנסט פאר'דאגה'טע און טרויעריקע. אין א קונסט־מוזעאום האט ער אמאל געזען אזעלכע פנימ'ער פון א באַרימטן מאלער, וואס האט זיין ווערק גערופן „געטא־אידן". קעגנאיבער אים איז געזעסן א איד, דעם קאפ אנגעשפארט אויףביידע הענט א פארזארגטער. א צווייטער האט שטילערהייט אונטערגעברומט מיט אים די טענער. א דריטער האט אוועקגעקוקט אין דער אומבאקאנטער ווייטקייט, ווי ער זאל זיך וועלן אז עפעס דערמאנען. און א ווארימקייט, אן אנגענעמע ווארימקייט האט זיך אין אים צעגאסן: —

מ־י ו ם כפ־ר־י־ם ז־ה, — האט ער ווייטער געברומט מיט זיין ליבנשטימע, וואס אמאל מעכטיקער און שטארקער, און ווען ער האט פארענדיקט זיין פראבע, איז דער פרעזידענט צו אים ארויף אויפן באַלעמער און אים ווארים געדריקט די האנט מיט דער באמערקונג: „די שטעלע איז אייערע".

ראביי „בוירט"

סעם קאהען, דער פּרעזידענט פון תלמוד תורה, דער בעל־הבית פון צוויי בשר כשר בוטשער סטאָרס אין שטעטל, איז געזעסן אויבנאָן ביים טיש מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, ווי ביים פלייש האַקן, און ברייט־לעך אַרויסגעלאָזט דעם רויך פון סיגאַר. ביי זיין רעכטער האַנט איז געזעסן דער ראַביי פון שול, וועלכער איז אויך דער פּרינציפּאַל פון תלמוד תורה. אַלע האָבן אים גוט־ברודעריש גערופן ביי זיין ערשטן פּעט נאָמען — „בוירט".

אין זיין וואַלינער געבורטס־שטעטל האָט ער געהייסן ברוכ'ל. דאָ אין אַמעריקע, ווען ער איז אַריין אין אַ סעמינאַר פאַר קאָנסערוואַ־טיווע רבנים, איז פון ברוכ'ל געוואָרן בויטראַם, און פון בויטראַם — בוירט. דער ראַביי האָט איצט געהאַלטן אין איין מעסטן יעדע באַ־וועגונג פון סעם קאַהען, און ווען יענער האָט עפּעס אַרויסגעזאָגט אַ טרוקענעם וויץ, האָט דער ראַביי אויסגעשאָסן זיין געלעכטערל, וואָס איז שטענדיק געהאַנגען אויף זיין ברייט מויל, ווען ער האָט דערזען דעם פּרעזידענט, און צוגעבאָמקעט אַ צופרידענער: — יו בעט!

דער מיטינג איז געווען אַ היציקער. דער טשערמאַן האָט כסדר געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיטן האַמער: „אָרדער פּליז!" מער פון אַלעמען האָט זיך געהיצט מיסעס גרינשטיין, די פּרעזידענטין פון דער ליידיס עקזילערי, אַ באַלייבטע אידענע מיט אַ שופר־נאָז, אויף וועל־כער עס האָבן זיך באַקוועם אויסגעשפּרייט אויף ביידע זייטן שורות וויינפּערלעך. — דער נייער היברו טיטשער, — האָט זי גע'טענה'ט, — קען ניט קיין ענגליש, די קינדער וועלן אים ניט פאַרשטיין! דהיס איז נאָט דהי אָלד קאַנטרי! — האָט זי מיט איר ליטווישן „סין" געצויגן די ווערטער, — דהיס איז אַמעריקע!

סמעלאַנסקי דער פיינטער, דער טרעזשורער פון תלמוד תורה, האָט געהאַלטן מיט מיסעס גרינשטיין, אַז די ערשטע זאַך וואָס אַ

היברו טיטשער דאַרף קענען אין אַמעריקע איז — ענגליש! קיין רבנים וועלן די קינדער סיי־ווי ניט ווערן! דער שוחט האָט אפילו גע'טענה'ט, אַז ענגליש לערנען די קינדער אין פּאַבליק סקול, אַז זיי וואַקסן אויף אַז אַ אידיש וואָרט, ווי אמת'ע גויים, אַז . . . האָט אָבער סעם קאָהען, דער פּרעזידענט, אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַזעלכע כמורנע אויגן, ווי איינער רעדט: דו קבצן, האָסט אויך עפּעס צו זאָגן? און דער שוחט איז שטיל געבליבן . . . וואָס דו יו סעי? בוירט? — האָט סעם קאָהען אַ קוק געטאָן אויפן ראַביי. יענער האָט זיך פּאַרזיכטיק אויפגעשטעלט, זיך אַ בייג געטאָן צום פּרעזידענטס זייט: — מר. פּרעזידענט! ליידים ענד דזשענטלמען! איך גלויב, אַז אונדזערע קינדער, די יאַנג דזשענערייזשאַן, דאַרפן אויפוואַקסן אידן, אַמעריקען דזשוס, איטס דהי גרייט פּיפּל! ווי האָט פּראָפעסאָר איינ־שטיין געזאָגט: זיגמונד פרויד, זאַראַטרוסטאַ, און — איז ער אַריינ־געפאַלן אין התפּעלות — דהי גרייט סקאָלער, דהי ווילנער גאון, סאָ העלפּ מי גאָד!

ראָוז, אַן אַלטע פאַרזעסענע בתולה, קרוב צו פערציק, מיט אַ ווייס־געפּודערטער שפּיץ נאָז, מיט בלוט־רויטע נעגעלעך און נאָך רוי־טערע אויגן פון שלאָפלאָזע נעכט, די סעקרעטאַרין פון תלמוד תורה, איז געווען די איינציקע, וואָס האָט זיך דערוויילע אָפּגעהאַלטן אַרויס־זאָגן איר מיינונג וועגן היברו טיטשער. — מ'דאַרף אים צוערשט זען! — האָט זי גע'טענה'ט . . .

סעם קאָהען האָט פאַררויכערט אַ צווייטן סיגאַר, אַרויפגעצויגן די העמד־אַרבל העכער און אַ זאָג געטאָן:

— איך גלויב, איר זענט גערעכט. מ'דאַרף טאַקע זען דעם טיטשער אַליין. מייק! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום אײרישן דזשעניטאָר, ברענג אַריין דעם היברו טיטשער!

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ דערשראָקענעם פּנים, און זיך פאַר אַלעמען פאַרנייגט מיט „אַ גוטן אָוונט".

די ערשטע, וואָס האָט אים מכבד געווען מיט אַ „האַ־דו־יו־דו"— איז געווען ראָוז, די סעקרעטאַרין. איר בלאַסע נאָז איז נאָך בלאַסער געוואָרן, ווען זי האָט דעם לערער דערלאַנגט איר אויסגעצערטע האַנט. מיסעס גרינשטיין האָט אַרויפגעזעצט די ברילן אויפן באַוויינפּערלעכטן

נאָז, אָפּגעמאָסטן דעם לערער פון קאָפּ ביז די פיס, און צופרידן שמייכלענדיק באַמערקט: „נאַט בעד . . .”

— סיט דאון! — האָט סעם קאָהען האַלב פרייַנטלעך און האַלב באַפעלעריש זיך געווענדט צום לערער. אים איז שטאַרק געפעלן ווי דער לערער האָט זיך אַ צעטומלטער אַוועקגעזעצט.

— ווי לאַנג אין אַמעריקע? — האָט סעם קאָהען ברייטלעך אַ צי געטאָן דעם ציגאַר, זיך גלאַט אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— אַ . . . האַלב יאָר . . . — האָט דער לערער גענומען שטאַמלען.

— אַזוי גאָר? — האָט סעם קאָהען פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, — נאָך גאָר אַ גרינהאָרן!

— פון וואַנען קומט אַ איד? — האָט זיך דער שוחט מער ניט געקענט איינהאַלטן.

— פון גאַליציע, — האָט יענער גלייך אָפּגעענטפערט.

סעם קאָהען האָט עפּעס געוואָלט זאָגן צום שוחט, אָבער דער־הערט דאָס וואָרט „גאַליציע”, זיינען אים די ווערטער געבליבן שטעקן אין האַלדז, און ער איז גלייך אַריבער אויף אידיש.

— פון . . . גאַליציע, זאָגט איר? — האָט ער ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון לערער. — פון וואָס פאַר אַ שטאָט?

— פון וויעלעפּאָלע, — האָט דער לערער געענטפערט.

— פון וויעלעפּאָלע?! — האָט סעם קאָהען אַ אומרואיקער געצויגן די ווערטער, — אַ ו ו י ע ל ע פּ אָ ל ע ר? — האָט ער נאָכ־אַמאָל איבערגע׳חזר׳ט, — און דעם וויעלאָפּאָליער רבי׳ן האָט איר געקענט? — האָט ער אַ נייגעריקער געקוקט אויפן יונגנמאַן.

— איך, האָט דער יונגערמאַן רואיק געענטפערט, — בין טאַקע דעם וויעלאָפּאָליערס אַן אייניקל.

סעם קאָהען האָט אַן אומרואיקער אָנגעהויבן פּינטלען מיט די אויגן, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט זיך איצט קענטיק שווער קאָנטראָלירט און אָנגענומען זיין פריערדיקע שטרענגע פּאָזע אַלס פּרעזידענט. ס׳איז בעסער וואָס ווייניקער זיך איצט נאָכפרעגן אויף זיין שטעטל, — האָט ער זיך געטראַכט. — אים פּאַסט איצט ניט מער, אַז אַלע דאָ ביים מיטינג זאָלן זיך דערוויסן זיין יחוס . . .

— יו נאָו, — איז ער אַריבער אויף ענגליש, — מיר ווילן דאָ, אין אונדזער תלמוד תורה די נייע מעטאָדע פון עברי בעברי (עברית בעברית). יו נאָו, — איז ער מיטאַמאָל שטרענג געוואָרן, — ס׳איז

ניט אין אייערע בלאַטיקע שטעטלעך אין גאַליציע, וואו זיי זיינען געשטאַרבן צען מאָל אַ טאָג פון הונגער און אַ גאַנצן טאָג געקוועטשט די באַנק אין די חדרים, און שפּעטער אין בית־המדרש. קבצנים! מיוחסים! — האָט ער גענומען אַ העכערן טאָן, ווי ער וואָלט זיך גראָד איצט דערמאָנט אַז אַלטע קריוודעס . . . זעענדיק ווי אַלע קוקן אויף אים, ווי זיי וואָלטן אים געכאַפּט ביי דער האַנט — איז ער מילדער געוואָרן: — „דהיס קאַנטרי איז מאַדערן!" האָט ער געצויגן די ווערטער, — די נייע מעטאָדע ווילן מיר, און איר זעט אויס צו זיין אַ גאַנץ פיינער און געלערנטער יונגערמאַן, — איז ער וואָס אַמאָל ווייכער געוואָרן. — איבערהויפּט, — האָט ער קוקנדיק אויפן ראַביי צוגעגעבן, — אַז אונדזער ראַביי האָט אייך פאַרהערט און ער זאָגט, אַז איר קענט די נייע מעטאָדע.

ראַביי בווירט האָט מיט זיין וואַנצעלע געלעכטער צוגעבאַמקעט אויף יאָ, און אַזוי איז בערגער געוואָרן דער העברייאישער לערער אין דעם אַמעריקאַנעם פּראָווינץ־שטעטל.

דעם ערשטן קבלת פּנים האָט בערגער באַקומען צומאָרגנס, ווען ראַביי בווירט האָט אים אַריינגעפירט אין קלאַס פון תלמוד תורה. חברה קליינוואַרג זיינען געזעסן אויף די בענק אין פאַרשידענע פּאָזעס. אויף דער ערשטער באַנק איז איינער געזעסן אויף אַלע פיר, אַנדערע האָבן געהאַט אַרומגעבונדן די קעפּ מיט נאָז־טיכלעך אנשטאָט יאַרמולקעס, צוויי יאַטן האָבן געטראָגן אַרומגעשניטענע אַלטע קאַפּעליושן מיט זיגזאַג־לעכלעך, די אַנדערע — גרינע און בלויע פּאַפּירענע יאַרמולקעס.

— טשילדרען! דהיס איז טהע ניו טיטשער! — האָט דער ראַביי פאַרגעשטעלט בערגערן.

באַלד האָבן זיך דערהערט קולות: „ראַ! ראַ! ראַ! ראַ! ראַ! ראַ! פאָר דהי טיטשער! ראַ! ראַ! ראַ! ראַ! פאָר דהי ראַביי!"

די קולות זיינען וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן. די קינדער זיינען געשפּרונגען איבער די בענק ווי די האָזן.

— קווייעט פּליז! — האָט ראַביי בווירט געשריען.

— מנוחה! — האָט אים בערגער צוגעהאָלפן.

אָבער דער טומל איז וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרן. אַ פאַר־צווייפלטער איז ראַביי בווירט געלאָפן פון איין באַנק צו דער אַנדערער און זיך געבעטן: אָרדער! קווייעט! ענדלעך זיינען חברה מידע און פאַרשוויצטע שטיל געבליבן.

באַגי! — האָט דער ראַביי אַ זאָג געטאָן צו אַ בחור׳ל מיט רויטע פּלעקן און אַ כיטרען שמייכל אויפן פּנים, — ברענג אַריין די סדורים!

באַגי האָט אַ שפּרונג געטאָן פון דער באַנק, אַרויסגענומען פון אַ שראַנק מיט צעבראָכענע שויבן אַ פּאַק צעריסענע סדורים און טאַוולען און אַוועקגעלייגט די סדורים אויף די בענק.

— אַשרי! — האָב ראַביי בווירט געגעבן אַ באַפעל. האָט אָבער אין אַ גרעסערן טייל סדורים געפעלט דאָס בלעטל פון אַשרי.

— נשמת! — האָט ראַביי בווירט אַ צווייטן באַפעל געגעבן. און יעדער האָט געזאָגט צוויי פּסוקים.

שפּעטער האָט אים ראַביי בווירט איבערגעגעבן די אַנדערע קלאַסן:

— דער קלאַס לערנט היסטאָריע, און דער לערנט העברייאיש, — האָט אים דער ראַביי פאַרגעשטעלט. פון דער היסטאָריע האָבן די קינדער בלויז געוואוסט פון אָדם און חוה, קין און הבל, ביז דער מעשה פון יעקב און עשיו; אין העברייאישן קלאַס — פון שלחן ביז המורה עומד.

יעדן פאַרנאַכט, ווען די קינדער פלעגן נאָך דער פּאַבליק סקול קומען אין תלמוד תורה, פלעגט זיך איבער׳חזר׳ן דאָס זעלבע בילד: ווי אַן אַרמיי סאָלדאַטן פלעגן זיי, פאַרשוויצטע פון באָל שפּילן, מיט אַ געפּילדער, ווער אויף רעדלעך, ווער מיט שטעקנס און באָלס, אַריינלאָזן זיך אויף די רעדלעך אין תלמוד תורה.

— רעבי! — האָבן זיי אַן אָטעם זיך געווענדעט צו בערגערן, — „מייק איט קוויק! (מאָד עם שנעל) איך האָב היינט אַ פּיאַנאָ־לעסאָן! אָדער: רעבי! די מאַ האָט געזאָגט דו זאָלסט מיך לערנען דעם בר־מצוה ספּיטש, אויב ניט — קום איך ניט!

אויף שנעל האָט מען אַרויסגעשלעפּט די נאָז־טיכלעך און די פּאַפּירענע יאַרמולקעס, און זיך אַוועקגעזעצט אויף די בענק מיט זוירע און לאַנגווייליקע פּנים׳ער.

— איי דאָנט לייק היברו! — האָט איינער באַמערקט צום צווייטן. — איטס לייק סינג סינג . . . — האָט אים דער צווייטער אָפּגעענטפערט.

אַז אויסגעמאַטערטער, ווי נאָך אַן אמת׳ער שלאַכט, פלעגט בערגער אַהיימקומען שפּעט אין די אָוונטן פון תלמוד תורה אויף זיין קוואַר־טיר. ער פלעגט דאַן פשוט ניט קענען אַרויסריידן אַ וואָרט. די בעל־

הבית'טע זיינע פלעגט דאַן מיט אים איינ'טענה'ן, אַז אַזאַ פיינער און אינטעליגענטער יונגערמאַן, ווי ער, דאַרף זיך ניט פאַרנעמען מיט אַזאַ מיאוס'ער פראַפעסיע ווי מלמדות. ער דאַרף חתונה האָבן מיט אַ רייכער כלה, גיין אין ביזנעס און ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך. און אין איינוועגס, האָט זי אים טאַקע געגעבן אָנצוהערן, אַז זי האָט עס טאַקע פאַר אים אַזאַ רייכע כלה. דאָס איז ראָוז, די סעקרעטאַרין פון תלמוד־תורה, אירע אַן אייגענע. ער וועט אַריינקומען אין אַ פיינער משפחה, ער וועט זיין אַ גליקלעכער . . . און ווען ער האָט איר אַ פאָר מאָל אָפגעענטפערט, אַז ער האַלט ניט ביי קיין שידוך, האָט זי אים פשוט געהייסן זוכן אַן אַנדער קוואַרטיר.

די פרייטיקס־צו־נאַכטן און שבתים פלעגן פאַר אים זיין אַן אָפּ־קומעניש, ווען ראַביי בוירט האָט געפראַוועט „סוירוויסעס" פאַרן עולם און ער האָט געמוזט זיצן און צוקוקן. אַלטע באַיאָרטע אידן און אידענעס פלעגן זיצן מיט אָפענע סדורים, די תפילות איבערגעזעצט אויף ענגליש, דער ראַביי אָנגעטאָן אין אַ גלח'ישן מאַנטל האָט מיט פאַרגלייזטע אויגן אונטער דער נאָז געצויגן די ווערטער: — אָ לאָרד! אַור פאַטהער! . . . — און די באַיאָרטע אידענעס האָבן וואָרט ביי וואָרט נאָכגעזאָגט. נאָכדעם האָט דער ראַביי מיטן זעלבן גאָטספאָרכ־טיקן בליק, אויף זיין ריין ליטווישן ענגליש געמאַכט קידוש, „יאום הסיסי ויכלוי הסאָמים", און די ווייבער האָבן מיט דרך ארץ פאַר־ענדיקט: אַמען! און שבת אין דער פרי, די סוירוויסעס מיט די קינדער, ווען דער ראַביי און ער האָבן געזאָגט יעדן פסוק פון שבת'דיקן דאַווענען, די קינדער האָבן גלייכגילטיק נאָכגעזאָגט, און דער ראַביי האָט זיי אין זיין ספיטש געוואָרנט, אַז שבת איז אַ הייליקער רו־טאָג, מ'טאָר ניט אַרבעטן, מ'טאָר ניט גיין אין די מואַוויס, מ'טאָר ניט . . . און ווען ער איז שפּעטער פאַרבייגעגאַנגען מעין סטריט און געזען ווי די אַלע טאַטעס פון זייערע קינדער שטייען אין זייערע אָפענע סטאָרס און ביי די מואַוויס שטייען לאַנגע ליינס פון די תלמוד תורה קינדער...

ס'זיינען געקומען די האַלב־יערליכע עקזאַמענס. ראַביי בוירט איז אַ צעטומלטער אַרומגעלאָפן איבער די קלאַסן, געגעבן שטרענגע באַפעלן; צום הונדערסטן מאָל איבערגע'חזר'ט מיט די קינדער די מעשה פון קין און הבל, פון יעקב און עשיו, און אויף צוריקוועגס איבערגע'חזר'ט מיט די קינדער די טוצן העברייאישע ווערטער.

אין טאָג פון דער פריפונג איז סעם קאָהען געזעסן אויבנאָן פון

דער שול־קאָמיסיע און די פּראָמינענטע געסט, וועלכע זיינען ספּעציעל איינגעלאַדן געוואָרן צו דער פּריפונג. דער פּרעזידענט האָט די ערשטע פראַגע געפרעגט:

— ווער איז געווען אייברעהעם? — האָט ער זיך געווענדט צום קלאַס. — איז עס געווען אייברעהעם לינקאָלן?

— נאָו! — האָבן די קינדערשע קולות געקוויטשעט. — ער איז געווען אַ איד!

— און דזשייקאָב? (יעקב) וועמענס טאַטע איז ער געווען? — האָט סעם קאָהען ווידער אַ פרעג געטאָן.

— אייזיקס! — האָבן זיך אַ טוצן הענטלעך אַ הייב געטאָן.

ראַביי בוירט איז אַרומגעלאָפן פון איין באַנק צו דער צווייטער, אַ ווייז געטאָן אַ בוך און אַ פרעג געטאָן: מה זה?

— מה זה, — האָט אַ העלפט נאָכגעזאָגט בעת דער אַנדער העלפט האָט הילכיק אָפּגעענטפערט: ספר! ווי זיי וואָלטן דאָ גע־מאַכט די גרעסטע אַנטדעקונג.

— מה זה? — האָט ראַביי בוירט ווייטער געפרעגט, ווייזנדיק אויפן טיש, אויפן שטול, אויף די בענק.

— שלחן! כסא! ספסל! לוח . . . — האָבן די קינדער ווי אין אַ כאָר געליאַרמט.

— עקסעלענט! — האָט דער רעפאָרם־ראַביי, איינער פון די געלאַדענע געסט, אונטערגעברומט.

— וואָנדערפול! — האָט מיסעס לאַמבערג, די פּאַרטרעטעריין פון דער „דזשואיש פעדעריישאַן", וואָס דעקט דעם יערלעכן בודזשעט פון דער תלמוד תורה, אונטערגעבאַפט.

— איטס דהי מאָדערן פּאַלעסטיין היברו! — האָט דער רעפאָרם־ראַביי זיך געווענדעט צו די פרויען מעשה מבין. דערנאָך האָט אַ מיידעלע דערציילט די מעשה פון אדם און חוה, אַ צווייטע האָט דערציילט וועגן קין און הבל, און אַ אינגל — וועגן יעקב און עשיו.

דער אָרטאָדאָקסישער רב, וואָס איז אויך געווען איינער פון די געלאַדענע געסט און איז די גאַנצע צייט געזעסן אַן אַ זייט, האָט אויך עפּעס געוואָלט פרעגן די קינדער, אָבער ראַביי בוירט האָט אויף שנעל די קינדער געגעבן אַ באַפעל אויפצושטיין און צו זינגען די „התקוה" און „סטאַר ספּענגלד בענער".

נאָכן זינגען האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער אָפיציעלער פּראָגראַם

פון דער פייערונג. סעם קאהען האט אין זיין ספיטש אנגעוויזן אויף די גרויסע פארדינסטן פון ראביי בוירט פארן יונגען אידישן דור און פארן גאנצן אידישן פאלק. דער רעפארם־ראביי, דר. מילטאן, האט גערעדט וועגן די גרויסע פערספעקטיוון פון דער אידישער יוגנט אין אמעריקע און פאטעטיש פארענדיקט: — טו בי ען אמעריקען! — ענד איי דזשו!.

ראביי בוירט האט גערעדט וועגן דער שווערער און גרויסער פאראנטווארטלעכקייט, וואס דאס אידישע לעבן לייגט ארויף אויף א גייסטיקן פארשטייער און דערציער! דעם פרעזידענטס אינגל האט אויף א סאקסאפאן אויסגעבלאזן א דזשעז־ליד „ראמאנא”. דעם טרעזשורערס טאכטער האט געזונגען „האט א איד א ווייבעלע”, און די ווייבער האבן זיך ניט געקענט אפלויבן פון איר אידיש, כאטש זי און אן אמעריקאנער געבוירענע. נאכדעם האט די לידים אוקזילערי סערווירט רעפרעשמענטס, און ביים איבערבייסן האט מרס. גרינשטיין, די פרעזידענטין פון דער לידים אוקזילערי, אנאנסירט, אז די לידים אוקזילערי האט באשלאסן צו געבן דעם ראביי א טשעק פון צוויי הונדערט דאלאר פאר זיין וואונדערלעכער ארבעט אין דער תלמוד תורה, און אלע האבן דעם באשלוס אפלאדירט.

שפעט ביינאכט איז בערגער ארויס פון תלמוד תורה. די סצענעס פון דער פריפינג האבן אים אינגאנצן צעבראכן. שעה'ן לאנג האט ער זיך ארומגעדרייט איבער די ליידיקע געסלעך פון שטעטל און ניט געקענט קומען צו זיך. דאס פנים האט אים געברענט פון בושה און פארדרוס: — וואס פאר א היפאקריטן! — האט ער זיך געטראכט. — קאמעדיאנטן האבן עס געפראוועט א קאמעדיע, א בורלעסק . . . א . . . א . . .

זיצנדיק אויף א באנק אליין אין שטעטלדיקן פארק, האט ער זיך אין דער שטילקייט פון דער נאכט דערמאנט די בחינה מיט א יאר צוריק אין דער תרבות שולע פון שטעטל אויף יענער זייט ים; אויסגעבלייכטע בארוועסע קינדערלעך האבן גערעדט מיט פייער און התלהבות וועגן דער צוקונפט פון אידישן פאלק, וועגן ביאליקן, וועגן רמב"ם, וועגן יהודה הלוי. ער וועט קיינמאל ניט פארגעסן ווי א קליין צעניאריק מיידעלע, איינע פון זיינע תלמידות, האט דעקלאמירט ביאליקס „אל הצפור” מיט אזוי פיל נשמה, מיט אזוי פיל פאטאס, אז אירע ווערטער קלינגען נאך איצט פאר אים, און דערנאך די באגייס־

טערטע רעדעס פון „ועד החנוך”. די פאַרנאַכטן פון דער שטעטלדיקער יוגנט האָבן פאַר אים איצט מיט איינמאָל אין דער אָרומיקער שטיל־קייט אויפגעבליצט. אַלע לויפן זיי איבט פאַר אים פאַרביי: בתיה מיט די שוואַרצע צעפ, חמדה מיט אירע מאַנדל־אויגן, און חוה, וועמען אַלע האָבן גערופן די ציגיינערין און צו וועמען ער איז ניט געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק; ער געדענקט די שמחה, וואָס האָט זיך אָפּ־געטאָן אין שטעטל, ווען זיי האָבן באַקומען סערטיפיקאַטן צו פאָרן קיין ארץ ישראל. ביזן העלן טאָג אַריין האָבן חברה געטאַנצט, און ער איז גאָר געפאָרן קיין אַמעריקע . . . וואָס טוט ער דאָ? לערנט אלף־בית מיט קינדער אין אַ זיידן יאַרמולקע, און פּערציק־יאָריקע בתולות שדכנ'ען זיך צו אים . . . אָט דאָס איז דער ציל פון זיינע אידעאַלן און חלומות? . . .

די איינזאַמקייט האָט וואָס אַמאָל זיך טיפער אַריינגעשניטן אין זיין נשמה. אין די זונטיק נאָכמיטאָגס פלעגט ער זיך פלאָנטערן איבער די ליידיקע געסלעך פון שטעטל אָן אַ ציל, און ווען איינער פון זיינע בעלי־הבתים פלעגט אים דערזען, פלעגט ער אים אָפּשטעלן מיט אַ „העלאָ רבי!” — „אייד, — פלעגט יענער טענה'ן, — איז גוט ווי די וועלט. איר זענט אָלרייט אין אַמעריקע. איר גייט אַרום ליידיק און נעמט געלט . . . און מיר מוזן שווער אַרבעטן” . . . האָט ער באַשלאָסן, אַז ס'איז שוין בעסער צו זיצן אין דער היים, ביי זיך אין צימער . . .

די מענטשן, ביי וועמען ער האָט געוואוינט, זיינען באַשטאַנען פון אַן אַלט פּאָר פאָלק מיט דריי דערוואַקסענע זין, דער עלטסטער אַ לאָיער, דער אַנדערער אַ דאָקטאָר און דער דריטער אַ פּרייז־פייטער, און אַ טאָכטער אַ לערערין אין פּאָבליק סקול. דער טאַטע האָט ערגעץ וואו אין שטעטל געהאַלטן אַ סטאָרקע, וואו ער האָט פאַרריכט און גערייניקט אַלטע קליידער שוין אַריבער דרייסיק יאָר. דער עלטסטער זון האָט געהאַט זיין אָפיס דאון־טאון אין דער שענסטער געביידע פון מעין סטריט. שבת האָט ער זיין אָפיס געהאַלטן פאַרמאַכט, און איז געווען אַ סטריקטלי שומר שבת. דער אינגערער זון, דער דאָקטאָר, איז געווען אַ מיטגליד פון די „מייסאָנס” און אַנדערע לאָדזשעס און געהאַט ווינציק צו טאָן מיט די אידישע „קאַיקס”, ווי ער פלעגט זיי רופן פאַר די עלטערן אין די אויגן. דער פּרייז־פייטער האָט אויך ווינציק וואָס געוואוסט פון אידישקייט. דערפאַר אָבער האָט ער ביי

אַלע זיינע אַרויסטרעטונגען געטראָגן אויף זיינע קורצע הויזקעס אַ בלוי־ווייסן מגן דוד, און זיך געגרויסט מיט זיין מאַמען, וועלכע איז אַן אמת פרומע אידענע. די טאָכטער, די לערערין, קלייבט זיך חתונה האָבן מיט אַ רייכן בראָוקער פון ניו יאָרק, וועלכער קומט דריי מאָל אַ וואָך מיט אַ שפּאָגל נייעם סעדאַן. אַ גאַנצע וואָך זעט בערגער כמעט קיינעם ניט פון די הויז־מענטשן. די טיר פון זיין צימער, וואָס גייט אין עס־צימער, איז פאַרמאַכט, און מ׳זעט ניט קיין לעבעדיקן נפש. אָבער ווען ס׳קומט זונטיק און בערגער זיצט ביי זיך אין צימער איינער אַליין, הערט ער דורך דער פאַרמאַכטער טיר די שמועסן פון דער אַנדער זייט, וועלכע בייטן זיך אַ פּאָר מאָל אין טאָג. צוערשט קומט מיטאָג־צייט. אַזוי שנעל ווי עס דערהערט זיך דאָס בלאָזן פון דער טייערער מאַשין, טראָגן זיך טאַטע־מאַמע אַפּ אין קיך אַריין . . . באַלד דערהערן זיך פון יענער זייט געשרייען: האַלאָ דאָק! האַלאָ באָב! האַלאָ סעם, דזשעק! די הויפּט שמועסן דרייען זיך געווייגלעך אַרום ביזנעס. דער לאַיער שרייט אַלעמען אַריבער . . . נאָכדעם הייבן זיך אָן פויגלע און נארישע וויצן: בעליוו מי, — הערט זיך דעם דאָקטאָרס לאַכעדיקע שטימע, — סעם, דו האָסט אַ גוטן פאַרטנער צו דיינע ביזנעס, ס א ב א ט א ב ז ע ר ו ו ע ר! ציט ער לאַכנדיק די ווערטער, — ניט קיין שלעכט געשעפט, זיי לויפן צו דיר, די קאַיקס . . . כע־כע־כע!

— שאַט אַפּ! — בייזערט זיך דער לאַיער האַלב גוטמוטיק.

דער פּרייז־פּייטער דערציילט פון זיינע בוכצעס, וואָס ער האָט יענעם זונטיק דערלאַנגט זיין געגנער, אַ געזונטן איירישמאַן, און ווי די אידן האָבן אים צוגעטראָגן אַ גאָלדענעם בעכער. דער בראָוקער דערציילט די נייעסטע ניו־יאָרקער „האָט דזשאָוקס״, און אַלע האַלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער.

באַלד ווערט שטיל אין צימער און דאָס פּייפן און הוזשען פון די קאָרס טראָגט זיך איבערן געסל. אַ האַלבע שעה שפּעטער — און פון עס־צימער דערהערן זיך אַנדערע שטימען: — האַלאָ סעמקע! אַלטער הינער־פּרעסער, האַלאָ! שיקסעניק! — און באַלד דערהערט זיך דאָס טאַשן פון קאָרטן. דאָס שפּילט דער שניידער איצט אַ פּינאָקל. פאַרנאַכט־צו הערן זיך שוין פון דאָרט קוויטשעדיקע פרויען־שטימען און דער קלאַנג פון גלעזער. דאָס שפּילט מען איצט אין ברידזש. קומט אַמאָל אוים, אַז וועד פון די הויז־מענטשן עס באַגעגנט בערגערן,

קוקן זיי אויף אים אזוי ווי עפּעס אויף איינעם פון א נידעריקערע־ראַסע. נאָכאַלעמען — וואָס פּאַר אַ ראָלע שפּילט ער, אַ מלמד, אַ גרינהאָרן, קענן אַז אַמעריקאַנער לאַיער, אַ דאָקטאָר און אַ פּרייוו־פּיטער ? אַמאָל האָט עס פּאַסירט, אַז ביים אַרויסגיין אין אַ פּרי־מאָרגן, האָט בערגער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער סקול־לערערין, און ווען ער האָט זי אומבאַמערקטערהייט באַגריסט, האָט יענע אויף אים געקוקט מיט אַ מין חוזק־שמייכל, וואָס האָט אים ווי מיט שפּיל־קעס געשטאָכן. די מאַמע רעדט נאָך מיט אים אַמאָל אַ וואָרט, איבער־הויפּט האָט זי ליב צו ריידן וועגן איר זון דעם לאַיער, וואָס איז אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, און איז אַ שומר שבת, און זינט ער האָט אויפגעמאַכט דעם אָפיס, האָט ער קיין איין שבת ניט געהאַלטן אָפן, — איר ווייסט וויפל טויזנטער ער האָט היזק ? — טענה'ט די אַלטע צו בערגערן. דער טאַטע, דער שניידער, מיידט אים ווי מען גלעדט אויס. אַמאָל האָט פּאַסירט, אַז בערגער האָט פאַרגעסן צוצומאַכן די טיר פון זיין צימער, וואָס גייט אין עס־צימער, האָט דער שניידער זיך געבייזערט אויף זיין פרוי, וואָס זי באַדערט זיך מיט באָרדערס אין הויז.

ווען בערגער איז אַמאָל, שפּעט אין אָוונט, אַהיימגעקומען אַז אויסגעמאַטערטער פון תלמוד תורה, האָט ער ביי זיך אין צימער געפונען אַן איינלאַדונג פון דער „לידיס אוקזילערי" פון תלמוד תורה, צו אַן אונטערנעמונג, וואָס וועט פאָרקומען דעם שבת אָוונט אין קאָמיוניטי צענטער. אין דער איינלאַדונג, וועלכע איז געווען אונטער־געשריבן פון מרס. וויינשטיין, די פּרעזידענטין, האָט זיך בפירוש גע־זאָגט, אַז ער, בערגער, וועט זיין איינער פון די רעדנער אויף דער אונטערנעמונג. בערגער האָט אַ טראַכט געטאָן : עס וואָלט ניט גע־שאַדט אַ קוק צו טאָן ווי אַזאַ אונטערנעמונג זעט אויס, און ער האָט באַשלאָסן צו גיין.

שבת אָוונט, ווען ער איז אַריין אין זאַל פון קאָמיוניטי צענטער, האָבן אים גלייך ביי דער טיר באַגעגנט דאָס ווילדע רעוועס פון דזשעז מיט די וווהופּי געשרייען פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. אויף אַ ווײַלע איז ער פאַרטומלט געוואָרן און געוואָלט גיין צוריק, אָבער מרס. וויינשטיין איז פון ערגעץ אויסגעוואַקסן און אים באַגריסט מיט אַ פריינטלעכן „גוד איווונינג טיטשער !", גענומען אים אונטערן אָרעם און אים איינגערוימט : — מיר ווילן דאָ מאַכן אַז אַפילו פאַר אונדזער

תלמוד תורה. איר טיטשער וועט עס טאָן, ווייל דער ראַביי פּאַרט היינט ביינאַכט צו אַ קאַנווענשאַן אין ניו יאָרק. זאָלן זיי זיך צו־ערשט גוט אַנטאַנצן, און דאַן וועט איר מאַכן דעם אַפּיל! — און זי איז גלייך פאַרשוואונדן צווישן עולם.

בערגער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ בענקל ביי דער וואַנט און זיך צוגעקוקט צום טומל. טאַנצנדיקע פּאָרלעך זיינען פאַר אים איינע נאָך די אַנדערע פאַרבייגעשוועבט זינגענדיק צום טאַקט פון דער מוזיק אַ פּאָפּולערע דזשעז־ליד „יעס סיר, שי איז מיי בייבי״... אים האָט אויסגעוויזן ווי זיי רייצן זיך מיט אים... אָט אַזוי וועט דאָ דיין גאַנץ לעבן אין שטעטל פאַרבייטאַנצן...

פון ערגעץ־וואו האָט זיך אַן אַלטע אידענע צו אים דערנענטערט און אים געפרעגט, אויב ער איז דער נייער מלמד פון תלמוד תורה, וואָס לערנט מיט אירע אייניקלעך? — נאָט אייך אַ סענט פאַר אַמע־ריקאַנער מלמדים! — האָט זי גע׳טענהט. — וואָס קומט אַרויס, אַז אירע אייניקלעך גייען שוין פיר יאָר אין תלמוד תורה און קענען אפילו קיין שורה ניט אָנשרייבן! זיי נעמען אומזיסט געלט! אין דער היים האָט מען געלערנט, האָבן די קינדער טאַקע געקענט, אָבער דאָ איז אַמעריקע! — האָט די אידענע געקרעכצט. אירע טענות זיינען פאַר־שטומט געוואָרן פון דער מוזיק, וואָס האָט איצט געשפּילט מיט אַלע כוחות אַ נייעם ווילדן דזשעז, און פון די געשרייען, וואָס זיינען וואָס אַמאָל העכער געוואָרן.

— קווייעט פּליז! — האָבן זיך אין מיטן טומל דערהערט גע־שרייען, אָבער די טאַנצנדיקע פּאָרלעך — ווי ניט זיי מיינט מען...

— קווייעט! — האָבן מענטשן פון אַלע זייטן גענומען שרייען.

די מוזיק האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. מרס. וויינשטיין האָט אַנאָנסירט: — אַזוי ווי ס׳יונגוואַרג וויל ניט מען זאָל זיי שטערן צו טאַנצן, וועט מען קיין אַפּיל פאַר דער תלמוד תורה ניט מאַכן. דערפאַר אָבער האָט די יאַנג פאָלקס פּריוויליק באַשלאָסן צו געבן הונדערט דאָלאַר פאַר דער תלמוד תורה, אויך צוגעזאָגט צו פאַראַנשטאַלטן אַ „פּידזשאַמי פּאַרטי״ פאַר דער תלמוד תורה! מרס. וויינשטיין האָט אויך אַנאָנסירט, אַז אויף דער לעצטער קאָרטן־פּאַרטי פון דער לידיס אוקזילערי איז אַריינגעקומען אַריבער הונ־דערט דאָלאַר פאַר דער תלמוד תורה. די פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, האָבן זיך ווייטער געדרייט איבערן זאַל.

די מוזיק האָט געשפּילט אַ נייעם בראָדווייער „היט", און בערגער האָט זיך שטיל צוגעשאַרט צום טיר און איז אַוועק . . .

איינמאָל, אין אַ פּרייטיק אָוונט, ווען בערגער איז אַהיימגעקומען פון ראַביי בוירטס סוירוויסעס און געזעסן ביי זיך אין צימער, געקוקט אויף די צוויי בילדער פון משה מאָנטעפיאָרע און דעם ווילנער גאון, וואָס די בעל־הבית'טע זיינע האָט אַראָפּגענומען פון עס־צימער און אַריינגעשמוגלט ווי קאָנטראַבאַנד צו אים אין צימער, האָט ער דערפילט אַ בענקעניש נאָך מענטשן. די איינזאַמקייט פון צימער האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ מורא. אַ ווײַלע האָט ער דורכן פענצטער געקוקט אין גאַס אַריין און געזען דאָס באַלויכטענע מואווי־טעאַטער פון דער אַנדער זייט גאַס. ער איז אויף שנעל אַראָפּ אין גאַס, צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און געקויפט אַ בילעט.

— מאַ! — האָט ער הינטער זיך דערהערט אַ באַקאַנטע שטימע, — מאַ, איטס דהי רעביי!

צומאָרגנס, שבת אינדערפרי, ביי די סוירוויסעס, האָט דאָס בחור'ל, וואָס האָט געזען בערגערן קויפן אַ בילעט און אַריינגיין אין מואווי־טעאַטער, איבערגעגעבן די וויכטיקע נייעס צו די איבעריקע קינדער. ראַביי בוירט איז געווען אין זייער אַן אויפגערעגטער שטימונג און האָט די סוירוויסעס דעם שבת פריער פאַרענדיקט; נאָך די סוירוויסעס האָט ער אַריינגערופן בערגערן זיך אין אָפיס און גלייך אָנגעהויבן:

— דאָס גאַנצע שטעטל קלינגט מיט די נייעס, אַז איר האָט פרייטיק־צו־נאַכטס געקויפט אַ בילעט און געגאַנגען אין אַ מואווי, — איר פאַרשטייט? איר דאַרפט זיין אַ מוסטער פאַר דעם יונגען דור. איר זייט זייער דערציער, לסוף זייט איר גאָר אַליין מחלל שבת!

בערגער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, באַטראַכט דאָס ערנסטע פּנים פון ראַביי און געענטפערט: — גלויבט איר ניט, אַז ניט מיין אויפפירונג, נאָר אַזאַ לערנען גראָבט אונטער דעם גלויבן ביי קינדער?

ראַביי בוירטס פּנים איז נאָך ערנסטער געוואָרן.

—וואָס מיינט איר? — האָט ער מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף בערגערן.

— איך מיין גאַנץ פּשוט, אויב מ'לערנט קינדער צו היטן שבת, און זיי זעען דעם היפּוך אין זייערע היימען . . . אויב מען לערנט קינדער אַ האַלב יאָר אַ ברמצוה ספּיטש און לייגן תפילין, און דער

טאַטע אַליין לייגט ניט קיין תפילין. אויב ... דערציט מען גייסטיקע קריפּלס, שונאים פון אידישן פאָלק. אַ אידישע יוגנט וואַקסט אויף, וואָס גלויבט, אַז אונדזער פאָלק פאַרמאָגט ניט מער ווי אַ פּאָר העברייאישע ווערטער, ווי אַ פּאָר עפּיזאָדן פון דער היסטאָריע, — האָט בערגער געריט וואָס אַמאָל פייערדיקער.

ראַביי בוירט איז אינגאַנצן בלאַס געוואָרן.

— איר זייט עס, הייסט עס, געקומען פון יוראָפּ דאָ אהער מיך לערנען ווי צו דערציען די אַמעריקאַנער קינדער?

— חלילה! — האָט בערגער שנעל אָפּגעענטפערט. — אָבער עס בלוטעט דאָס האַרץ אויף אַ יוגנט, וואָס גייט אַוועק פון אונדזער פאָלק. פאַרוואָס ניט פאַרבינדן די אידישע קינדער אין אַמעריקע מיט דער גרויסער אידישער פאַרגאַנגענהייט? מיט דער געגנוואַרט, מיט דער צוקונפט, מיט אַלע שטרעבונגען פון פאָלק, אַנשטאָט מיט אויבער־פלעכלעכע צערעמאָניעס, וואָס ווערן פון זייערע אייגענע עלטערן ניט אָפּגעהיט?

— עס טוט מיר זייער לייד, — איז דער ראַביי נאָך דער ער־שטער איבעראַשונג געקומען צו זיך, — איך בין עס דער פּרינציפּאַל פון תלמוד תורה און מיר געפעלט אַזאַ לערנען, און וועמען עס געפעלט ניט, — האָט דער ראַביי פאַרענדיקט, — קען גיין וואו ער וויל ...

ווען דער ראַביי איז מיט שנעלע טריט אַרויס פון אָפיס, איז בערגער אַ ווײַלע געבליבן שטיין און דעם ראַביס לעצטע ווערטער האָבן אים נאָך געקלונגען אין די אויערן: „וועמען עס געפעלט ניט, קען גיין וואו ער וויל!" ער איז געגעכט! האָט בערגער בײַ זיך געטראַכט.

דעם זעלבן אָוונט איז אין קאָמיוניטי צענטער פאַרגעקומען דער באַנקעט פאַר דער הילפס־אַקציע פון די געליטענע אידן אין פאַר־שידענע לענדער. בערגער האָט באַשלאָסן גיין צו דעם באַנקעט. ווער נאָך ווי ער, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געווען צווישן יענע, פילט די נויט פון יענע אידן?

בײַ ווײַס־געדעקטע טישן זײַנען געזעסן מענער און פרויען אָנ־געטאָן אין פאַרביקע פּאַפּירענע היטלען און געשמאַק געגעסן. בערגער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווײַטן ווינקל און זיך צוגעקוקט צו אַלעמען וואָס דאָ קומט פאָר. אויבנאָן זײַנען געזעסן סעם קאָהען, דער פּרעזידענט פון תלמוד תורה, גלײַך לעבן אים — ראַביי בוירט,

נאָך אים מרם. וויינשטיין, דער רעפאָרם־ראַביי, און דער עלטסטער זון פון זיינע בעלי־הבתים, דער שומר שבת, אַלע אויסגעפּוצטע אין שוואַרצע פראַקס און ווייסע העמדער, ווי חתנים.

דער שומר שבת לאַיער איז געווען דער טשערמאַן. נאָכדעם ווי מ׳האָט זיך גוט אַנגעגעסן, האָט זיך דער לאַיער אויפגעשטעלט: — סעי, — האָט אַ איד ביי בערגערס טישל באַמערקט, — ווי קומט עס וואָס דער לאַיער איז דאָ אויפן באַנקעט אַן דער איירישער שיקסע זיינער?

גנוועך מיינד! — האָט אַ צווייטער אָפּגעענטפערט. — אסור אויב דו וואָלסט זיך גע׳סמ׳ט מיט אַזאַ שיקסע...

— הי גאָוז היז ביזנעס! ער לויפט דאָך הייַיאַר פאַר קאָנסיל־מען, דאַרף מען גיין צו מיטינגען און זיין טשערמאַן!

— ליידים ענד דזשענטלמען! — האָט ער אָנגעהויבן. — דהי דזשואיש פּיפּל ענד סאַבאַט! איך, — האָט ער זיך וואָס אַמאָל מער צעוויגט, — בין אַ סאַבאַט אָבזערוועך! — נאָך יעדן צווייטן וואָרט האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איבער׳חזר׳ן די צוויי ווערטער: סאַבאַט אָבזערווער!

שפּעטער האָט גערעדט דער רעפאָרם־ראַביי וועגן די אָרימע ברי־דער אויף יענער זייט ים, און אין ארץ ישראל, וואָס וואַרטן אויף אונדזער הילף. דערנאָך האָט ראַביי בווירט געזאָגט מיט פאַרגלייזטע אויגן: — דהי גרייט דזשואיש פּיפּל, סאָ העלפּ מי גאָד!

דאַן האָט סעם קאָהען, דער פרעזידענט פון תלמוד תורה, גע־רעדט וועגן די אידן אין יענע בלאָטיקע שטעטלעך פון דער אָלד קאַנטרי, ווי מען פּלעגט אין גוטע ציימן שטאַרבן צוואַנציק מאָל אַ טאָג פון הונגער, איז איצט שטאַרבן די אידן פון יענע שטעטלעך פאַר הונגער און מיר דאָ אין אַמעריקע האָבן פּלענטי. לאָמיר זיי וויזן אונדזער גוט האַרץ; אַ פאַר גראָבע אידענעס מיט רויטע ליפּן ווי ווילד פלייש, וואָס זיינען געזעסן ניט ווייט פון בערגערס טיש, אָנגעטאָן מיט פּאַפּירענע היטלען, האָבן געהאַלטן אין איין קייען, האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די לעפל: — מיר ווילן מער ניט קיין ספּיטשעס! די מוזיק! וואו איז די מוזיק? מיר ווילן טאַנצן! פון די אַנדערע טישן האָט זיך דערהערט אַ גראָבע שטימע: — געהערט אַ מעשה — ספּיטשעס! איך בין דאָ ניט געקומען הערן ריידן, נאָר זיך ענדזשויען!

פאַרוואָס האָב איך עס באַצאָלט דריי דאָלאַר? ספּיטשעס האָב איך זיך אָן אַ גאַנץ יאָר ביי מיין ווייב!

— געגוג גערעדט! די מוזיק! די מוזיק! — האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון טעלער און לעפל אין אַלע זייטן.

בערגערן האָט דאָס בלוט אַ שלאַג געטאָן אין קאָפּ. ער האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן. ער האָט זיך פּלוצים אַ ריס געטאָן פון טיש און מיט שנעלע טריט איז ער צו צום ערשטן טיש, וואו עס זיינען געזעסן די רעדנער:

— אידיש בלוט גיסט זיך! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — און איר פּראַווועט באַנקעטן, און . . .

אין זאַל האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל.

— קווייעט! אָרדער פּליז! סיט דאַון!

— וואַרפט אים אַרויס!

בערגערס שטימע האָט איצט אין טומל געציטערט פאַרשטיקט פון טרערן.

— מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה!

די ווערטער האָבן אָפּגעהילכט איבערן זאַל מיט אַזוי פיל ווייטאַק, אַז דער טומל האָט זיך אויף אַ ווילע איינגעשטילט און בערגער האָט ווייטער גערעדט:

— ניט אַזוי העלפט מען אומגליקלעכע ברידער! ניט . . .

אָבער באַלד האָט זיך דער טומל אויפסניי אָנגעהויבן.

— וואַרפט אים אַרויס! וואָס איז נערוו! סאַטש קאָמוניסט!

אַ פּאָר געזונטע הענט האָבן בערגערן אָנגענומען, אים אַרויס־געפירט דורך דער טיר און זי פאַרמאַכט.

גלייך אויף צומאָרגנס האָט די שול־קאָמיסיע גערופן אַ „עמוירדזשענסי" מיטינג וועגן נעכטיקן אינצידענט אויפן באַנקעט. — אַנדערש ניט, — האָט דער שוחט גע'טענה'ט, — אַז דער לערער האָט עס געטאָן אין אַן אַנפאַל פון משוגעת . . .

אין דער מינוט האָט זיך בערגער, אַ רואיקער, מיטן קאָפּ אין דער הייך, באַוויזן אין טיר.

— מיט וואָס דערקלערט איר אייער נעכטיקע האַנדלונג? — האָט סעם קאָהען אים גלייך אַ פרעג געטאָן און אים אַפילו ניט גע־בעטן זיצן.

— וואס פאר א חוצפה! . . . — האט ראביי בוירט קוקנדיק אויף סעם קאהען צוגעגעבן.

בערגער האט זיך אויסגעגלייכט. קוקנדיק אלעמען גלייך אין די אויגן, האט ער אנגעהויבן:

— פאר מיין האנדלונג בין איך פאראנטווארטלעך. איך האב נעכטן אזוי געפילט, און פיל אויך איצט אזוי . . .

סעם קאהען איז מיט כעס אויפגעשפרונגען פון בענקל. אבער נאך איידער ער האט צייט געהאט ארויסצוזאגן א ווארט, האט זיך דער־הערט בערגערס שטימע, וואס האט זיך אראפגעלאזט איבער אלעמענס קאפ ווי בייטשן:

— היפאקריטן! נבזים!

און די טיר האט זיך הינטער אים געגעבן מיט אזא קראפט א פראל צו, אז אלע זיינען געבליבן זיצן ווי פארגליווערט אן לשון...

א שעה שפעטער איז בערגער געזעסן אין באן, וואס האט אים געפירט קיין ניו יארק. ער האט געקוקט דורכן אפענעם פענצטער פון וואגאן אויף די צעווארפענע שורות פון שטעטל, וואס זיינען איצט וואס אמאל קלענער געווארן און געטראכט, אז ער איז נאר־וואס פריי געווארן פון א שווערער תפיסה.

צוויי דורות

.1

די לעבענס־געשיכטע פון מילטאן פוירל איז די זעלבע ווי פון טויזנטער אמעריקאנער־געבוירענע יונגעלייט. געבוירן ערגעץ־וואו אין אן ענגען צימערל פון די „איסט סיידער" גאסן. ווען ער האט צום ערשטן מאל אויפן קול זיך צעוויינט אויף זיין ביטער מזל, וואס האט אים גראד ארייגעווארפן אין ארימקייט, האט זיין טאטע, נתן פערלאווסקי, שוין לאנג געמאסטן די ניו־יארקער גאסן זאלבענאנד מיט זיין וועגעלע, זינגענדיק אויפן קול: „אלד קלאוז! קעש!!" (אלטע קליידער! מזומן!)

נתן פערלאווסקיס ביאגראפיע איז ניט אזוי אינטערעסאנט, מען זאל זיך דארפן אויף איר אפשטעלן. ווי אלע עמיגראנטן, געקומען פון א קליין שטעטל אין פוילן אן א פראפעסיע, נאר מיט אן אוצר פון באהאלטענער ענערגיע, וואס האט יארן לאנגע פארבארגענערהייט געדרימלט ביי אים דארט אין קליינעם פוילישן שטעטל, האט ער זיך גענומען צו דער ספעציעלער, אידישער, עמיגראנטישער פרנסה — פעדלעריי.

אזוי האט פערלאווסקי געזונגען דאס זעלבע לידל טאג־איין, טאג־אויס, ביז עס איז געקומען די וועלט־מלחמה. פון שמאטע און „דזשאנק"־קעלער איז געווארן א „סטאר", פון סטאר — א צווייטע, א דריטע און אזוי איז עס שוין געגאנגען וואס אמאל ווייטער און העכער בארג ארויף.

מיטאמאל האט זיך די באהאלטענע ענערגיע פונם קליינשטעטל־דיקן אימיגראנט צעשפילט מיט איר גאנצן כוח. בריוו, טעלעגראמעס זיינען געקומען פון אלע זייטן . . . דער אמאליקער שמאטע־קלייבער

פערלאַווסקי איז געוואָרן דער ליפעראַנט און צושטעלער פון אַן אַרמיי־קאָרפּוס.

צו דעם צוועק האָט ער געמוזט אַוועק פון ניו־יאָרק און זיך באַזעצן אין אַ ווייטן שטעטל אין דער וועסט, וואו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דעם אַרמיי־קאָרפּוס. און אַזוי איז ער שוין דאָרט געבליבן וואוינען אויף שטענדיק.

אויפן דריטן יאָר נאָך פערלאַווסקיס אַהינקומען, איז זיין פרוי געשטאָרבן און ער איז פאַרבליבן מיט זיין בן יחיד אַליין.

אין שטעטל זיינען געווען בלויז אַ פּאָר אידישע פאַמיליעס, אַלע, שוין פון לאַנגע יאָרן, אויסגעמישט מיט זייערע קריסטלעכע שכנים און ווייט פון וועלכער עס איז פאָרם פון אידישקייט. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַהין אַראָפּכאַפּן דער שוחט פון דער נאָענטער שטאָט און פלעגט פּראַוון אָרגאַניזירן דאָס ביסל אידן. געוויינלעך, איז דאָס געווען פאַר ראש השנה און יום כפור. אָבער ער פלעגט שטענדיק צוריקפאָרן מיט גאָרניט.

נתן פערלאַווסקי, כאָטש אַליין איז ער שוין געווען אַ דערפאָלג־רייכער געשעפטסמאַן, איז אָבער אַלץ פאַרבליבן דער אַמאָליקער אימיגראַנט און אַ איד מיט טראַדיציעס, און דערפאַר פלעגט אים אויסקומען שטאַרק צו לײַדן אין אַזאַ פרעמדער סביבה.

באַזונדערס פלעגט אים טרויעריק ווערן אויפן האַרצן, צוקוקנדיק זיך צו זיין איין־און־איינציקן זון, וועלכער וואַקסט אויך אַן אַ אידי־שער דערציאונג. ווען מילטאַן פלעגט אַריינלויפן פון גאַס אַ דערהיצ־טער און אַ פאַרפלאַמטער נאָך אַ „גיים", מיט צעשויבערטע האָר און אַ ווילד פּנים, פלעגט דער אַלטער זיך פּשוט דערשרעקן.

און מילטאַן איז זיך געגאַנגען זיין וועג — „ספּאָרט, גיימס, פּאַרטיס מיט דער חברה פון היי־סקול". אַ יונג מיט ברייטע פּלייצעס און געזונטע מוסקולן, מיט אַ בלאַנדן קאָפּ האָר, פלעגט קיינעם ניט איינפאַלן, אַז צווישן אים און יענעם אויסגעוויקסטן, איינגעדאַרטן אידל איז עפּעס פאַראַן אַ פאַרבינדונג.

די וואַנט צווישן פאָטער און זון איז וואָס אַמאָל דיקער געוואָרן. ביידע האָבן געקוקט איינער אויפן צווייטן ווי פרעמדע, ווען דער שיקזאַל האָט גראָד צוזאַמענגעקניפּט אונטער איין דאַך. ווען מילטאַן איז נאָך געווען קלענער, פלעגט דער טאַטע פּרוּוון געפינען צו אים אַ וועג דורך געבעט.

מילטאָן פלעגט דאַן מיט זיין קינדערשער נאַאיווויטעט שטילער־הייט פּראָטעסטירן:

וואָס איז ער עפּעס אַנדערש ווי אַלע זיינע חברים? פאַרוואָס ניט גיין אַהין? פאַרוואָס? . . .

ווען ער איז גרעסער געוואָרן און געהאַלטן ביי ענדיקן היי־סקול, איז זיין פּראָטעסט געוואָרן אָפענער און דרייסטער. — וואָס ווייסט דער „אַלד מען״? און ווער פרעגט אים דען? און נאָך אַזעלכע באַמערקונגען, פלעגט נתן פאַרלאָזן באַמערקונגען... פלעגט נתן פערלאָוסקיס בלאַסער פּנים ווערן נאָך בלאַסער און דער אָפּגעמאַטערטער קערפּער פלעגט זיך וואָס אַמאָל מער איינבויגן.

ווען מילטאָן האָט פאַרענדיקט היי־סקול מיט די בעסטע „מאַרקס״ און זיך צוגעגרייט אַריינצוטרעטן אין מעדיצינישן פאַקולטעט פון דער נאָענטער גרויסער שטאָט, האָט ער אויף זיין אַפּליקאַציע באַקומען אַן ענטפער, אויף אַ שיינעם דיפּלאָמאַטישן אופן, אַז צוליב מאַנגל אין פּלאַץ מוז מען זיין אַפּליקאַציע צוריקווייזן.

און ווען מילטאָן האָט אויפן צווייטן טאָג פאַרנאַכט געהאַט אַן ערנסטן שמועס מיט זיין טאַטן און אים דערקלערט, אַז ער וויל אַוועקפאָרן שטודירן מעדיצין קיין דייטשלאַנד, האָט דער טאַטע גלייך מסכים געווען. — זאָל ער פאָרן, — האָט דער אַלטער זיך געטראַכט. — זאָל ער זען די וועלט, וואָס איז אַנדערש ווי דאָס פאַרוואָרפענע שטעטל אין דער וועלט. ווער ווייסט, אפשר . . . וועט ער אויך זען אַנדערע אידן ווי דאָ . . .

.2

קיין וואונדער ניט וואָס מילטאָן האָט צווישן די סטודענטן אין דעם אוניווערזיטעט פון דער דייטשער הויפּט־שטאָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. אַליין אַ שלאַנקער, ווי אַן אַרויסגעשאָסענע סאָסנע, מיט ברייטע פּלייצעס און שטאַרקע מוסקולן, האָט ער באַלד פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ צווישן די ספּאָרטלער. מילטאָן איז געוואָרן דער ליבלינג צווישן די סטודענטקעס, וועלכע פלעגן אים מיט קיין אַנדערן נאָמען ניט רופן ווי: דער „אַמעריקאַנער מיט די בלויע אויגן״. ער איז אויך געווען דער ליבלינג פון די פּראָפעסאָרן צוליב זיינע גוטע מאַרקס.

געוואוסט האָבן אַלע אין דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, וואו ער

האט געלערנט, אז ער קומט פון א פּראָווינץ־שטעטל, פון דער ווייטער וועסט, וואו ער האט א רייכן פאטער, וואס האלט אין איין שיקן פּעטע טשעקס מיט דאָלאַרן.

דאס פלעגט נאך מער אלעמען פאראינטערסירן, באזונדערס די סטודענטקעס, וועלכע פלעגן אויף אים קוקן ווי אויף איינעם פון א פרעמדער וועלט.

— ארומלויפן אויף א פערד, ווי א קאו־באי, קאנסטו, מילטאן? — פלעגט מען אים פרעגן.

— און דער טאטע דיינער, אין דער ווייטער וועסט, האט זיכער א פּאר טויזנט ווילדע אָקסן? — פלעגט א צווייטער פרעגן.

אָבער וועגן זיין טאטן פלעגט מילטאן גראָד וואס ווייניקער רעדן.

אזוי איז זיך מילטאנס סטודענטן־לעבן געגאנגען טאג־טעגלעך. לערנען, ספּאָרט, פארוויילונגען און אנדערע גוטע זאכן, וואס לאזן געוויינלעך ניט אויס א יונגענמאן אין זיינע יאָרן.

צווישן אלע זיינע באקאנטע מיידלעך, האט ער זיך באזונדערס פאראינטערעסירט אין איינער א סטודענטקע, וואס איז געווען אנ־דערש אין איר אויסערלעכן אויסזען ווי די איבריקע סטודענטקעס. אן אָריענטאלישער טיפּ, מיט שווארצע סאמעט־אויגן און שווארצע האָר. איר פּנים פלעגט זיך ווי ארויסשיילן צווישן די צענדליקע בלאָנדע פּנים'ער פון די סטודענטקעס. און אין איר באנעמען איז זי אויך אנדערש געווען ווי די אנדערע סטודענטקעס. מיט א באזונ־דערן ערנסט פלעגט זי זיך צוהערן צו די לעקציעס פון פּראָפעסאָר. אין איר גאנצן האלטן זיך איז געלעגן א סאלידע רואיקייט, וועלכע האט דעם שפּילעוודיקן מילטאן זייער געריצט.

עס האט לאנג ניט גענומען און ביידע זיינען געוואָרן גוטע פריינט, און פלעגן טאג־טעגלעך גיין צוזאמען פארברענגען. די סטו־דענטן און סטודענטקעס האבן זיך אויף זייער חשבון שוין געוויצלט און זיי גערופן: „דאס פּערל פון דער וועסט און דראגאנערשטראסע".

מילטאן פלעגט דערביי גוטמוטיק לאכן, ווי אלע אנדערע.

עפּעס האט זיך מיטאמאל אנגעהויבן קאכן אין אוניווערזיטעט. סטודענטן האבן אנגעהויבן אפּהאלטן פארזאמלונגען. עס האבן זיך געהערט ווילדע אויסגעשרייען: „שמוציגע יודען!" די סטודענטן זיינען צעמישטע ארומגעלאָפן פון איין אָפּטיילונג צו דער צווייטער. יעדן טאג האט מען געוואָרפן פארשידענע אויפרופן. די גאנצע רואי־

קייט פונם אוניווערזיטעט איז מיטאמאל פארשוואונדן. די סטודענטן האבן זיך איינגעטיילט אין צוויי לאגרן: פון איין זייט די מער ליבעראלע און סאציאליסטן, פון דער אנדערער זייט די נאציאנאליסטן.

די גאסן פון דער דייטשער הויפט־שטאט האבן פארלוירן זייער דייטשע פינקטלעכקייט. מיליטער, דעמאנסטראציעס, רויטע פענער, האקן־קרייץ פענער, געשרייען, געשלעגן. יעדן טאג זיינען געווען אין די צייטונגען באריכטן וועגן געשעענישן פון ביידע זייטן.

מילטאנס ברונעטע פריינדין מיט די שווארצע סאמעט־אויגן איז געווארן נאך ערנסטער, און מיט אן אומרואיקן בליק האט זי געקוקט אויף די פנמי'ער פון די צוהערער בעת די לעקציעס.

איינמאל, נאך דער לעקציע, האט זי מילטאנען איינגערוימט א סוד אין א זייט פון דער אוניווערזיטעט־ביבליאטעק:

— מיר האבן היינט א געהיימע פארזאמלונג. כ'וויל זייער זאלסט מיט מיר מיט גיין.

אין אן ענגען זאל, אין אידישען קווארטאל ארום דער דראגאנער־שטראסע, איז מילטאן געזעסן צוזאמען מיט זיין פריינדין און זיך צוגעהערט צום רעדנערס ווערטער, וועלכער האט געדונערט מיט פייער:

— קאמעראדן! מיר שטייען פאר אן ערנסטן מאמענט. לאמיר ניט זיין קיין פייגלינגע. מיר זיינען אידן, שטאלצע אידן!

באלד איז ארויף אויף דער טריבונע א צווייטער, א דריטער רעדנער. און מיטן זעלבן פייער ווי דער ערשטער גערעדט:

— זיי גרייטן זיך אונדז איבערצופאלן, נאר דערפאר ווייל מיר זיינען אידן. לאמיר זיי באגעגענען!

דאן איז געקומען די רייע פון מילטאנס פריינדין. זי האט באגייסטערט גערופן אלע סטודענטן צו ארגאניזירן זיך צו א ווידערשטאנד. מילטאן האט פון איר קיין אויג ניט אראפגעלאזט, ווען זי האט מיט אזא באגייסטערונג גערעדט. זי, וועלכע איז תמיד שטיל און ערנסט. עפעס איז זי מיטאמאל אין דער מינוט פאר אים אויסגעוואקסן. מיטאמאל האט ער דערפילט, אז אים פארבינדט עפעס מיט איר . . . מיט זיי אלעמען דא אין זאל . . . איז עס אין אמת'ן אזא גרויסע זינד צו זיין א איד? פארוואס? . . .

דארט, אין זיין קליין שטעטל אין דער ווייטער וועסט, האט מען אים ניט אריינגענומען אין אוניווערזיטעט. דא, אין קולטורעלן

דייטשלאנד, שלאגט מען דערפאר ווייל . . . ער איז א . . . איד.

זיין טאטע האט שווער און ערלעך געארבעט. ער געדענקט נאך ווען זיין טאטע איז געווען א פעדלער און שווער, זייער שווער געארבעט. מיט וואס־זשע איז דזשאנס פאטער עפעס בעסער ווי זיינער?

צומארגנס, ביי דער לעקציע פון פראפעסאר, האט געהערשט אן אויפגערעגטע, נערוועזע שטימונג. יעדע מינוט האט אן אנדער סטודענט איבערגעריסן דעם פראפעסארס לעקציע מיט אן אויסגעשריי: „נידער מיט די יודען! הערוים מיט די יודען!”

דער אידישער פראפעסאר האט ווייטער גערעדט מיט א ציטערדיקער שטימע, אבער די געשרייען זיינען וואס אמאל שטארקער און ווילדער געווארן. דורך די גרויסע פענצטער האבן זיך באוויזן א גרופע סטודענטן מיט האקן־קרייץ פענער, אויסרופנדיק הויך דעם פראפעסארס נאמען: „הערוים מיט די יודען!” די סטודענטן אין זאל האבן זיך אויפגעהויבן פון די בענק און מיט געביילטע פויסטן זיך א לאז געטאן צו זייערע אידישע קאלעגן, און א ווילדער געשלעג האט אויסגעבראכן.

שטולן, שטיינער, גלעזער, פלעשער זיינען געפלויגן פון אלע זייטן.

מילטאן האט זיך בליץ־שנעל א לאז געטאן מיט זיינע אויסגעשטרעקטע פויסטן צו די שלעגער און מיט זיינע אייזערנע מוסקולן געשלאגן אויף רעכטס און לינקס, ביז מען האט אים ארעסטירט. מיט דער הילף פון אמעריקאנער קאנסול האט מען אים באפרייט.

די שיף האט זיך לאנגזאם געגליטשט איבערן אקעאן, אויפן וועג צוריק קיין אמעריקע. מילטאן איז שעה'ן לאנג געשטאנען א פארטראכטער אויפן דעק און געמאכט א חשבון פון זיינע פאר יאר אין דייטשלאנד. ער האט געפילט, אז צוריק אהיים פארט ניט דער אמאליקער, שפילעוודיק־לייכטזיניקער מילטאן, וועלכער איז אוועק פון קליינעם שטעטל אין דער מיטל־וועסט. די פאר יאר האבן אים אויף אזויפיל געענדערט. . . פאר אים האט איצט, דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן, דערשיינט די דערשלאגענע געשטאלט פון זיין טאטן, מיט אזויפיל ווארימקייט און ליבע.

טאטע און זון זיינען געלעגן איינער אין דעם צווייטנס ארעמס און זיך הארציק געקושט. ביידע האבן זיך אין די פאר יאר שטארק געענדערט. מילטאן איז געווארן א פעסט־געבויטער מאן מיט אן ערנסטן בליק אין די אויגן. נתן פערלאווסקי האט זיך שטארק גע־

עלטערט. די לעצטע געשעענישן וועגן מילטאָנס ארעסט האָבן אים נאָך מער צעבראָכן. אין דעם זונס שטאַרקע אָרעמס האָט דער אַלטער פאָטער אויסגעזען ווי אַ קליין קינד.

מילטאָן האָט זיך איצט גוט איינגעקוקט אין זיין פאָטערס אָפּ־געצערטן פּנים, און וואָס אַמאָל האָט ער אין אים מער באַמערקט די ענלעכקייט צו יענער קאַריקאַטור, וואָס די נאַצי־סטודענטן האָבן אַריינגעוואָרפן אין דעם בערלינער פייער, ווען זיי האָבן אין אַ שייטער־הויפן פאַרברענט ביכער. האַלטנדיק זיין פאָטער פעסט אין די אָרעמס, האָט מילטאָן שטיל געשעפּטשעט: פאָטער, פאָטער מיינער!

אַן אַמעריקאַנערין

אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג, ווען דאָס שטעטל האָט זיך געבאַקן אונטער דער תמוז־זון, ווייבער זיינען געזעסן אויף די פריזבעס פאַר די הייזלעך און געקרעכצט אויפן ביטערן מזל פון זייערע דערוואַקסענע טעכטער, און גערעדט רכילות איינע אויף דער אַנדערערס טאָכטער, האָט זיך אויפן וועג פון דער באַן־סטאַנציע באַוויזן מאיר מענדים וואָגן מיט אַ נייעם גאַסט. די אויסגעדאַרטע פערדלעך מיטן האַלב־צעבראָכענעם וועגעלע זיינען שטיין געבליבן פאַר משה יאָסל דעם מלמד׳ס הייזל און באַלד האָט זיך קינד און קייט אַ לאָז געטאָן צום וואָגן.

עס האָט בלויז געדויערט אַ פאָר מינוט און פון איין עק שטעטל ביזן צווייטן האָט געקלונגען די נייעס: צו משה יאָסל מלמד איז געקומען אַ מיידל, אַ רייכע קרובה אויף אַ באַזוך פון אַמעריקע. דעם זעלבן פאַרנאַכט איז משה יאָסלס קליינע שטיבל געווען פול מיט מענטשן, וואָס זיינען געקומען אָפּנעמען אַ גרוס פון זייערע קינדער און נאָענטע קרובים אין אַמעריקע, און גלאַט נייגעריקע ווייבער. עס האָט געהייסן, אַז די קרובה איז נאָר געקומען אויף אַ לוסטרייזע, כדי זיך צו זען מיט אירע קרובים. אָבער ווייבער קען מען ניט נאַרן. עס איז געווען גענוג געווען אַ פאָר מאָל אַ קוק צו טאָן אויף דער אַמעריקאַנערין און בלויז ריידן מיט איר אַ פאָר ווערטער און אויף צומאָרגנס האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל געוואוסט אַז די אַמעריקאַנערין איז געקומען זוכן אַ חתן, און שדכנים און גלאַט גוטע פריינט האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

שבת אין דער פרי, ביים דאַווענען, איז דאָס בית־המדרש געגאַנגען ווי אויף רעדער. משה יאָסל, אָנגעטאָן אין אַ נייער זיידענער קאַפּאָטע, האָט בעת׳ן לייענען געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ פאָר אידן און

דערציילט וועגן זיין נייער קרובה. באלד איז אויסגעוואקסן א רעדל נייגעריקע אידן און זיך צוגעהערט וואס ער דערציילט.

— וואס פאר א רייכקייט! — פאלט ער אריין אין התפעלות. — א חוץ די שווערע טויזנטער, וואס ליגן אוועקגעלייגט אין באנק, פאר־מאגט זי צוויי הייזער און אן אייגן קליידער־געשעפט אין ברוקלין.

— וואס הייסט? — מישן זיך אריין א פאר אידן. — זי קומט דען ניט פון נעוויארק?

— ברוקלין, — כאפט אונטער לייבטשע קנייטל, דער שטאט־חכם — איז איינס און דאס זעלבע ווי נעוויארק. מ׳דארף נאר אריבערפארן איבער א בריק. איר פארשטייט? דאס זיינען צוויי ווער־טער: ברוק—לין . . .

ר׳ מלך, וואס שטייט אויבן־אן אויף מזרח־וואנט, דער צווייטער צום רב, און וואס לאזט געוויינלעך קיינעם ניט ארויסריידן א ווארט ביים לייענען, שווייגט דאס מאל, און טראכט זיך, אז מ׳דארף זיך ניט איינרייסן מיט דעם אויפגעריכטן קבצן, פון וועלכן דאס בית־המדרש וועט אויך אפלעקן א ביינדל, און שטילערהייט רוימט ער איין דעם גבאי, אז מ׳זאל משה יאסלען מכבד זיין דעם שבת מיט א פעטער עליה.

— א מזל פון א קאבצאנסקען מלמד, — טראכט זיך דער גבאי, — מיט איינמאל אויפגעריכט געווארן.

אין דער ווייבערשער שול, ווידער, האט חנה, משה יאסלס ווייב, געפירט דאס רעדל.

— וואס פאר א טייערע בריליאנטענע רינגען! הייגט־זשע אויס־שטאטונג! גאנצע קופערטעס מיט זיידענע קליידער און אונטערוועש. א פרינצעסין וואלט זיך עס געוואונטשן.

גלייך נאכן דאווענען האט דער שמש אויסגערופן, אז משה יאסל בעט דעם עולם אויף קדוש לכבוד זיין אמעריקאנער גאסט.

ווען מען האט געהאלטן אין טרינקען לחיים און צואווינטשן זיך, איז אויך אנגעקומען דער פאן וואכמישטש, דער קאמענדאנט פונם שטעטל מיט צוויי זשאנדארן באגלייטער, אלע אויסגעפוצטע אין זייערע יום־טוב־מונדירן לכבוד דעם גאסט; אויבן־אן לעבן רב האט מען דעם פאן וואכמישטש אנידערגעזעצט און ביי דער ערשטער כוסה האט דער פאן וואכמישטש געשמייכלט צום ראבין און דער־קלערט: אז דער זשידאווסקי נאראד איז א ווועלקא סיעלא! (גרויסע קראפט). ביי דער צווייטער כוסה האט ער זיך דערקלערט אין ליבע

צו די אמעריקאנסקי זשידאוו. די דריטע כוסה האט ער פארענדיקט מיט א „פשא קרעוו".

נאכן טיש האט זיך אין גאס באוויזן די אמעריקאנערין מיט אירע צוויי יונגע קוזינעס, צוויי פולברוסטיקע יונגע שלאנקע מיידלעך מיט ראזאווע באקן. די אמעריקאנערין — א דאר, אפגעמאגערט מיידל מיט א בלוי נעזל, אויף וועלכן עס זיינען זיך באקוועם געזעסן א פאר ברייטע אמעריקאנער שווארצע ברילן. זי איז פון קאפ ביז די פיס געווען איינגעהילט אין זיידנס, געהאלטן אין איין באוועגן מיט אירע הענט, פון וועלכע עס האט אראפגעבלישטשעט א שרייענדער שיין פון ברילאנטן. צווישן אירע צוויי קוזינעס, פול מיט יוגנט און לעבן, האט זי אויסגעזען ווי א נאכשלעפעניש. מענטשן זיינען געשטאנען ביי די פענצטער, האבן ארויסגעקוקט און געטייט מיט די פינגער: אט איז די אמעריקאנערין! כאטש א סך פון די שטעטלדיקע מיידלעך, דערזעענדיק זי, האבן דערפילט ווי אויספלאצן אין א געלעכטער. אבער גיי לאך פון א רייכער אמעריקאנערין!

מען ווייסט ניט ווי אזוי דאס האט פאסירט, אבער אויף דער דריטער וואך האט מען אים, דעם שטעטלדיקן אינטעליגענט, געזען יעדן פארנאכט שפאצירן מיט דער אמעריקאנערין. געהייסן האט עס צוערשט, אז ער וויל זיך לערנען ענגליש. אבער עס האט לאנג ניט גענומען. בלויז א פאר וואכן, און דאס גאנצע שטעטל האט געקלונגען מיט די נייעס, אז לעצטן שבת־צו־נאכט איז ער א חתן געווארן פאר דער רייכער אמעריקאנערין. א סך פון די בחורים האבן אים מקנא געווען:

— א קלייניקייט, א גרייטער מיליאנער פארט ער קיין אמעריקע!

— א פוסט־און־פאסטניק, א טרוקענער מאטעריאליסט, — האט זיך געקאכט די מיידלשע יוגנט.

מער פון אלע האט זיך געהיצט זיין אמאליקע געליבטע בראנקע, א יונג מיידל מיט ווארימע, סאמעטענע אויגן און שווארצע צעפ, וועלכע האט זיך געפילט געקרענקט און באליידיקט זעענדיק אויף וועמען ער האט זי אויסגעביטן.

— פארקויפט זיך פאר געלט! — האט זי גע'טענה'ט מיט אירע חבר'טעס.

באלד נאך דער פארלאבונג האט זיך די אמעריקאנערין גענומען

צוואַיילן צוריק צו פאָרן קיין אַמעריקע. מען קען ניט לאָזן די גע־שעפטן אין פרעמדע הענט. איז באַשלאָסן געוואָרן אויף שנעל צו שטעלן אַ חופּה, אַרויסנעמען אַ געריכטלעכן הייראַטס־שיין און זי וועט צוריקפאָרן אַליין, און אים אַרויספאָדערן דורכן אַמעריקאַנער קאָנסול אַלס אַ מאַן פון אַן אַמעריקאַנער בירגערין. די ריכטיקע חתונה וועט מען פּראַווען אין ניו יאָרק.

דאָס געזעגענען זיך איז ניט געווען אַזוי באַגייסטערט, ניט מיט איר נייעם מאַן און ניט מיט אירע קרובים.

ביטער אַנטוישט זיינען משה יאָסל און זיין ווייב געווען. פון דער גרויסער מטבע, וואָס זיי האָבן געוואַרט פון זייער רייכער קרובה, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. עס איז זיי באַלד פון אָנהייב אַן ניט געפעלן געוואָרן ווי זי פלעגט אויסרעכענען יעדן סענט, אָבער — האָבן זיי זיך געטראַכט — ביים אַוועקפאָרן וועט זי אודאי איבער־לאָזן אַ היבשע מטבע. און איצט אַזוי מיאוס אַריינגעפאַלן. פון אַלע זייטן אָנגעבאָרגט, אויסגעקליידט זיך און די קינדער אויפן חשבון פון דער אַמעריקאַנער קרובה'ס דערוואַרטעטן געלט, דערציילן וועמען אַז אַחוץ פאַר אירע אייגענע אויסגאַבן, האָט זי זיי גאָרניט געגעבן. מילא, פאַרפאַלן! מען מוז שווייגן. מען קען איצט ניט צוריקקערן.

פאַר אים, דער שטאָטישן אינטעליגענט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע לעבן. יעדן חודש פלעגן קומען פון איר אַמעריקאַנער טשעקס. דער אַמעריקאַנער קאָנסול איילט זיך ניט אַזוי שנעל אַרויסצוגעבן די וויזע און דערווייל האָט ער איין אויפגאַבע: שרייבן וואָס מער הייסע ליבעס־בריוו און באַקומען וואָס מער טשעקס. די פירערשאַפט אין שטעטל האָט ער פאַרלוירן, ווייל די גאַנצע יוגנט האָט זיך קעגן אים צעבונטעוועט. די מיידלעך האָבן געשריען, אַז ער האָט זיך פאַר־קויפט פאַר אַמעריקאַנער דאָלאַרן. די יונגעלייט, ווידער, האָבן אים ניט פאַרגונען אַזאַ גליק. איז ער אינגאַנצן אַוועק אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט. דאָרט האָט ער זיך אָנגעהויבן קליידן נאָך דער לעצ־טער מאָדע און לעבן אַ זאָרגלאָזן לעבן און שפּילן נייע ליבעס. נאָך אַ יאָר פון גרויסשטאָטיקע אַוואַנטיורעס, האָט ער ענדלעך באַקומען אַ בריוו פון אַמעריקאַנער קאָנסול, אַז זיין וויזע איז באַשטעטיקט, און ער האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

די רייזע קיין ניו יאָרק איז געווען זייער אינטערעסאַנט. אַ פּאָר טעג אין פּאַריז, וואו מען האָט אַ לעב געטאָן ווי גאָט אין פראַנקרייך,

דאַן אין דער גרויסער האַפן־שטאָט, דאַן ערשט אויפן שיף גאַנצע אַכט טעג מיט ראָמאַנטישע לבנה־נעכט און נייע ראָמאַנען אויף שטים־לשון.

ווען די שיף האָט זיך דערנענטערט צום ניו־יאָרקער האַפן, האָט ער דערפילט אַ מאָדנע אומרואיקייט. צוערשט דער שטרענגער פאַרהער פון די אימיגראַציע־אינספעקטאָרן און דאַן דער גרויסער מענטשן־שטראָם, וועלכער איז געלאָפן פון אַלע זייטן, האָבן אים צע־טומלט. באַלד אָבער ווי זיין פּאַס איז געשטעמפּלט געוואָרן און פון דער אַנדערער זייט פון צווישן וואַרטנדיקן עולם האָט זיך צו אים אַ לאָז געטאָן אַ פרוי און זיך ·אויף אים אַ וואָרף געטאָן מיט אַ פרייד־לעכן געשריי, האָט ער זי דערקענט און איז צו זיך געקומען. זי האָט נענטער צו אים צוגעשטופּט אַן עלטערע פרוי און מיטן זעלבן פריי־לעכן געשריי געליאַרמט: „דאָס איז מיין מוטער!" יענע האָט אים אַרומגעכאַפּט און אים באַנעצט דאָס פּנים מיט קושן. באַלד האָט זיך געיאַוועט אַ דריטער פאַרשוין און אים אַרומגעכאַפּט און אים געשטאָכן דאָס פּנים מיט זיין שטעכיקער האַרטער באָרד. „מיין ברודער", — האָט זי אַלץ מיטן זעלבן קול געקוויטשעט אויסער זיך פאַר פרייד. אים איז מיטאַמאָל זייער אומהיימלעך געוואָרן. ער האָט געקוקט אַרום זיך אָט אויף איר, אָט אויף איר מוטער און ברודער און זיך געטראַכט אַז זי זעט דאָ איצט אויס אַ סך מיאוס'ער ווי דאַן, אין שטעטל.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געטראָגן איבער די ניו־יאָרקער רוי־שיקע גאַסן. ער איז געזעסן אינמיטן, פון איין זייט איר אַלטע מאַמע, פון דער אַנדערער זייט זי, וועלכע האָט אים געהאַלטן פעסט אומגע־אַרמט. ערגעץ־וואו אין אַן אָרימער, אָפּגעלאָזטער גאַס אויף דער איסט סייד זיינען זיי אַריינגעפאָרן און שטיין געבליבן.

עס איז געווען איינער פון יענע ניו־יאָרקער הייסע יולי־טעג, ווען די ענג־צוזאַמענגעדריקטע טענעמענט־הייזער זעען אויס ווי גרויסע קאַלך־אויוונס און פון די אָנגעגליטע שטיינער אין גאַס האָבן געבלאָזן הייסע ווינטן, ווי פון די וויסטענישן פון זאַהאַראַ. מאַמעס זיינען געזעסן וואו נאָר אַ שאָטנדיק ווינקל אָפּגעלאָזענע, צעקנעפּלטע און געגענעצט קוויקנדיק זיך מיט ביליקן אייז־קרים. קינדערלעך זיינען האַלב־נאַ־קעטע אַרומגעלאָפן, געפּלושקעט זיך אונטערן וואַסער, וואָס האָט גע־שפּריצט פון אַן אָפענער רער. דערזעענדיק אָט אַזאַ מין בילד איז אים נאָך טרויעריקער געוואָרן אויפן האַרצן.

— אַט דאָס איז אַמעריקע ! ?

פאַרנאַכט זיינען זיך אין די צוויי ענגע צימערן צונויפֿגעקומען אירע נאָענטע קרובים דעם גאַסט מקבל פּנים זיין. ער איז געזעסן אויבן־אָן, זי ביי דער רעכטער האַנט און אַרום זיי אַ האַלב טוץ מענער און ווייבער. אַלע האָבן אים באַטראַכט און באַקוקט, ווי עפּעס אַ שטיקל סחורה, וואָס מען האָט נאָר־וואָס איינגעהאַנדלט. אים האָט זיך אויסגעוויזן ווי אייניקע פרויען האָבן, קוקנדיק אויף אים, זיך איבערגעוואונקען און געלאַכט. ער איז געזעסן ווי אַ פאַרלוירענער און געשוויגן. קוקנדיק אויף די אַרומיקע פּנימ'ער האָט ער דערפילט אַ מין פרעמדקייט. אַלע פאַר'חושכ'טע, פאַר'דאגה'טע האָבן געהאַלטן אין איין קלאָגן זיך : — וואָס פאַר אַ ביטערע צייט !

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען די זעלבע פאַרזאָרגטע פּנימ'ער פון זיין שטעטל.

— ער איז מיד, — האָבן די קרובים צווישן זיך געשמועסט. — אַ קלייניקייט, אַזאַ גרויסע רייזע איבערן ים !

אויפֿן אָרט האָט מען גלייך אָפּגערעדט : אַזוי ווי ער האָט ניט קיין פאַך, וועט מען אים צוהעלפן. און איינער פון זיי, אַ פּיינטער, איז אים גרייט אַריינצונעמען צו זיך און אים אויסלערנען די מלאכה. ער מעג זיך שעצן גליקלעך וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אין אַזעלכע הענט — אַ קלייניקייט, אין אַזאַ ביטערער צייט.

זונטיק אינדערפרי האָט אים זיין ווייבל דערציילט : אירע גע־שעפטן זיינען לעצטנס זייער שלעכט געגאַנגען. זי האָט זיי געמוזט אויפגעבן, און איצט אַרבעט זי טאָקע ביי איר „טרייד" — ביי דרעסעס. ס'איז איצט ביזי אין שאָפּ. דריי טעג זיך אָפּגערוט, איז גענוג. און אויף צומאָרגנס גאַנץ פרי איז זי אַוועק צו דער אַרבעט.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין אין די צימערן. ער האָט באַטראַכט די נייע מעבל, וואָס מען האָט, ווייזט אויס, לכבוד אים נאָר־וואָס איינגעהאַנדלט, און אַט האָט ער דורכן פענצטער געקוקט אין גאַס אַריין וואו דער „על" האָט זיך האַסטיק פאַרבייגעטראָגן אויף דער וויליאַמסבורגער בריק. אַ פּוסטע פרעמדקייט האָט געשלאָגן פון די צימערן.

וואָס טוט ער דאָ ? ווי אַזוי קומט ער דאָ אַהער ?

געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין מוח. און ווי אין אַ פּאַנאָראַמע זיינען פאַר אים פאַרבייגעלאָפן דאָס וועלדל און די

לאנקעס פון זיין היימישן שטעטל און בראנקעס שווארץ־חנ׳עוודיקע קארשן־אויגן האבן פאר אים אויפגעבליצט. אין דער פוסטער פרעמד־קייט פון די צוויי ענגע צימערן דערפילט ער ערשט איצט ווי ליב ער האט זי . . . יענע . . .

ער האט זיך מיטאמאל דערפילט ווי א געפאנגען פייגעלע מיט אפגעהאקטע פליגל, און ווען ער האט זיך אינמיטן דער נאכט אויפ־געכאפט און דערפילט לעבן זיך זיין פרוים דארן און מידן אפגעצערטן קערפער, האט ער א האלב־פארשלאפענער געשעפטשעט מיט צערט־לעכקייט: „בראנקע! בראנקע!״

אַ שטעטל אין דער וועסט

דזשאַהנסוויל איז אַ שטעטל ווי אַלע קאַנטרי־שטעטלעך אין דער וויטער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, מיט שטילע רואיקע געסלעך, וואָס שניידן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, מיט אַ „מעין סטריט", וואו עס געפינט זיך דער סיטי האָל, אַ פּאָסט אָפיס, אַ פּאָר גרעסערע און קלענערע קראָמען, גאַנצע דריי דעפּאַרטמענט סטאָרס, און אַ מואווי.

דזשאַהנסווילער איינוואוינער ווייסן, אַז ווייט אַוועק זיינען פאַראַן גרויסע שטעט, וואו מענטשן יאָגן זיך ווי ווילדע ברואים און רוען ניט בייטאָג און ביינאַכט. און אַז אין יענע שטעט פּאַסירן אַזעלכע זאַכן, ווי האָלד־אָפּס, מאָרדן, רויבערייען. דערפאַר האַלטן זיי זיך, די דזשאַהנסווילער איינוואוינער, אַזוי גרויס מיט זייער ערלעכקייט. יעדער קען דאָ דעם אַנדערנס יחוס, פונם אָרימסטן ביז דעם רייכסטן. אַזוי ווייסט יעדער, אַז מר. איראָנסטאָן ענד מאָרגענטהאַל און מר. בלאַקסטאָן, די אייגנטימער פון די צוויי גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָרס אין דזשאַהנסוויל, זיינען „דזשווירמענס" (דייטשן) פון דור דורות. מען איז זיי אַפילו מוחל, וואָס זיי קומען אין די זונטיקס, אַפילו ניט אין די גרויסע קריסטלעכע ימים טובים, אין קירך — מן הסתם זיינען זיי עוואַנגעלער, כאָטש דאָס גאַנצע שטעטל איז שטרענג קאַטאָליש.

אַזוי האָבן זיך די דזשאַהנסווילער איינוואוינער געלעבט רואיק און שטיל, געגאַנגען אין קירך, זיך צוגעהערט צום גלח'ס דרשות, אַהיימ־געגאַנגען, זיך געמיטלעך אַוועקגעזעצט אויפן שאָקל־שטול, אונטערן שאָטן פון קרייזנלדיקע וואָלקענדלעך רויך פון אַ פּאַרוויכערטער ליולקע געלייענט דעם דזשאַהסווילער „רעדזשיסטער" און הנאה געהאַט פון גאָטס וועלטל. ביז מיטאַמאָל האָט עפּעס אַזעלכער פּאַסירט, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די רואיקייט פון שטעטל.

ניט ווייט פון מאָרגענטהאַל און בלעקסטאָנס גרויסן דעפּאַרטמענט סטאָר האָט זיך אין אַ שיינעם טאָג באַוויזן אַ „שילד" אויף אַ ניי־

גנעפנטער קראָם: מאַקס קאָהען דריי־גודס. זיינען דזשאָהנסווילער איינוואוינער פאַרבייגעגאַנגען, געקוקט אויפן שילד, געלייענט די ווערטער אַ ביסל מיט חשד — פון וואַנען קומט ער? — האָבן זיי געפרעגט איינער דעם אַנדערן. — פון ניו יאָרק, — האָט איינער געענטפערט. — „אַזוי? פון ניו יאָרק גאָר" . . .

זונטיק אין קירך האָט שוין איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן די נייעס, אַז דער נייער בירגער פון שטעטל, וואָס האָט געעפנט די דריי־גודס סטאָר אויף מעין סטריט, איז אַ „היברו", מען דאַרף אים מקרב זיין און אַרויסווייזן גאַסטפריינטלעכקייט, — האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט: — ער איז דער ערשטער „היברו" אין שטעטל, ער וועט זיין מזל'דיק.

יעדן פאַרנאַכט איז פון נייעם דריי־גודס סטאָר אַרויס אַן אַלטער איד מיט אַ ווייסער, לאַנגער צעקעמטער באָרד, אַנגעלענט אויף אַ שטעקן האָט ער זיך פּאַמעלעך געשפּרייזט איבער מעין סטריט. פאַרבייגייער אַרום האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט מיט דרך ארץ אויפן אַלטן. באַלד האָט שוין קינד און קייט געוואוסט, אַז דער „אָלד מען" איז דער פאָטער פון דעם נייעם בעל־הבית פון דריי־גודס סטאָר, און אַלע האָבן אים פריינטלעך אונטערגעטראָגן אַ „גוד איווינינג!"

די איינציקע אין שטעטל, וואָס זיינען ניט געווען צופרידן מיט דעם נייעם איינוואוינער, זיינען געווען מאָרגענטהאַל און זיין שותף בלאָקסטאָן.

— נאַ דיר גאָר אַן אָנשיקעניש, מאַקס קאָהען צו אַלדי שוואַרצע יאָר, — האָט זיך מאָרגענטהאַל געהיצט, ריידנדיק צו זיין שותף. — וואָס איז ער ניט פאַרבליבן אויף דער ניו־יאָרקער איסט סייד? וואָס וויל ער דאָ?

— וואָס זאָגסטו ניט צו אַזאַ חוצפּה? מאַקס קאָהען! אַנדערש פּאַסט אים ניט! ווי מען האָט עס זיך ברייטלעך צעלייגט מיטן אידישן נאָמען, — האָט אים בלאָקסטאָן אונטערגעהאָלפן.

— וועסט באַלד זען, — איז אים מאָרגענטהאַל אַריינגעפאַלן אין די רייד אינגאַנצן אַן אויפגעקאָכטער, — ער וועט באַלד אַרויסהענגען אַ שילד „בשר כשר".

פאַר דער גרויסער אָפענער טיר האָט זיך פּלוצים באַוויזן די אימפּאָזאַנטע פיגור פונם אַלטן אידן מיט דער ווייסער ברייטער באָרד. ביידע, מאָרעגנטהאַל און זיין שותף בלאָקסטאָן זיינען שטיין געבליבן

ווי אַן לשון. אַ טויט־בלאַסער האָט מאָרגענטהאַל קוים אַרויסגע־קוועטשט צווישן די ציין: „מאַקס קאָהענס פאָטער!״ אוןביידע זיינען נערוועזע אַוועק פון דער אָפענער טיר און פאַרשוואונדן אין אָפיס.

אַ פאָר חדשים זיינען בלויז אַוועק און מאַקס קאָהענס דריי־גודס סטאָר איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. יעדן טאָג איז זי געווען געפאַקט מיט נייע קונים. די בעלי־בתים פון גרויסן דעפאַרטמענט סטאָר האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו ווערן אומרואיק.

וואָס האָט דאָ עפּעס מיטאַמאָל פאַסירט? באַלד האָט זיך אין דער אַנדערער זייט פון אַנדערן גרויסן דעפאַרטמענט סטאָר פון מר. איראָנסטאָן באַוויזן אַ נייער דריי־גודס סטאָר מיט אַ שילד „סיימאָן גרינבערג״. דער אַלטער איד מיט דער ווייסער באָרד האָט שוין פון איצט אָן געהאַט אַן אַרבעט צו גיין פון איין עק שטעטל צום צווייטן, פון זונס קראָם צו זיין איידעמס קראָם, וואָס געפינט זיך אין אַנדערן עק פונם שטעטל.

דערווייל איז געקומען ראש השנה, און דער אַלטער האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געמוזט דאַוונען אין אַזאַ הייליקן טאָג אָן אַ מנין — און אָט קומט באַלד יום כפור. דער אַלטער איז וואָס מער אומרואיק געוואָרן.

— וואָס קומט אַרויס, אַז עס איז דאָ פרנסה, — האָט דער אַלטער גע׳טענה׳ט צו זיין זון און איידעם. — מילא, עס איז גענוג טרויעריק, וואָס איך האָב אַזאַ הייליקן טאָג ווי ראש השנה געדאַווענט פאַר זיך אַליין, אָבער איצט קומט יום כפור, ווי מעג אַ איד זאָגן כל נדרי פאַר זיך אַליין?

גלייך אויף צומאָרגנס האָט דער אַלטער גענומען דורכנישטערן דאָס גאַנצע שטעטל אין דער לענג און ברייט און, ווי שטענדיק, פאַר־בייגייענדיק דעם גרויסן דעפאַרטמענט סטאָר, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַריינגעקוקט, פאַרזיכטיק אָפּגעמאָסטן די פנים׳ער פון מר. מאָר־גענטהאַל און בלאַקסטאָן און איראָנסטאָן. — וואָס פאַר אַ מאָדנע פנים׳ער! איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז „דייטשן״ זאָלן האָבן אַזעלכע אמת׳ע אידישע פנים׳ער. — ווי נאָר יענע פון אינוויי־ניק האָבן דערזען דעם אַלטן שטיין פאַר דער אָפענער טיר קוקנדיק גלייך אויף זיי, זיינען זיי, ווי געביסענע פון אַ שלאַנג, אַנטלאָפן.

נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט פון נישטערן די דזשאָהנסווילער

געסלעך און אלע ווינקעלעך, איז דער אלטער אהיימגעקומען מיט א גדולה, אז ערגעץ־וואו, אין סאמע עק פון שטעטל, האט ער אנטדעקט א אידישן „טיילאר און קלינינג סטאר", און יענער האט אים געזאגט, אז ניט ווייט פון שטעטל אויף א פארם געפינען זיך צוויי אידישע פארמער. דאס הייסט — איז דער אלטער געווען אויסער זיך פון פרייד — אז צוזאמען מיט מיין אייניקל האבן מיר שוין די גרעסערע העלפט מנין.

— מען דארף האבן בטחון, — האט דער אלטער גע'טענה'ט צו זיינע זין. — מיר וועלן נאך מיט גאטס הילף האבן א מנין דעם יום כפור אין דזשאהנסוויל.

אין דזשאהנסווילער „רעדזשיסטער" איז ארוים נייעס מיט גרויסע איבערשריפטן: „א פאגראם אויף אידן אין בערלין". „הונדערטער קאטאליקן ווערן ארעסטירט אין דייטשלאנד". „קאטוילישער גלח ווערט פון די נאצים ארױפגעשלעפט פון קאנצל בעת זיין דרשה אין קירך און אוועקגעשיקט אין קאנצענטראציע־לאגער". די דזשאהנס־ווילער איינוואוינער האבן אנגעהויבן פארלירן זייער שטענ־דיקע רואיקייט: וואס פאר א „מעד מען" (משוגענער) איז עס דער היטלער? און וואס פאר א בארבארן זיינען עס די דייטשן? וואס ווילן זיי פון די קאטאליקן און אידן?

אויף צומארגנס האט זיך דער שטעטלדיקער גלח באוויזן אין מאקס קאהענס דריי־גודס סטאר, אים צוגערשט באגריסט מיט א „גוד מארנינג, סיר" און, דריקנדיק אים הארציק די האנט, האט ער אים ווי געטרייסט: — ניט פארצווייפלען, ברודער! די דייטשן האבן זיך פארמאסטן אפצואווישן אונדז, קאטאליקן, און אייך, אידן. „איר, דאס אויסדערוויילטע פאלק, האט שווערערע צייטן, גרעסערע און שטארקערע פעלקער איבערגעלעבט, און אזוי אויך מיר, קאטאליקן. מיר וועלן איצט אויך די בארבארישע דייטשן איבערלעבן".

פון יענעם טאג אן האבן אלע „דייטשע" דעפארטמענט סטארס פון דזשאנסוויל אנגעהויבן צו פוסטעווען. שטילערהייט האט א גע־וועזענער קונה איבערגעגעבן מארגענטהאלן און בלאקסטאנען, אז דער גלח האט אין זיינע דרשות אין קירך עפעס דערמאנט וועגן די „דייטשן", אז זיי זיינען בארבארן און אז די בעלי־בתים פון די דע־פארטמענט סטארס פון דזשאנסוויל זיינען דייטשן . . . און אז . . .

בליץ שנעל האט מר. מארגענטהאל געכאפט זיין אויטאמאביל

און אוועק צום גלח. ער האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן, אַז דאָס דינסטמיידל זאָל עפענען די טיר. אויף זיין ברייטן „גוד מאָרנינג, פאָדהער!" האָט אים דער גלח גאַנץ קאַלט און גלייכגילטיק אָפּגע־ענטפערט, און מיטן זעלבן טאָן האָט ער אים אַ פרעג געטאָן, וואָס ער פאַרלאַנגט.

— איר פאַרשטייט, פאָדהער, — האָט מר. מאָרגענטהאַל אָנגע־הויבן שטאַמלען, — שוין אַריבער דרייסיק יאָר ווי מיר וואוינען אין דזשאָהנסוויל און איצט גאָר אויף אַמאָל... ווערן מיר רואינירט... מיר... מיר...

דער גלח האָט אים ניט געלאָזט פאַרענדיקן און מיטן דער זעלבער רואיקייט באַמערקט:

— דאַרפסט זיי ניט באַשולדיקן. דו אַליין וואָלסט ניט בעסער געווען... דיינע לאַנדסלייט אין דייטשלאַנד מאָרדן אידן און קאַ־טאָליקן.

אויסער זיך, איז מר. מאָרגענטהאַל אויפגעשפּרונגען:

— אָבער, פאָדהער, וואָס רעדסטו? מיר אַליין זיינען דאָך גאָר אידן... און קיינמאָל ניט געווען קיין דייטשן, דייטשע אידן... פאַרשטייסט, פאָדהער, אידן, אמת'ע אידן...

⁂

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מר. מאָרגענטהאַל געוואָרפן אין אומ־רואיקער אויף זיין געלעגער. ער האָט אַלץ ניט געקענט פאַרגעסן דעם גלח'ס ווערטער. איצט איז מיטאַמאָל אים אַלץ קלאָר געוואָרן. שרעק־לעכע חלומות האָבן אים גענומען פּלאָגן. אָט דאַכט זיך אים, ער איז אַ קליין אינגל, ער שטייט אין דער אַלטער שול פון זיין קליין שטעטל אין גאַליציע. זיין טאַטע, איינגעהילט אין אַ ווייסן טלית, זאָגט צו־זאַמען מיטן גאַנצן עולם „כל נדרי". פּלוצים רייסן זיך אַריין ווילדע פאַגראַמשטשיקעס, רייסן אַראָפּ דעם טלית פון זיין פאָטער און שלעפּן אים אַרויס פון שול. דער טאַטע שרייט מיט שרעקלעכע קולות. מאָרגענטהאַל וואַרפט זיך אַן אומרואיקער אויף אַלע זייטן און לאָזט אַרויס אָפּגעריסענע קרעכצן, און אָט בייט זיך די פּאַנאָראַמע: ער דערזעט מיטאַמאָל אַ גאַס ערגעץ־וואו אין אַ דייטשער שטאָדט. אידן שלייכן זיך באַהאַלטענערהייט אין שול צו „כל נדרי". פּלוצים באַוויזן זיך אַ באַנדע נאַצים, לאָזן זיך ווילד לויפן צו איין איד, וואָס טראָגט אַ טלית אונטערן אָרעם. אַ מינוט בלויז און דער איד ליגט אין אַ טייך

בלוט און לעבן אים דער ווייסער טלית, איינגעשמירט אין רויטע טראפנס בלוט. מארגענטהאל האט ארויסגעלאזט א שרעקלעכן געשריי. זיין פרוי און קינדער האבן אים דערשראקענע אויפגעוועקט. א קאל־טער שוויים האט אים באגאסן.

צומארגנס גאנץ פרי האבן די „דייטשע" דעפארטמענט סטארס צווישן זיך אפגעהאלטן א מיטינג, און גראד דאן איז דער אלטער איד מיט דער ברייטער ווייסער בארד פארבייגעגאנגען שפרייזנדיק מיט זיין שטעקן און, ווי שטענדיק, זיך אפגעשטעלט און אריינגעקוקט אין דער אפענער טיר. דאס מאל זיינען ביידע שותפים שוין ניט אנטלאפן, נאר זיך געלאזט צו דער אפענער טיר און דעם אלטן מכבד געווען מיט א פריינטלעכן, הארציקן „גוט מארגן! וואס מאכט א איד?" דעם אלטנס אויגן האבן מיטאמאל אויפגעלויכטן פאר שמחה און ער האט מיט גרוים פרייד געהאלטן אין איין איבער'חזר'ן:

— וואס דען? איך דערקען ניט קיין אידן?

גלייך האט מען אוועקגעשיקט קיין ניו יארק א טעלעגראמע נאך א חזן. און אין זעלבן פארנאכט האבן אלע דזשאנסווילער איינוואוי־נער געליינט אין „רעדזשיסטער" א גרויסע באקאנטמאכונג אויף דער סאמע ערשטער זייט:

„דעם און דעם אוונט פארנאכט און צומארגנס א גאנצן טאג וועלן אלע אידישע איינוואוינער פון דזשאנסוויל אפהאלטן זייער גא־טעסדינסט אין הויז פון מר. מארגענטהאל און בלאקסטאן".

און עס איז אויך געווען באמערקט, אז גלייך נאך יום כפור וועט זיך גרינדן די ערשטע אידישע קאמיוניטי (קהלה) אין דזשאנס־וויל, און דער צייטווייליקער פרעזידענט פון דער קהלה איז מר. איראנ־סטאן, דער אייגנטימער פון גרויסן דעפארטמענט סטאר . . .

עלענדע מענטשן

דעם ערשטן טריט, וואָס מאָרים האָט געשטעלט אין אַמעריקע, איז אים ניט געווען מזל'דיק, ווען די רייכע אַמעריקאַנער מומע זיינע פון „ריווערסייד־דרייוו" האָט אים פון שיף אַראָפּגענומען און גע־בראַכט צו זיך, און מאָרים האָט דערזען דעם אַנקל זיינעם מיט צוויי שטעכיקע וואָנצעס, די שפּיצן פאַרדרייט אויף אַרויף צו. יענער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט זיינע גרויע, קאַלטע אויגן, האָט מאָרים דערפילט, אַז אים איז דורכגעלאָפן אַ פראָסט.

אין די גרויסע הויז־צימערן, וואָס זיינען געווען אויסמעבלירט מיט די טייערסטע מעבל און אויל־בילדער, האָט זיך געפילט די זעלבע קאַלטקייט, ווי פון זיין אַנקלס גרויע אויגן.

צווישן די פאַרשידענע גרויסע בילדער מיט גאָלדענע ראַמען האָט מאָרים דערזען דאָס בילד פון אַן עלטערער פרוי מיט אַ שטערנטיכל. וואָס איז אַזוי ענלעך געווען צו זיין מאַמען.

— דאָס איז די באָבע דיינע, מיין מאַמע, דיר צו לאַנגע יאָר, — האָט אים די טאַנטע דערקלערט.

גלייך לעבן דעם בילד איז געהאַנגען דאָס חתונה־בילד פון זיין אַנקל און טאַנטע. ער — אויסגעפּוצט אין אַ פראַק און צילינדער, די וואָנצעס נאָך גרעסער ווי איצט, צוויי גרויסע שפּיזן. איצט דער־מאָנט ער זיך, אַז ער איז נאָך געווען אַ אינגל, האָט די מאַמע זיינע באַקומען דאָס בילד אויף ראש השנה, מיט דער צושריפט „לשנה טובה". און דאָס גאַנצע שטעטל איז געלאָפן אויפן וואונדער צו זען ווי אַזוי זיין טאַנטע כאַשע, וועלכע הייסט איצט דזשאַנעט, האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיליאָנער אין אַמעריקע.

אים איז געוואָרן אומהיימלעך אין די גרויסע סאַלאָנען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מוזעאומס. אַ פּוסטע לאַנגווייליקייט האָט גע־שלאָגן פון די אַלטע, מאַסיווע שטיקער מעבל. די איינציקע זאַך, וואָס

פלעגט אים אינטערעסירן, איז געווען זיין באבעס בילד אין גרויסן סאלאן, וואס איז אזוי ענלעד צו זיין מאמען.

ווען דער אנקל האט אים א פאר מאל געטראפן אין גרויסן סאלאן, האט ער אונטער דער נאז געבורטשעט א פאר אומפארשטענדלעכע ענגלישע ווערטער, געקוקט אויף אים מיט זיינע קאלטע גרויע אויגן, אז אים איז נאך מער אומהיימלעכער געווארן.

א וואך צייט בלויז — און דער רייכער אנקל איז ארויס מיט לשון: אז אין אמעריקע דארף מען ארבעטן, אז . . . אז . . . האט מאריס אין א פרימארגן גענומען זיין פעקל און איז אוועק אן א „זייגעזונט" פון ריווערסייד־דרייוו צו זיינעם א לאנדסמאן אין ריווינגטאן סטריט. גלייך אויפן צווייטן טאג האט אים יענער מיט זיך ארויפגענומען אין א דרעס־שאפ, אים איינגעשריבן אין „נייטדסקול", און מאריס האט אנגעהויבן „מאכן א לעבן".

ער האט אפילו גע'חלומ'ט צו גיין שפעטער אין „היי־סקול". אזוי ווי ער האט אין דערהיים געענדיקט גימנאזיע, וועט אים לייכטער אנקומען. אבער ביי דרעסעס איז דערווייל געווארן סלעק, און מאריס איז אריין אין אן אנדער שאפ, אנגעהויבן לערנען אן אנדער טרייד און געמוזט אויפגעבן זיין חלום פון היי־סקול. אזוי איז ער דאן, מיט פופצן יאר צוריק, אנגעקומען אין דעם שאפ, וואו ער ארבעט איצט.

אין די זומערדיקע פארנאכטן, ווען ער פלעגט קומען פון שאפ אין זיין איינזאמען צימערל און א פארנאכטיק ווינטל האט צו אים דורכן אפענעם פענצטערל ווי עפעס אריינגעשושקעט אין אויער, האט ער פלוצים דערפילט, אז זיינע יארן גייען אוועק גלאט מיט גארניט, די טעג, וואכן און חדשים דרייען זיך פונקט ווי די לאנגע פאסן זייד אויף דער מאשין ביי וועלכער ער שטייט טאג־אויס, טאג־איין. ער האט מיטאמאל דערפילט זיין עלנטקייט. פון אלע זיינע באקאנטשאפטן מיט מיידלעך האט זיך גארניט אויסגעלאזן, ניט דערפאר וואס מאריס האט אין זיך ניט יענע מעלות, וואס קענען צוציען א מיידל, פארקערט, ער איז א גאנץ שיינער אינטעליגענטער בחור, ווייסט ווי צו ריידן צו א מיידל, אבער . . . עפעס אנדערש איז דא געשטאנען אין וועג.

צוערשט האט זיך אנגעהויבן א סדרה פון „אויסגיין". אזוי שנעל ווי ער האט זיך באקענט מיט א מיידל, זי איינגעלאדן אין טעאטער, איז יענע גלייך אריבער צום פסוק „האו מאטש?" ביי וואס

ער אַרבעט, וויפיל אַ שטייגער פאַרדינט ער עס אַ וואָך? און צי האָט ער עפּעס געלט אָפּגעשפּאָרט אין באַנק? אַ טייל האָבן עס געזאָגט אָפן, אָן שום קונצן, פּונקט ווי עס וואָלט זיך דאָ האַנדלען אין קויפן אַ קענדי סטאָר, אַנדערע האָבן עס געמאַכט אויף אַ מער דיפּלאָמאַטישן אופן. קודם האָבן זיי גלייך, ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אויס־געפונען ביי וואָס ער אַרבעט, ווי פיל ער מאַכט אַ וואָך.

„אייער פּראָפעסיע איז ניט קיין שלעכטע!" פלעגט דאָס מיידל גלאַט אַזוי זיך אַ זאָג טאָן.

„הם . . ." פלעגט מאָריס אָנהייבן, „אַ גע'הרג'עטער טרייד — נעקטייס, אינגאַנצן אויסגעשפּילט . . ."

דאָס מיידל האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן דאָס לשון, זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן זייגערל, אַז ס'איז שפּעט, זי דאַרף מאָרגן אויפשטיין צו דער אַרבעט, און אַז ס'איז אַ לאַנגווייליקע שאָו. פלעגט זי גענעצן. אַרויסגייענדיק פון טעאַטער האָט זי אים געזאָגט, אַז ער דאַרף זי אפילו ניט באַגלייטן, זי וועט שוין אַליין אַהיימפאָרן, צו וואָס זאָל ער זיך באַמיען? און ווי אַן אונטערגעשאָסענע פלעגט זי לויפן צום סאָבוויי.

פלעגט אים נמאס ווערן אין די שבתים און זונטיקס צו זיצן איינער אַליין ביי זיך אין צימער. האָט ער שוין דאָס צווייטע מיידל גענומען אין אַ בעסערן רעסטאָראַנט, און אַליין דער ערשטער אָנ־געהויבן: „ס'איז טאַקע אַ קריזיס, שלעכטע צייטן, אָבער אַז מען טויג זיך אויס, קען מען זיך אַן עצה געבן, און מ'פייפט אויפן קריזיס. נעמט למשל מיך", פלעגט מאָריס טענה'ן, „איך שטיי שוין פופצן יאָר אויף איין פּלאַץ, מאַך אַ שיין לעבן, אין באַנק איז אויך דאָ אַ פּאָר דאָלער, און . . ."

דאָס מיידל האָט אים גענומען מאַכן קאָמפּלימענטן, אַז ער איז אַ „סמאַרט מען", אויב זי איז צופרידן ער זאָל זי רופן. זיכער! און זי האָט איר טעלעפאָן נומער אַריינגעשריבן ביי אים אין ביכעלע. מאָריס, אַן אויפגעלייגטער, האָט ביים אַוועקגיין דערלאַנגט דעם ווייטער אַ שיינעם טיפּ. דאָס מיידל האָט אים גענומען ביים אָרעם, אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אַז ס'איז ניט קיין געשעפט צו זיין איינער אַליין . . . אַז . . . און ביים אַוועקגיין אים פעסט געדריקט די האַנט. „רופט גלייך מאָרגן!" האָט זי אים נאָכן געזעגענען זיך פון ווייטן נאָכגעשריען.

לאנג פלעגט אזא באקאנטשאפט ניט אנהאלטן, אמאל א וואך צוויי, אמאל דאס אויך ניט. אין מיטן וואך האט דער באס אריינ־גערופן מארים צו זיך אין אפיס: — סעי, מארים, — האט ער זיך צו אים געווענדט, — ווי קומט עס וואס מען האט זיך עס אויף דיר נעבטן אזוי נאכגעפרעגט? ווי לאנג דו ארבעטסט דא ביי מיר, וויפיל דו מאכסט א וואך? — האט שוין מארים געמוזט זוכן א נייע באקאנטע.

אפטמאל פלעגט פאסירן פארקערט: דאס מיידל, מיט וועלכער ער פלעגט פארברענגען אין א זונטיק אין א רעסטאראן, פלעגט אנהייבן קרעכצן, אז ס'איז א שווער לעבן אין שאפ, אז די ארבעט אין שאפ ציט ביי איר ארויס דעם מארך פון די ביינער. ווי לאנג קען מען עס אזוי, טאג־איין, טאג־אויס, אויפשטיין גאנץ פרי, ארייַנקוועטשן זיך אין סאבוויי און שפעטער א גאנצן טאג זיצן ביי דער מאשין. מ'ווערט דאך ניט יונגער, נאר עלטער . . . קוקנדיק אויף אירע מידע בליקן און בלאסן פנים, וואס האט זיך איצט אזוי דייטלעך געזען אונטערן פאודער . . . מארים האט צו איר געפילט א רחמנות, איר אויסגערעדט דאס הארץ, זיך אנגעהויבן פלאנטערן מיט דער צונג, אז . . .

נאך אזא באקאנטשאפט פלעגט שוין מארים גאנצע צוויי וואכן זיצן ביי זיך אין צימערל איינער אליין . . .

אויף א ליטעראַרישן אוונט אין א אידישן פאראיין האט ער זיך איינמאל באקאנט מיט א זייער פיין, אינטעליגענט מיידל. א פאר מאל זיינען זיי צוזאמען אויסגעגאנגען אין טעאטער, רעסטאראן און פארקס, און זי האט קיין ווארט ניט דערמאנט וועגן ארבעט, פארדינסט. — ווייסט אוים צו זיין א פיין מיידל, — האט מארים וועגן איר גענומען טראכטן. און ווען זי האט אים איינגעלאדן צו זיך אהיים זונטיק אוונט, — זי וויל אים באקענען מיט אירע עלטערן, — האט מארים זיך ניט געלאזט לאנג בעטן.

ערגעץ־וואו אויפן זעקסטן שטאק פון א טענעמענט הויז, אין איינעם פון די איסט־סיידער גאסן, האט מארים אנגעקלאפט אין טיר. דער ערשטער, וואס האט אים מכבד געווען מיט א שלום עליכם, איז געווען דעם מיידלס פאטער, א אידל מיט א קליין בערדל און כיטרע אויגעלעך, וואס האבן געהאלטן אין ארומלויפן אין אלע זייטן. באלד איז די מאמע, א דיק־רוויטלעכע אידענע, אריין פון צווייטן

צימער און זיך פאַרענטפערט, אַז ראָוז טוט זיך איצט איבער, זי וועט גלייך אַריין. דערווייל האָט מען אים געבעטן זיצן און אים מכבד געווען מיט פרוכט און טיי.

פונקט קעגנאיבער האָט זיך דאָס אידל מיטן קאָזע־בערדל אוועק־געזעצט און פון מאָריסן ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג.

— ווי גייען די געשעפטן? — האָט ער אים גלאַט אַזוי זיך אַ פרעג געטאָן.

— ניש׳קשה, — האָט מאָריס געענטפערט, און אַריינגעלייגט צוקער אין גלאָז טיי.

— מיט וואָס, אַ שטייגער, באַשעפטיקט איר זיך? — האָט ער ווייטער אַ פרעג געטאָן.

— איך אַרבעט ביי נעקטיים, — האָט מאָריס זיך אָנגעהויבן פילן אומבאַקוועם און אַ זופּ געטאָן די טיי.

— המ . . . המ. . . . ביי נעקטיים! — האָט דאָס אידל אָנ־געהויבן גלעטן זיין בערדל. — דאַכט זיך, אַז מ׳סטרייקט גאָר ביי נעקטיים?

מאָריסן איז מיטאַמאָל הייס געוואָרן. פון דער צווייטער טיר האָט זיך דערווייל באַוויזן ראָוז און אים דערלאַנגט איר האַנט מיט אַ „האַו־דו־יו־דו?"

— דער סטרייק, — האָט מאָריס אָנגעהויבן דעם שמועס, — איז שוין פאַרענדיקט.

— מלא גדולה! — האָט זיך דאָס אידל צוריק אַ כאַפּ געטאָן ביים בערדל. — דער סטרייק, — האָט ער נאָכגעזאָגט מאָריסן, — איז פאַרענדיקט! און געזיגט האָט די יוניע! אַ קלייניקייט! איר שפּילט זיך מיט דער יוניע! נעמט מיך, למשל, שוין דרייסיק יאָר אַן אַפּרייטאָר, וועגן ניט די יוניע! פריער גאָט, און דערנאָך די יוניע!

מאָריס איז איצט צופרידן וואָס ראָזעס פאָטער האָט זיך אָנגע־כאַפּט אַן דער יוניע. אָבער באַלד האָט ער זיך ווייטער געכאַפּט:

— ווי אַזוי־זשע איז געמאַכט געוואָרן דער אַגרימענט?

מאָריסן איז מיטאַמאָל הייס געוואָרן. ער האָט דערפילט, אַז באַלד וועט ער אַרויסלאָזן דאָס גלאָז פון האַנט.

אַלע אויגן, דער טאַטע, די מאַמע, די טאָכטער האָבן אויף אים גענומען שיסן. אַ פאַרלאָרענער האָט ער גענומען שטאַמלען, ווי ער וואָלט איצט ריידן פון היץ:

— די פּאָר חדשים אין סעזאָן ... דאַרף מען ...

דער טאַטע האָט געגומען אונטערברומען אַ ניגונ׳דל, וואָס האָט מאָריסן געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס. ראָוז האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, דער מאַמעס פּנים איז נאָך רויטער געוואָרן, און ווען מאָריס האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אַ מיטינג אין זיין סאָסייעטי און מוז אַוועקגיין, האָט אים קיינער ניט צוריקגעהאַלטן. ווען ער איז אַראָפּ אין איילעניש פון די טרעפּ, האָט זיך צו אים דערטראָגן דער מאַמעס קול: — אַז מען מאַכט קיין לעבן ניט, פאַרדרייט מען ניט דעם קאָפּ קיין מיידלעך. אַזאַ נאַרישע מויד, שלעפּט זיך אַרום מיט אַ קבצן! ...

דערוויילי האָט זיך אונטערגערוקט דער קריזיס. די אָפּגעשפּאָרטע פּאָר דאָלער האָט מאָריס אויפגעגעסן. פון גאַנצן סעזאָן איז בלויז געוואָרן צוויי טעג אין וואָך אַרבעט, פון וועלכע ער לעבט קוים איבער די וואָך. מיטן קריזיס האָבן זיך אויף אים אָנגערוקט די וואָכן, חדשים און יאָרן. אַזוי איז מאָריס געוואָרן אַן אַלטער בחור ... און ביי די מיידלעך און שאָפּ באַקומען דעם נאָמען „אָלד דעדי״. ביי זיי האָט ער אַ נאָמען פּאָר אַ „מייזער״, וואָס נעמט קיינמאָל ניט אויס קיין מיידל אין אַ שאָו אָדער רעסטאָראַן, האָט דערפאַר אַן אוצר מיט געלט. אַ קליניקייט! ער שטייט שוין פופצן יאָר אויפן זעלבן פּלאַץ, און דער עיקר זיינען זיי, די מיידלעך, אים געווען דם שונאים, פאַרוואָס ער איז געבליבן אַן אַלטער בחור, ליגט איינגעלייגט אויפן דאָלער און וויל ניט חתונה האָבן ...

די הויפּט־אַנפירערין פון קאַצניאָמער קעגן מאָריסן איז סיידי, אַ מיידל שוין ניט קיין יונגע, אָבער מיט אַ פּאָר שיינע סימפּאַטישע אויגן. קומט אַמאָל לאַנטש־טיים, מען וויל זיך אַ וויצל טאָן, הייבט מען גלייך אָן פון מאָריסן. — דער „אָלד דעדי״ איז היינט ערנסט! — הייבט סיידי אָן, און יעדע מיידל זאָגט אַן אַנדער וויץ אויף זיין חשבון. ביים אויסטיילן די אַרבעט פאַר דער וואָך, ווען ס׳איז סלאָו, שרייט סיידי, אַז פאַרן „אָלד דעדי״ איז גענוג איין טאָג אין וואָך: — וואָס איז? — טענה׳ט זי, — וויב און קינדער בעטן ביי אים ברויט? ער איז גענוג אָנגעשטאָפּט מיט דאָלאַרן ....

אויבנאויף נעמט מאָריס די אַלע וויצן אויף זיין חשבון, און דעם נאָמען „אַלטער בחור״, גוטמוטיק און מאַכט זיך, אַז עס אַרט אים ניט, אָבער טיף אין האַרצן טוט דאָס אים שרעקלעך וויי, ער פילט זיך געקרענקט און באַליידיקט. איז עס דען זיין שולד? איבערהויפּט טוט

אים ווי, ווען ער הערט אין די מאַנטיקס ווי די מיידלעך באַרימען זיך איינע פאַר די אַנדערע וועגן די בחורים, און די „גוד טיימס", וואָס זיי האָבן געהאַט אין די שבתים און זונטיקס. סיידי איז, ווי שטענדיק, די הויפּט־רעדנערין. זי פירט דאָס רעדל: — וואָס פאַר אַ סוועל־פּליים ער האָט מיך גענומען דעם שבת! איך האָב אַליין געזען ווי ער האָט באַצאָלט אַ ביל פון זעקס דאָלער, אַ חוץ אַ שיינעם טיפּ!

אַ צווייטע דערציילט וועגן אַ נאַכט־לאָקאַל אין האַרלעם; אַ דריטע וועגן אַ „וויק־ענד" אין לייקוואָוד, ווי ער האָט שוין „פּראָפּאָוזד", אָבער זי איילט זיך ניט, זי האָט צייט . . .

מאָרים קען באַין אופן ניט פאַרשטיין: דאַכט זיך אַזעלכע שווערע צייטן אין אַמעריקע, מיליאָנען מענטשן זיינען אַרבעטסלאָז און אויף רעליף, וואו נעמען עס יענע אַלע בחורים אַזוי וואַרפן מיט געלט רעכטס און לינקס? נאָכאַלעמען, טראַכט ער זיך, ווידער אויף צוריק, איז דען די גאַנצע וועלט אַזעלכע ילא יוצלח'ס ווי ער? וואָס האָט צוויי טעג אַ וואָך אַרבעט? אָדער ווי יענע, וואָס קומען אַן צו רעליף? גענוג מענטשן לעבן אַ גוטן טאָג און וויסן ניט פון קיין קריזיס . . .

⁂

אַ שרעקלעכע לאַנגווייליקייט האָט מאָריסן מיטאַמאָל באַפאַלן. ער האָט וואָס אַמאָל מער אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר זיין איינזאַם צימערל. דער געדאַנק, אַז זיין גאַנץ לעבן וועט זיך אַזוי ציען טרוקן, אָן פרייד, און וועט זיך אַזוי שטענדיק פּלאָנטערן אַ באָרדער ביי פרעמדע מענטשן, און זיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן און רעסטאָ־ראַנען, האָט אים איצט אָנגעהויבן פייניקן.

מ'דאַרף נאָכאַמאָל אַ פּרואוו טאָן, — האָט ער זיך געטראַכט. — ס'זיינען דען ניטאָ גענוג עלנדע מיידלעך, וואָס זוכן אַ חבר אין לעבן? זיינען וויליק צוזאַמען צו טראָגן די לאַסט פון לעבן? וואָס . . .

זיין לעצטע פּראָבע האָט מאָרים געמאַכט אויף אַ מערקווירדיקן אופן: אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, ווען ער איז געזעסן אַן איינזאַמער ביי אַ גלעזל קאַווע, פאַרטיפט אין אַ אידישער צייטונג, האָט ער ברעטערנדיק זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאַנצער זייט חתונה־אַדווער־טייזמענטס. פון אויבן איז געווען די אויפשריפט: „פּערזענלעכעס", און דאָ, איינע נאָך דער אַנדערער אין קליינע קעסטעלעך, פאַרשידענע

חתונה־אנבאָטן פון מיידלעך, בחורים, גרושות, אלמנות, אַלע כמעט מיטן זעלבן אינהאַלט:

„סימפּאַטישע ברונעטע מיידל פון רבני'שער פאַמיליע, אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט, זוכט אַן אנשטענדיקן באַי, וואָס וויל זיך סעטלען. דער יעניקער וועט זיכער ניט באַדויערן".

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט מאָריס ווייטער געלייענט:

„אינטעליגענטע, עלנדע מיידל, ניין און צוואַנציק יאָר אַלט, באַ־לעבאַטישע טאָכטער, ניט קיין פלעפּערקע, זוכט אַ פּאַסיקן לעבנס־באַגלייטער און חבר. שרייבט באָקס נומער . . . אויפן אַדרעס פון דער צייטונג".

עס וואָלט ניט געשאַדט מ'זאָל אַ פּרוביר טאָן, אַז אינטעליגענטע, עלנדע מיידל, וואָס זוכט אַ לעבנס־באַגלייטער און אַ חבר . . .

איז דען ניט מעגליך, אַז . . .

⁂

ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו מיטן אַדרעס פון באָקס נומער, וואו ער האָט אויסגערעכנט זיינע מעלות, און אַז ער בענקט נאָך אַ פאַמיליען־לעבן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מאָריס באַקומען אַן ענטפער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„אומבאַקאַנטער פריינט:

„איך בין זייער צופרידן וואָס מיין אַדווערטייזמענט אין „פער־זענלעכעס" אין דער און דער צייטונג האָט געטראָפן די ריכטיקע פּערזאָן. פון די צענדליקע בריוו, וואָס איך האָב באַקומען אויף מיין באָקס נומער, האָב איך אויסגעקליבן אייערן, ווייל לויט ווי איך זע נאָך אייער שרייבן, זייט איר די ריכטיקע פּערזאָן, דער אידעאַלער מאַן, וואָס איז פּאַסיק פאַר מיר . . ."

דערביי רעכנט זי אויך אויס אירע מעלות: — „אַז מענטשן זאָגן, אַז זי איז ניט קיין מיאוסע, און אַז זי פילט זיך זייער איינזאַם אין דעם גרויס־שטאָטיקן רוישיקן און קאָכיקן לעבן, און" — האָט זי פאַרענדיקט — „עס בענקט זייער נאָך אַן אמת'ן חבר און לעבנס־באַגליטער". איר נאָמען האָט זי ניט אונטערגעשריבן, בלויז די ערשטע ווערטער: מ. ב., און איר אַדרעס האָט זי אָנגעגעבן מיט די זעלבע ווערטער: „קער אָף דזשענעראַל דעליווערי". — „נאָכאַלע־מען" — האָט זי זיך פאַרטיידיקט — „זיינען מיר צוויי אומבאַקאַנטע,

פרעמדע מענטשן, און קיינער ווייסט ניט צו וועמען מיין בריוו קען אמאל אריינפאלן".

מאַרים איז פון דעם ענטפער געווען אין זיבעטן הימל. איצט וועט עס מיטאמאל נעמען אַ סוף צו די לאנגווייליקע פארנאכטן, צום איינזאַמען צימערל, צו אַלע צרות. דאס איז די ריכטיקע פערזאָן פאר אים. אין אַ לאנגען בריוו, אין וועלכן ער האט איר געענטפערט, האט ער זיך אויסגערעדט זיין ביטער הארץ, אַז ער בענקט שוין פון לאנג נאך אַזאַ אידעאַלער פערזאָן ווי זי ווייזט אויס צו זיין . . .

באַשטימט האָבן זיי זיך צו טרעפן אין אַ שבת אָוונט, אכט אַ זייגער, אין דער פּאָבליק לייברערי, אויף דער צווייטער און פערציקסטער גאַס און פינפטע עוועניו. אַזוי ווי זיי וועלן איינער דעם אַנדערן ניט דערקענען, האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן שטיין אין דער לאָבי פון דער לייברערי, פּונקט ביי דעם גרויסן וואנט-זייגער, און זי זאָל האלטן אין האנט יענע צייטונג, אין וועלכער זי האט אדווערטייזט, מיט דער גרויסער אויפשריפט — דער נאָמען פון דער צייטונג צום פּראָנט. ער, ווידער, וועט זיין אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם סוט, אַ שווארצן מאַנטל און העל-גרויען העט, און לויט די צייכנס וועלן זיי זיך איינע דעם אַנדערן דערקענען.

שבת אָוונט, פאר אכט אַ זייגער, האט זיך מאַרים אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניג, און קוקנדיק אין שפּיגל, האט ער געטראַכט, אַז: נאך אַלעמען קען ער נאך געפעלן . . . אַז אויסגעפּוצטער ווי אַן אמת'ער חתן, איז מאַרים אַריין אין אַ לעבעדיקער שטימונג, פול מיט דערוואַרטונג, אין דער לאָבי פון דער צווייטער און פערציקסטער סטריט לייברערי.

די גרויסע ווייזערס פון זייגער האָבן געוויזן פּונקט צוואַנציק מינוט פאר אכט. אַ פּאָר מאָל האט ער זיך אַ נערוועזער ארומגעדרייט הין און צוריק אין דער לייברערי, ביז איינער פון די ווייזערס האט זיך לאנגזאַם אַ רוק געטאָן אויף אכט . . . ער האט מיט אָנגעשטרענגטע בליקן געגנישטערט אין אַלע ווינקעלעך ארום זייגער און קיינעם ניט געזען מיט יענער צייטונג אין האנט. פּלוצלונג האט ער באַמערקט ווי סיידי, פון זיין שאָפּ וואָס פירט אַן טאָג-טעגלעך די קאַצנמוזיק קעגן אים, דרייט זיך הין און צוריק ניט ווייט פון גרויסן וואנט-זייגער . . . זי וואַרט זיכער אויך אויף איר געליבטן, האט ער זיך געטראַכט. אדרבא, בעסער אַזוי, זאָל זי זען ווי באַלד ער וועט

דאַ האָבן אַן אַפּאַינטמענט מיט אַ שיין מיידל. זאָל זי זען, אַז ער איז ניט אַבי ווער . . . זאָל זי . . .

— האַ־דו־יו־דו, סיידי! — האָט מאָריס זי באַגריסט.

דערזעענדיק דעם „אָלד דעדי" אַן אויסגעפּוצטן אין אַ שוואַרצן קאָוט, אַ ברוינעם סוט און אַ העל־גרויען העט, האָט זי אַלעם גלייך פאַרשטאַנען . . . און קונציק האָט זי די צייטונג, וועלכע זי האָט נאָר־וואָס געוואָלט אַרויסנעמען מיטן נאָמען צום פּראָנט, צוריק באַהאַלטן אין קעשענע פון איר מאַנטל.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט זי האַלב דיפּלאָמאַטיש און קאָקעטיש מאָריסן גאַנץ אומשולדיק אַ פרעג געטאָן.

מאָריס האָט איר עפּעס געפּרובירט ענטפערן, אָבער די ווערטער האָבן זיך ניט געקלעפּט איינער צום אַנדערן. אַן אומרואיקער האָט ער געהאַלטן אין איין קוקן, באַלד אויפן זייגער, באַלד צום גרויסן אַריינגעגאַנג. די ווייזערס האָבן זיך דערווייל געהאַלטן אין איין רוקן אויף ווייטער . . . ס'איז שוין האַלב נאָך אַכט און מ'זעט קיינעם ניט . . .

קוקנדיק אויף סיידין, ווי זי איז עפּעס דאָס מאָל אַזוי ערנסט און האַלט אים אין איין באַטראַכטן, איז אים מיטאַמאָל דורכגעלאָפן אַ געדאַנק . . . ער איז היינט אויסגעפּוצט ווי אַן אמת'ער ספּאָרט, מ'דאַרף אַ פּרואוו טאָן, האָט ער וואָס אַמאָל מער מוט באַקומען.

און ניט זיבער, האָט ער זי איינגעלאַדן אין אַ בראָדווייער טעאַטער. זי האָט זיין פאָרשלאָג אָנגענומען.

זיצנדיק אין דעם האַלב־פינצטערן טעאַטער, האָט מאָריס פון איבערראַשונג, וואָס סיידי האָט אָנגענומען זיין איינלאַדונג, ניט געקענט קומען צו זיך, און פאַר'גנב'עטערהייט יעדע מינוט געכאַפּט אַ קוק אויף סיידין, וועלכע איז געזעסן אַן ערנסטע און פאַרזאָרגטע. גאָר ניט יענע סיידי פון שאַפּ, האָט ער זיך געוואונדערט. ווען ס'איז ליכטיק געוואָרן, האָט מאָריס באַמערקט ווי פון איר מאַנטל קוקט אַרויס אַ אידישע צייטונג, אין וועלכער יענער אַדווערטייזמענט איז געווען געדרוקט . . .

ביידע האָבן זיך אויף אַ ווייל איבערגעקוקט. זעענדיק ווי ער האָט באַמערקט די אידישע צייטונג אין איר מאַנטל־קעשענע, איז סיידי רויט געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און מאָריס האָט מיטאַמאָל אַליץ פאַרשטאַנען . . .

צומאַרגנס איז מאָרים געקומען אין שאַפּ אַ לוסטיקער, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, און שפּאַטיש, ווי איינער וואָס האָט ערשט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג, אַריבערגעקוקט צו סיידין, וועלכע איז גע־שטאַנען אַן ערנסטע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געשעמט ווען קוקן אין די אויגן אַריין. אמת, קיין גליק אין ליבע האָט ער אַליין ניט, לאַנגווייליקע פּאַרנאַכטן וואַרטן אויף אים ווייטער אין זיין איינזאַמען צימערל, אָבער ער איז צופרידן וואָס נאָך ווער אין שאַפּ איז אַזוי עלנד ווי ער . . .

נאָך דער אָפּעראַציע

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך בערגמאַן געוואָרפֿן אויף זיין געלעגער, אין זיין איינזאַמען צימערל אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק פֿון אַ ביליקן באַרדינג־הויז. ער האָט באַרן אופֿן ניט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ער איז אויפֿן אמת'ן קראַנק. געווען אין מלחמה, געקעמפֿט אויף דעם פֿראָנט, בייגעשטאַנען אַלע שטורעמס, הונגער, נויט . . . ער זאָל גאָר אויפֿאיינמאָל קראַנק ווערן?

שוין וואַכן ווי ער פֿילט אַ ווייטיק אין די זייטן און אַ שווינדלען אין קאָפּ, און האַלט אַלץ מיט זיך אין איין'טענה'ן, עס וועט איבערגיין.

ווען אין דרויסן האָט גענומען בלויען אויף טאָג, און טראָפּנס פֿון אַ דראַבנעם רעגענדל האָבן געקלאַפּט אויפֿן פֿענצטערל פֿון בערג־מאַנס איינזאַמען צימער, איז ער געלעגן מיט האַלב־אָפֿענע אויגן אַ בלאַסער און געפֿיבערט . . .

שווער איז אים איצט אָנגעקומען אַראָפּצוגיין פֿון בעט. אַלע גלידער האָבן אים וויי געטאָן, פֿאַר די אויגן האָט געשווינדלט און אין קאָפּ האָבן האַמערס געקלאַפּט, און אַלע אברים זיינע האָבן געפֿלאַמט פֿון אַ העליש פֿייער. אַן איינגעקאַרטשעטער פֿון יסורים האָט ער זיך איינגעהילט אין אַלטן אָפּגעבליאַקעוועטן מאַנטל, אַראָפּגעשלעפּט פֿון דריטן שטאָק, און זיך געשלעפּט איבער די פֿייכטע גאַסן צום שפּיטאָל.

פֿאַרן אָפֿענעם פֿענצטערל פֿון אויפֿנאַמס־אָפֿיס איז ער אַ דורכ־געווייקטער פֿון רעגן געשטאַנען, געהאַלטן זיך מיטביידע הענט אין ווענטל און געענטפֿערט אויף די גלייכגילטיקע פֿראַגן פֿון אָפֿיס־מיידל:

— אייער נאָמען, באַשעפֿטיקונג, ביי וואָס האָט איר געאַרבעט די לעצטע צוויי יאָר? האָט איר קרובים אין אַמעריקע?

ביי דער לעצטער פֿראַגע איז בערגמאַן נאָך שטילער געוואָרן, און מיט אַ שוואַכן קול געענטפֿערט: — ניין. ער האָט דאָ קיינעם ניט. — אין אַנדערע שטעט אין אַמעריקע? — אויך ניט — האָט בערגמאַן

אפגעענטפערט. — אבער . . . — האט דאס מיידל מעכאניש ווידער געפרעגט — אין א דרינגענדן נויטפאל פון . . . וועמען זאלן מיר צואווייסן טאן? . . .

בערגמאן האט א טראכט געטאן און זיך דערמאנט אז זיינעם א לאנדסמאן, א בחור מיט גוטמוטיקע פריינדלעכע אויגן, א מיטאר־בעטער אין א ניו־יארקער טעגלעכער צייטונג, און געענטפערט:

— משה ש. . . . איסט בראדוויי נומער . . .

ווען דאס מיידל איז געווארן צודרינגלעכער, פארוואס ער קען ניט באצאלן און פארוואס ער וויל ניט זאגן ביי וואס ער ארבעט, האט בערגמאן, פארבייסנדיק די ציין פון ווייטיק ארויסגעקוועטשט: אז ער איז א שרייבער, אן ארבעטסלאזער אידישער שרייבער.

דאס מיידל האט אים אנגעקוקט מיט א שפאטישן בליק, עפעס איינגערוימט דעם דאקטאר אין ווייסן מאנטל, און ביידע האבן בערג־מאנען מאדנע באטראכט . . .

זיין צעפלאמט פיבערדיק פנים איז איצט נאך רויטער געווארן. דאס קליינע פענצטערל האט אין בערגמאנס אויגן אנגעהויבן וואס אמאל גרעסער ווערן. דעם דאקטארס ווייסער מאנטל האט גענומען בייטן זיינע קאלירן פון ווייס אויף גרין־רויט . . . אלץ ארום האט מיטאמאל גענומען טאנצן פאר זיינע אויגן. ער האט זיך א כאפ גע־טאן ביים פענצטערל . . . דער בראזג פון צעבראכענע שויבן און א פרויען געשריי האט אפגעהילכט צוזאמען — א מאן חלש׳ט . . .

ווען בערגמאן איז צו זיך געקומען, זיינען פאר זיין בעטל גע־שטאנען דריי דאקטוירים אין ווייסע כאלאטן. איינער פון זיי האט געטאפט זיין דפק, געקלאפט די זייטן, צוגעהערט דורכן רערל זיין אטעם און געמאסטן זיין פיבער. בערגמאן האט איצט דייטלעך געהערט די צוויי ווערטער: „גלייך אפערירן!"

דאס ערשטע וואס איז אים איצט געקומען אויפן געדאנק איז געווען דאס בילד פון זיין אלטער מאמען. אירע רויטע אויסגעוויינטע אויגן, וואס זיינען רויט געווארן פון וויינען טעג און נעכט, ווען זי האט באקומען די ידיעה, אז זיין עלטערער ברודער איז געפאלן אויף דעם פראנט. — אפשר וועט די אפעראציע יא געלונגען, אפשר? . . . און אויב ניט . . . — דער שפיטאל־דינער איז צוגעקומען צום בעט, אויפגעדעקט די קאלדרע, גענומען איינזייפן דעם בויך זיינעם. ביי דער אפעראציע מוז דער קערפער זיין גלאט . . .

צוויי געזונטע דינער האָבן אים אַ הויב געטאָן ווי אַ בינטל שטרוי און אים אַריינגעלייגט אין אַ טראָג־בעטל. מאָדנע, פּונקט איצט האָט ער מער ניט געפילט קיין ווייטיק . . . און דער פיבער איז אַוועק . . . מיט אַמאָל האָט ער דערפילט ווי דאָס בעטל האָט זיך אַ הויב געטאָן העכער, העכער. אַט טראָגן אים העגט אַריין אין אַ פינצטער צימער. מען לייגט אים אַוועק אויף אַ גרויסן ברייטן טיש. דיזעלבע הענט בינדן אים איצט הענט און פיס און באַדעקן אים דאָס פּנים מיט אַ טיכל, וואָס האָט אַ מאָדנעם שאַרפן גערוך . . .

דער העלער שיין פון אַ גרויסן בליץ־לאָמפּ איז איצט אָנגעשטעלט פּונקט אויף אים. ער זעט דורכן טיכל די דאָקטוירים אין ברייטע ווייסע כאַלאַטן, די פּנים׳ער פאַרהאַנגען מיט זיפּלעך. ער הערט איצט קלאָר זייערע שטימען. דאָס קול פון אַ פרויען־דאָקטאַרשע הערט זיך מער דייטלעכער: רעכטס! צוויי אינטשעס לינקס! גראָד! . . .

דער אָטעם ווערט וואָס אַמאָל שווערער. פּלוצים דערפילט ער אַ שטאָך, ווי מיט אַ שאַרפער נאָדל, ער ציט צוזאַמען זיין קערפּער און בייסט די ציין פאַר ווייטיק. — בלייבט רואיק! — הערט ער דייטלעך דיזעלבע פרויען־שטימע. איצט פילט ער ווי צענדליקע הענט, ווי אייזערנע קלאַמערן, האָבן אים פון אַלע זייטן אַרומגענומען, געבונדן זיין קערפּער מיט אַ שטריק און האַלטן אים פעסט. אַ קאַלטע שער גליטשט זיך איבער זיין אָנגעגליטן קערפּער. דאָס האַרץ — אַט וועט עס זיך אינגאַנצן אָפּשטעלן . . גרויסע טראָפּנס שוויים רינען דורכן טיכל און איבער זיין פּנים . . . אַ שאַרפער שטאָך . . . אַ צווייטער, אַ . . . דריטער. ער וויל שרייען, נאָר עמיץ האַלט אים צו דאָס מויל. ווידער דערהערט ער די שטימע: רעכטס! לינקס! גראָד אויס! . . . איצט . . . — דערקענט ער דייטלעך די שטימע. עס איז דער קאַפּיטאַן פון זיין רעגימענט. ער גיט עס די באַפעלן פאַר דעם אָנגריף: דער שונא גרייט זיך איבערפאַלן מיט גאַז . . . — מען מוז האַלטן די גאַז־מאַסקע אין האַנט . . .

דער שיין פון די גרויסע לאָמפּן איז איצט נענטער און העלער געוואָרן. דער שונא . . . וואַרפט איצט לייכט ראַקעטן, כדי אויסצוגעפינען די פּאָזיציעס . . . פון אַלע זייטן דונערט איצט די שטרענגע קאָמאַנדע: פייער! ! פאָרווערטס מאַרש! !

— פאָרווערטס! — שרייט בערגמאַן מיטן באַיאָנעט אין האַנט,

און וויל אַ שפּרונג טאָן אויף פּאַראויס, אָבער עמיץ האַלט אים פעסט ווי מיט אייזערנע קלאַמערן . . .

ווען בערגמאַן האָט צוריק אויפגעמאַכט די אויגן, איז פאַר זיין בעטל געשטאַנען אַ קראַנקענשוועסטער, איינגעהילט אין ווייסן, און אים מיט אַ פריינדלעכן שמייכל באַפוילן: בלייבט רואיק! בערגמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט; זיינע הענט זיינען געווען צוגעבונדן מיט אַ ברעטל צום בעט. דער אַנדערער האַלבער קערפּער פון בויך איז געווען פאַרבאַנדאַזשירט. — וואָסער! — האָט זיך בערגמאַן גע־בעטן — וואָסער! — האָט ער קרעכצנדיק געבעטן. די קראַנקענ־שוועסטער האָט זיך אַריבערגעבויגן צו זיין בעטל, געגלעט זיינע נאַסע האָר און זיך ביי אים געבעטן: זייט רואיק! איר האָט נאָר־וואָס דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע. — בערגמאַן האָט געקוקט אין אירע פריינדלעכע, שמייכלענדיקע אויגן. דעם ערשטן פריינדלעכן שמייכל, וואָס ער האָט דערזען אין די פינף יאָר פון זיין קומען אין אַמעריקע, און האָט מיטאַמאָל דערפילט צו זיך אַ רחמנות. פאַר אים האָבן גע־נומען פאַרביילויפן אַלע זיינע יסורים און איבערמענטשלעכע צרות, וואָס ער האָט געליטן אין די פאַר יאָר פון זיין קומען אין גאָלדענעם לאַנד. הונגער . . . נויט . . . ער איז געלאָפן אַ פאַרצווייפלטער איבער די רעדאַקציעס, געפּרוּווט עפּעס פאַרקויפן, זיך געבעטן: — איך גיי אויס פאַר הונגער . . . איך האָב די נאַכט ניט וואו איבערצונעכטיקן. איך . . . איך . . . — מיר זיינען ניט קיין צדקה־פאַראיין, — האָט דער רעדאַקטאָר פון אַ נוי־יאָרקער צייטונג, אַן אַלטער בחור מיט אַ פאַרזשאַווערטן קול, וואָס האָט שוין ניט געלאַכט אַ האַלבן יאָר־הונדערט, געענטפערט.

דיזעלבע נאַכט האָט ער געגנבעטיקט אויפן בוידעם פון אַן אַלט פאַרלאָזן הויז אויף דיוויזשאַן סטריט, צוויי הונדערט פיר און פערציק. אַ צווייטן מאָל, ווען ער האָט שוין גאַנצע צוויי טעג ניט געגעסן און זיך בגנבה אַרויפגעכאַפּט אויפן דריטן שטאָק פון דערזעלבער רעדאַק־ציע און אַ בלאַסער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ פאַר בושה זיך גע־בעטן ביי אַ שרייבער, אַ לאַנדסמאַן: — איך בין הונגעריק, איך האָב שוין . . . צוויי טעג ניט געגעסן . . . — האָט יענער אויף אים אויפ־געמאַכט אַ מויל מיט אַזאַ געשריי, אַז ער איז אַ צעפּלאַמטער פון בושה אַראָפּגעלאָפן פון אַלע טרעפּ . . .

„הונגער און שלעכטע שפּייז", האָט דער דאָקטאָר פאַר דער אָפּעראַציע פעסטגעשטעלט דעם דיאַגנאָז . . .

טעג און נעכט האָבן זיך אין שפּיטאָל געצויגן מיט זייער לאַנג־ווייליקייט. בערגמאַן איז געלעגן אויף איין זייט און זיך ניט געטאָרט באַוועגן. מיט אָפענע אויגן פלעגט ער קוקן אַרום זיך, צי די אַנדערע פּאַציענטן, וואָס זיינען דאָ אין שפּיטאָל, אַ וועלט פאַר זיך. טויט און לעבן שפּילן דאָ אַ שפּיל, ווער עס וועט איינער דעם אַנדערן באַזיגן. בערגמאַנס ערשטער שכן איז געווען אַ קראַנקער פּרעסער, וואָס איז געלעגן, מיט אַ געל פּנים, און זיך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות.

בערגמאַן האָט דערקענט אין די דאָקטוירימס פּנים'ער, וועלכע פלעגן פאַרבייגיין דעם פּרעסערס בעט, אַז זיינע מינוטן זיינען גע־ציילטע. פאַרן קראַנקענס בעט זיינען געשטאַנען זיין ווייב און זיין מוטער. ביידע האָבן געוויינט. ווען דאָס קראַמפּהאַפּטע, שמערצלעכע פּנים פון פּרעסער איז וואָס אַמאָל געלער געוואָרן, האָט בערגמאַן באַ־מערקט ווי צו זאַמען מיט זיין פרוי איז אַריינגעקומען אַ רבֿ'ל מיט אַ קמץ־בערדל, זיך גע'סוד'עט, גע'טענה'ט, געהאַנדלט, אַרויסגעגאַנגען און ווידער אַריינגעקומען. בערגמאַן האָט בלויז געהערט אָפּגעריסענע ווערטער: גט, חליצה . . .

— וואָס ווילן זיי פון מיין קינד? — האָט פּלוצים איבערגעריסן דעם מסחר די אַלטע מאַמע מיט איר וויינענדיקן קול: — זיי פאַר־קירצן אים דאָס לעבן. — אָבער ווי נאָר די אַלטע איז אויף אַ ווײַלע אַרויס, איז די צערעמאָניע שנעל דורכגעפירט געוואָרן. שפּעט ביי־נאַכט איז בערגמאַן אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ יאָמערלעך פרויען־געוויין. דער פּרעסער איז געלעגן טויט, מיט אָפענע אויגן, און די מאַמע האָט זיך געראַנגלט מיט דער קראַנקענשוועסטער און מיטן שפּיטאָלס דינער און געריסן זיך צום טויטנס בעט. גלייך האָט מען איבערן בעט אַריבערגעצויגן די קאָלדרע און אַרויסגעפירט דאָס בעטל אויף רעדלעך . . .

גאַנץ פרי איז שוין אויפן בעטל געלעגן אַן אַלטער קראַנקער איד, וואָס איז נאָר־וואָס געבראַכט געוואָרן מיט אַן אַמבולאַנס. אַרום אים זיינען געשטאַנען די גאַנצע משפּחה. צווישן זיי — צוויי יונגע מייד־לעך, זיינע אייניקלעך, און ביטער געוויינט, ווען דער דאָקטאָר האָט זיי דערקלערט, אַז עס איז מער קיין האָפנונג ניטאָ. אַ יונגער בחור פון

צווייטן בעט, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ געלונגענע אָפּעראַציע, האָט כסדר געוואָרפן בליקן צו דעם בעט פון אַלטן אידן, ניט אויפן פּנים פון גוסס, נאָר אויף דעם רויטלעכן פּנים פון זיין אייניקל, וועלכע האָט איצט וויינענדיק, מיט אירע צעשויבערטע ניט פאַרקעמטע האָר, געהאַט אַ סך חן . . . זי האָט אַ פּאָר מאָל אויסגעמידן זיינע זשעדנע בליקן, אָבער מער האָט זי די מאַנענדיקע בליקן ניט געקאָנט ביישטיין און אים צוגעוואָרפן אַ שמייכל פון איר זיידנס טויטן־בעט.

ווי נאָר די וואונד איז אַביסל פאַרהיילט געוואָרן, איז בערגמאַן אַרויס פון בעט. אויף אַ שטול מיט רעדלעך, מיט דער הילף פון שפּי־טאָל־דינער, האָט אים דער דאָקטער געלאָזט וויסן, אַז מיט אים קען מען זיך ניט פיל צערעמאָנירן, אַנדערע וואַרטן . . . ער מוז מאָרגן פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל. בערגמאַן האָט געשוויגן, כאָטש ער האָט זיך איצט מער ווי שטענדיק דערשראָקן פאַר די פיר איינזאַמע ווענטלעך פון זיין צימערל אויפן פינפטן שטאָק . . .

פאַרנאַכט איז געקומען זיין פריינט משה ש. . . . פון דער איסט־בראָדווייער רעדאַקציע געקוקט אויף אים מיט רחמנות'דיקע בליקן . . . אַנגעשפּאַרט אויף זיינע אָרעמס מיט אַ שטעקן אין דער רעכטער האַנט האָט בערגמאַן אַ שוואַכער פאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל. זיין פריינט האָט אים געהאָלפן אַרויפשלעפּן זיך אויפן פינפטן שטאָק, נאָכאַמאָל אים באַטראַכט מיט זיינע בלויע, פייכטע אויגן, אים אַריינגערוקט אין האַנט אַ פינפערל און אַוועק . . .

טעג און נעכט איז בערגמאַן געלעגן איינער אַליין אַ שוואַכער נאָך דער שווערער אָפּעראַציע אין זיין אָרים צימערל. דורכן פענצטערל האָט בערגמאַן געקוקט אויפן גרויסן בוים, פון וועלכן אַ האַרבסט־ווינט האָט געהאַלטן אין איין רייסן געלע, פאַרוויאַנעטע בלעטער, און גע־טראַכט: אַז ער איז איצט דער טרוקענער, נאַקעטער בוים און די פאַליקע געלע בלעטער זיינען עם זיינע יאָרן, וואָס דאָס לעבן האָט אַזוי אַכזריות'דיק אָפּגעריסן. און ווען די בעל־הבית'טע האָט וואָס אַמאָל העכער געגומען מאָנען דירה־געלט, און אויפן קול גענומען שרייען, אַז מען איז קראַנק גייט מען אָדער אין שפּיטאָל אָדער . . . האָט בערגמאַן צוזאַמענגענומען די לעצטע כוחות, אַראָפּגעקראָכן פון בעט, אָנגעטאָן זיין אַלטן מאַנטל און אַראָפּ אין גאַס . . .

דער רויש אין גאַס האָט אים איצט מער ווי שטענדיק צעטומלט.

מענטשן זיינען אייליק פארבייגעלאפן, ווי זיי וואלטן פון אים אנטלאפן. אן אומרו און א מורא האבן אים באפאלן. וואו גייט מען? און וואס טוט מען? דער ערשטער געדאנק איז אים געקומען אריינצוגיין אין „קאפע ראיאל", וואס געפינט זיך אינגאנצן דריי גאסן פון זיין צימערל. זיי קענען אים דארט, מ'וועט אים ניט לאזן אויסגיין, ס'איז דאך מענטשן . . .

ער האט זיך הינקענדיק אריינגעשלעפט אויף א שטעקן אין קאפע און זיך אוועקגעזעצט אויף א בענקל. זיין בליק האט זיך יעדע מינוט אפגעשטעלט אויף אן אנדער טישל, געמאנט מיט די אויגן א פריינד־לעכן בליק. קיינער האט אים ניט באמערקט, קיינער האט אויף אים ניט געקוקט . . . ווי ער בענקט איצט נאך א ווארים מענטשלעך ווארט . . . נאך א טעלער ווארימע זופ . . . פארוואס פרעגט אים קיינער ניט וואס ער טוט? זיי זעען דאך אז ער איז אזוי בלאס, זיי זעען דאך אז ער איז אבינטל ביינער. זיי קענען אים דאך אלע, פארוואס? . . . ער האט דערפילט אויפצושטיין און אויסשרייען: איך בין קראנק! הונגעריק! כ'האב ניט וואו איבערצונעכטיקן! . . . איך . . . — אבער די זאטע, זארגלאזע, פנימ'ער און דער ריח פון די מאכלים האבן אים וואס אמאל מער געררייצט. ער האט זיך איצט דערמאנט אין א סצענע אין דער מלחמה, ווי א סאלדאט פון זיין קאמפאניע האט אומגערן געשאסן א הונט און אים פארוואונדעט. פון אלע זייטן האבן זיך געיאווועט הינט און געלעקט דאס בלוט פון דעם פארוואונדעטן הונט, אים לייכטער צו מאכן זיין וואונד . . .

— זיי דא זיינען דאך ערגער ווי די הינט, — האט ער געמורמלט.

הינקענדיק האט ער זיך צוגעשלעפט צו דער טיר און צוריק ארויס אין גאס.

זיין ערשטער געדאנק איז געווען, אז עס איז אים איצט ניט מער פארבליבן ווי באגיין זעלבסטמארד . . . קראנק, הונגעריק און היימ־לאז . . . ער קען ניט מער אריבערטראגן די שווערע קלעפ. און אפשר? — איז אים דורכגעלאפן א געדאנק — איז בעסער אזוי. עס לוינט זיך ניט צו לעבן און אריבערטראגן אזוי פיל יסורים.

מיט די לעצטע כוחות האט ער זיך ארויפגעשלעפט אויף דער וויליאמסבורגער בריק, געקוקט אויף די גרויסע אייזערנע פארנטשעס און אויפן וואסער אונטן . . .

א קאַלטער האַרבסט־ווינט האָט איצט נאָך האַלבער נאַכט געבלאָזן פון איסט ריווער. אויף די שטיינערנע בענק, ביי די אייזערנע פּאַרענ־טשעס, זיינען געלעגן היימלאָזע באַדעקט מיט צעריסענע שמאַטעס און צייטונגען און געשלאָפן, יעדער אין אַן אַנדער פּאָזע, מיט אַרויפגע־האַנגענע הענט אָדער פיס, וואָס האָבן איצט אויסגעזען ווי אַן איבע־ריקע משא. פון די פאַבריק־קוימענס אַרום איסט ריווער האָבן זיך געקרייזלט רויכערדיקע וואָלקנס, וואָס האָבן אין דער ביינאַכטיקער דונקלהייט אויפגעפלאַמט אין אַ פייערדיקן זייל, זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די טענעמענט־הייזער פון די ענגע גאַסן און זיי באַדעקט מיט שוואַרצער סאַזשע.

דאָס פייפן פון אַ נאָענטן פאַבריק־קוימען האָט איבערגעריסן בערגמאַנס געדאַנקען. — דאָרט, אין די פאַבריקן, — האָט בערגמאַן געטראַכט — בראַטן מענטשן זייערע קערפּערס ביי די היים־אַנגעגליטע אויוונס. דאָ, אויף די קאַלטע, נאַסע בענק, רוען איצט היימלאָזע, אויסגעשפּיגענע מענטשן, צו וועמען דאָס לעבן איז אַזוי גרויזאַם. אונטן, פון ביידע זייטן צופוסנס פון בריק, אין די ענגע צימערן פון די שוואַרץ־פאַרקוילטע טענעמענט־הייזער, ליגן טויזנטער שווערע אַר־בעטער, וואָס וועלן ביי דעם ערשטן שיין פון אַנקומענדיקן מאָרגן ווידער שטיין געבויגענע ביי די מאַשינען אין די שעפּער. זיי אַלע קעמפן, זיי אַלע טראָגן די שווערע לאַסט פון לעבן, און ער . . . . ער וויל איצט דאָ אויפמאָל אַלץ פאַרענדיקן? ניין! ער וועט ניט שטאַרבן, ער האָט נאָך חשבונות מיטן לעבן, ער האָט נאָך חשבונות מיט זיי אַלע דאָרט! . . .

פון ווייטע לענדער

ערד

(פון אידיש־קאָלאָניסטישן לעבן אין אַרגענטינע)

אַ ווינטיק־דראַבנער רעגן האָט זיך געטראָגן איבער דער קאָלאָניע, געקלאַפּט מיט שטילער פרייד אויף די דעכלעך פון די קליינע ווייס־געקאַלעכטע הייזלעך. — אַ רעגן! אַ רעגן! — האָט זיך פריידיק געהערט פון איטלעכנס מויל. באַלד זיינען די טראָפּנס שטאַרקער געוואָרן און אַ גרויסער שלאַקס־רעגן האָט זיך אַ לאָז געטאָן. די סקאַט (שאָף) אין פּאַטרערא (אַ פּלאַץ פאַר שאָף) האָבן, אויסגעווייקטע פון רעגן, אויסגעשטרעקט די טרוקענע העלדזער און דורשטיקע געטרונקען דעם פאַלענדן רעגן. די פערד האָבן זיך פאַר פרייד אַוועקגעלאָזט אין אַ ווילדן געיעג און געהירזשעט.

— עס זאָל נאָר קיין בייז אויג ניט געשען, — האָבן די קאָלאָניסטישע פרויען אין דער שטיל געבעטן. באַלד האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט און, ווי אַ לאַכעדיק פאַרוויינטן קינד, שמייכלענדיק געקוקט אויף די זוניקע פעלדער, וועלכע האָבן זיך נאָר־וואָס נאָכן רעגן אַזוי שיין צעוואַקסן. איבערן ליימיקן וועג האָבן זיך די קאָלאָניסטן אַרויסגעלאָזט יעדער צו זיין טשאַקרע (זיין טייל פעלד) און מיט באַהאַלטענער פרייד געקוקט אויף די גאָלדיק־גרינע זאַנגען און אין איינוועגס אויך געכאַפּט אַ בליק אויפן שכנ׳ס תבואה. דאָס שכנ׳ישע שטעטל האָט איצט באַקומען אַ ניי פּנים. די קרעמער האָבן אַריינגעקוקט אין די ביכער און נאָכגעזוכט די קאָלאָניסטישע חשבונות, וועלכע האָבן זיך אַ גאַנץ יאָר אַזוי צעוואַקסן, גע׳חשבונ׳ט און צופרידענע געשמייכלט . . . און אויף צומאָרגנס, ווען די קאָלאָניסטישע סולקעס (וואָגנס) זיינען ברייטלעך מיט אַ פאַרנעם אָנגעפאָרן אין שטעטל אַריין, האָבן זיי די קרעמער אַקעגנגעטראָגן אַ ברייטן שלום־עליכם: — שוין אַ צייט ניט געווען ביי מיר אין קראָם, מילא איז ניטאָ קיין

מזומנים, נעמט מען אויף בארג! ניש'קשה, א גוטע קאסעטשע (שניט) היי־יאר.

אין קאלאניע האט מען זיך אנגעהויבן צוגרייטן צו דער קאסעטשע. ס'האבן זיך אנגעהויבן באווייזן די „געסט", וועלכע זיינען אוועק פון קאלאניע שוין א שטיק צייט. שטילערהייט, ווי פארשולדיקטע, האבן זיי זיך אריינגע'גנב'עט אין קאלאניע. עס זיינען געקומען יענע, וועלכע האבן געזוכט „שטאטישע גליקן" און ערגעץ־וואו אין בוענאס־איירעסער גאסן געטראגן א פעקל און געקלאפט אין די טירן, אדער פארקויפט ציגארעטן אויף אן עסקינא (קארנער) און געשריבן אהיים „גרויסע גליקן". סאיז אויך געקומען ס'יונגווארג פון קאלאניע, וואס שטודירט אין די שטעט, א שפיי געטאן אויף די אנגעגליטע בוענאס־איירעסער מויערן און זיך א לאז געטאן אין קאלאניע צו די היימישע סנאפעס, וואס אטעמען מיט פרישע געזונטע לופט.

היי־יאר זיינען צוגעקומען גאנץ נייע געסט, דאס זיינען געווען די „גרינגאס" (גרינע), וועמען די יק"א וויל קאלאניזירן און האט זיי פארטיילט צווישן די קאלאניסטן, כדי זיך אויסצולערנען ווי אזוי מ'דארף ווערן א בעל־הבית אויף דער מאמע־ערד. צו לייזערן דער אדעסער איז אריינגעפאלן איינער פון די גרינע, א ליטישער יונגערמאן, א שטיקל קרוב זיינער. ווי ער אליין דערציילט, האט ער אין אדעס גאר שטודירט, און פעלד־ארבעט איז אים אינגאנצן פרעמד, אבער קומענדיק קיין בוענאס־איירעס איז אים גלייך נמאס געווארן דאס שטאטישע לעבן און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, וואס האט זיך אים געמאכט, איז ער געקומען אין קאלאניע אריין. איצט וויל ער גאנץ פשוט ווערן א פויער.

צווישן דער יונגווארג אין קאלאניע האט דער „גרינגא" אנגעהויבן שפילן א ראלע. ערשטנס האבן זיי אויף אים געקוקט ווי אויף אן אידעאליסט. פארלאזט דאס שטאטישע לעבן צו ווערן א פשוט'ער פויער. צווייטנס, איז ער א געבילדעטער און דערציילט אזעלכע נייע זאכן פון גאטס גרויסער וועלט. אין רעגנדיקע טעג, ווען מ'קען ניט ארויספארן ארבעטן, קומען זיך צוזאמען צו לייזערן אין שטוב די קאלאניסטישע יוגנט און הערט זיך צו וואס דער גרינגא האט צו דערציילן וועגן רוסלאנד. לייזער אליין ווארפט אריין יעדע מינוט א לשון־קודש ווארט ווערטל, וועלנדיק ווייזן דעם יונגענמאן, אז כאטש ער לעבט שוין דא אויפן ווייטן סטעפ א פינף און צוואנציק יאר,

פונדעסטוועגן געדענקט ער נאך גאנץ גוט די קליינע אותיות. שלמה פון דער צווייטער גרופע, א איד מיט א רויטן קארק, א געוועזענער ניקאלאיעווסקי סאלדאט און איינער פון די ערשטע קאלאניסטן אין קאלאניע, קען זיך גארניט אפוואונדערן פון דעם, וואס דער גרינער דערציילט אלץ.

— אזא מפלה, — פאלט ער אריין אין די רייד, — ניקאלאי גנב! א מצוה, טויט — ווער ס׳הייבט אן מיט אידן שניידט שלעכט אפ.

די קאסעטשע איז דאס יאר ניט געווען שלעכט, מ׳קען זאגן א שטיקל גערעטעניש קעגנאיבער דער פאראיאריקער טרוקעניש. אויסגעצאלט א ביסל חובות, איינגעקויפט נייע קליידער און שטוב־זאכן, פילט יעדער א ביסל פרייליכער אויפן הארצן. די מיידלעך אין קאלאניע זיינען אונטערגעוואקסן ווי שוואמען נאך א רעגן. אפ־געסמאלעטע פון דער זון האבן זיך די מוסקלען און די קינדישע בריסט א הייב געטאן. טאטע און מאמע האבן זיך שטילערהייט מיט הנאה איבערגעוואונקען און גלייך אויף צומארגנס אריינגעהאקט א גרויסן פאסטן פון אן אפגעזעגטן בוים פאר דער טיר . . . א סימן — אז דא געפינט זיך אן אונטערגעוואקסן מיידל און די כאוועגס (יונגעלייט) פון קאלאניע קענען אנהייבן צו קומען און די פערד צובינדן צום גרויסן פאסטן. דריי גרופעס מוזיקאנטן האבן זיך פון נאענטן שטעטל אוועקגעלאזט אין קאלאניע פראווען שמחות.

ס׳יונגוואַרג אין קאלאניע האט באשלאסן היי־יאר אויפצופירן א ריין ליטעראַרישע פיעסע. יעדן פארנאכט קומען זיך די אמאטארן צוזאמען, טאקע צו לייזערן אין שטוב, און מאכן זייערע פראבן. לייזערס שטוב איז שוין פון לאנג דער הויפט־צוזאמענקום פון דער קאלאניסטישער יוגנט, ווייל, ערשטנס, שפילט רבקה, לייזערס עלטערע טאכטער, די הויפט־ראלע; צווייטנס, איז ער א קאלאניסט מיט אן אויסגעצאלטער טשאקרע און דריי געראטענע שיינע טעכטער . . . קיין אינגלעך זיינען אין שטוב נישטא, און די מיידלעך פירן אן די גאנצע ארבעט אויף דער טשאקרע און זיינען נאך דערצו גוטע בעל־הבית׳טעס אין דער היים. ניט איין מאמע אין קאלאניע ווינטשט זיך שטילערהייט אזא שנור ווי לייזערס טאכטער. צווישן די בחורים אין קאלאניע גייט אן א באהאלטענע מלחמה איבער די מיידלעך. ס׳איז

פֿאַר קיינעם דאָרט קיין סוד ניט, אַז דאָס געשלעג, וואָס איז מיט דריי וואָכן צוריק פֿאָרגעקומען אין גאַלפּאַן, ניט ווייט פֿונם עסטאַנסיערא, איז ניט געווען צוליב די „קאַרעראַס״ (פֿערד־געיעגן) . . . מ'ווייסט אַפֿילו פֿאַרוואָס בערל, שלמה'ס עלטערער זון, האָט געביטן זיינע צוויי פֿערד אויף אַ רייט־פֿערד און געקויפֿט אַ נייעם באַזילבערטן געשפּאַן ביים עסטאַנסיערא (גוטבאַזיצער).

ווען אַלע האָבן זיך שבת נאָכמיטאָג צונויפֿגעקליבן אין לייזערס שטוב, האָט רבקה פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אַלעמען דעם גרינעם. אַ סך פֿון די מיידלעך האָבן, רויט־ווערנדיק, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און דאָן זיי ווידער גנבה'דיק אויפֿגעהויבן און געכאַפּט אַ קוק אויפֿן גרויס־שטעטישן גרינעם. די אינגלעך האָט דער גאַנצער עסק ניט געשמעקט, באַטש אַלע, וואָס נעמען אַן אַנטייל אין דער פּיעסע, זיינען שוין דאָ, פֿונדעסטוועגן שעמט מען זיך עפּעס פֿאַר דעם שטאָטיקן, וואָס האָט אודאי געזען שפּילן בעסער טעאַטער דאָרטן, אין די גרויסע שטעט. שטילערהייט סוד'עט מען זיך: אויף ווען וואַרט מען? פֿאַרוואָס מאַכט מען ניט קיין פּראָבע? ערשט בערל שלמה'ס, וועלכער שפּילט די הויפּט־ראָלע, איז אַרויס מיט לשון.

— העי, חברה, וואָס עפּעס מיטאָמאָל שטיל געבליבן? איר שעמט זיך פֿאַרן שטאָטיקן? ער וועט דאָך טאַקע אין שטאָט קענען דערציילן, אַז מיר זיינען דאָרפֿישע. — און די פּראָבע האָט זיך אָנגעהויבן.

נאָך דער פּראָבע האָט דער גרינער פֿאַר אַלעמען דערציילט, ווי אַזוי מען שפּילט טעאַטער אין רוסלאַנד. אַלע זיינען צופֿרידן געווען, און זיך ערנסט צוגעהערט. נאָר בערל שלמה'ס שטייט און דרייט נערוועז די רעווענקע (בייטש) אין האַנט. עפּעס געפֿעלט אים ניט וואָס רבקה, לייזערס עלטערע טאָכטער, לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פֿון איר גרינעם קרוב. אָט האָסטו דיר אַן אָנטשעפּעניש, טראַכט ער זיך. רבקה, ווייסט די גאַנצע קאָלאָניע, האַלט ביים ווערן זיין כלה. ער האָט שוין אַפֿילו גערעדט מיט איר פֿאָטער און טאַקע דערפֿאַר האָט ער ביי אים צוגענומען זיינע פֿערד אויף פּאַסטערא. זי, רבקה, איז שוין אַפֿילו געווען ביי זיי אין דער היים און געהאָלפֿן זיין מאַמען ברויט באַקן, און איצט — נאַ דיר גאָר אַן אָנשיקעניש! אַ קרוב פֿון אָדעס...

ס'איז געוואָרן שפּעט, אַלע האָבן זיך געזעגנט און אַוועקגעפֿאָרן. בערל איז אַוועק אַ בייזער און האָט זיך אַפֿילו ניט געזעגנט מיט

רבקה׳ן. זיין כעס האָט ער אויסגעלאָזט צום פערד און אים דערלאַנגט מיט דער רעווענקע, אַז ער האָט אים ווי אַ טייוול ביז אַהיים געטראָגן.

אויפן צווייטן שבת האָט די קאָלאָניסטישע יוגנט באַשלאָסן צו מאַכן אַ באַלע לכבוד דעם גאַסט. בערל האָט זיך אויסגעפּוצט, אָנ־געטאָן זיינע נייע רייטהויזן מיט די געלע פּאַליאַנעס, אַנגעזאַטלט דעם נייעם זילבערנעם געשפּאַן און היידאַ צו לייזערן. דאָרט האָט ער שוין געטראָפן פאַרזאַמלט די גאַנצע יוגנט פון קאָלאָניע. ער האָט זיך אָנידערגעזעצט און ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון רבקה׳ן, ווי זי האָלט עס אין איין קוקן אויפן גרינעם. בגנבה האָט ער זיך אַרויס־געשאַרט פון שטוב אין קיך אַריין, אָפּגעוואַרט ווען רבקה איז אַריינ־געקומען דערגיסן די מאַטע (געטראַנק פון גראָזן), האָט ער זי פּעסט אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, אַז זי האָט אַזש אַ קוויטש געטאָן.

— העי, רבקה, וואָס איז דאָס? דו קוקסט דיך אויף מיר גאָר ניט אום, גלייך ווי איך זאָל דאָ גאָר ניט זיין!

— וואָס זאָל איך דען טאָן? וואָס ווילסטו? זאָל איך שרייען געוואַלד?

— אַזוי גאָר! דו דאַרפסט ניט שרייען געוואַלד. איך זע שוין, אַז דו לאָזט פון אים ניט אַראָפּ דאָס אויג . . . ער געפעלט דיר בעסער פון מיר.

פאַרענדיקט די ווערטער, האָט בערל אַ טראַסק געטאָן מיט דער טיר, אַז ס׳גאַנצע הויז האָט אַזש געציטערט, און איז אַוועק.

פון דאַן אָן פלעגט בערל פאַרבייפאָרן לייזערס הויז און זיך אַפילו ניט אומקוקן, אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד מיט דער רעווענקע און פאַרשוואונדן. שפּעטער אָבער, ווען אַלע אין קאָלאָניע האָבן שוין גערעדט, אַז ס׳האָלט עפּעס צווישן רבקה׳ן און איר גרינעם קרוב, און די יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן אויף בערלען טייטן מיט די פינגער און לאַכן אין די פויסטן, געפרייט זיך און נקמה דערלעבט, האָט ער שוין דאָס ניט געקענט אַריבערטראָגן.

אין אַ פאַרנאַכט, ווען ער איז נאָך דער אַרבעט פון קעמפּ אַהיימ־געפאָרן, פאַרבייררייטנדיק לייזערס הויז, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערד, אים אויסגעזאַטלט און געלאָזט אַהיים. אַליין איז ער אַריבערגעקראָכן די אַלאַמבערע (שטעכיק־דראָטענער פּלויט) פון לייזערס קאַמפּ און געטראָפן רבקה׳ן ביי דער פּאַטרערא, ווי זי פאַר־טרייבט דעם סקאָט.

— זאָג נאָר, דו׳ סעניאָריטאַ, — איז ער גלייך צו צו איר, — ביזט טאַקע ברוגז?

— איך? — האָט זי געענטפערט. — דו ביזט דאָך גאָר ברוגז, שוין אַזאַ לאַנגע צייט ווי מ׳זעט דיך גאָר ניט!

— זאָג, רבקה, — האָט ער אָנגעהויבן אַ ביסל ווייכער, — ס׳איז אמת, וואָס מ׳זאָגט אין קאָלאָניע, אַז דו ווערסט אַ כלה פאַר דיין גרינעם קרוב?

— דער טאַטע — די . . . מאַמע ווילן אַזוי, — האָט זי אָנגע־הויבן שטאַמלען און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— האַ, וואָס? טאַטע און מאַמע ווילן אַזוי? איך שטיי זיי ניט אָן פאַר אַן איידעם, נאָר די גרינע חיה. מיר׳ן זען, איך וועל דעם גרינעם די ביינער צעברעכן. זעסט, — האָט בערל אַרויסגעצויגן דאָס מעסער פונם גאַרטל, — פאַר אַ קאַלטן וועל איך אים מאַכן, זאָל ער ניט קריכן וואו מ׳דאַרף ניט, — האָט ער געקריצט מיט ציין און אַ פּאָר מאָל מיט כעס אויסגעשפּיגן און צוריק אַריבערגעפּשרונגען די אַלאַמבּרע און אַוועק.

דריי טעג האָט בערל געוואַרט אויף דעם גרינעם, באַהאַלטן זיך אונטערן גאַלפּאָן (תבואה־שפּייכלער), ביז אין אַ פאַרנאַכט האָט ער אים דערזען רייטנדיק אויף אַ פערד אַן אויסגעפּוצטער. פון וויטנס איז געשטאַנען רבקה, צוגעקוקט און געפרייט זיך ווי שנעל איר שטאָ־טישער קרוב האָט זיך עס אויסגעלערנט רייטן. אַן אויפגעקאַכטער האָט ער זיך צו אים אַ לאָז געטאָן און אים אַראָפּגעשלעפּט פונם פערד. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צווישן ביידן אַ געשלעג. רבקה האָט געמאַכט אַ געוואַלד, און לייזער מיט צוויי פּעאָנעם (געדונגענע אַר־בעטער) זיינען אָנגעלאָפן און האָבן דעם גרינעם אַ צעבלוטיקטן אַרויסגעשלעפּט פון בערלס געזונטע הענט . . .

שבת, אין שולכל, האָט זיך ערשט אָפּגעשפּילט די ריכטיקע חתונה. לייזער האָט זיך געשוואָרן: אַזוי ווי ס׳איז דאָ אַ גאָט אין הימל, וועט ער בערלען ממית׳ן. אַזאַ מערדער! אַ באַנדיט! נעמט און צעבלוטיקט אַ מענטשן פאַר גאָרניט. בערלס טאַטע האָט אויך ניט געשוויגן, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מחלוקת. באַלד האָט מען זיך אָנגעהויבן אויסוואַרפן איינער דעם אַנדערנס יחוס.

דער עולם האָט זיך צעטיילט אין צוויי צדדים. לייזערס שכנים פון דער דריטער גרופּע האָבן דווקא געהאַלטן מיט שלמה׳ן, בערלס

טאַטן, און גע׳טענה׳ט, אַז ס׳זיינען דאָ געגוג ליטישע בחורים אין קאָלאָניע און מ׳דאַרף ניט ברענגען אַ גרינעם פון אַלדי שוואַרצע יאָר. ס׳איז אַ בושה פאַר די קאָלאָניסטן בחורים, און אַז בערל האָט גאַנץ גוט געטאָן.

דערפאַר אָבער האָבן שלמה׳ס שכנים געהאַלטן מיט ליזערן. ניט איינער פון זיי האָט פאַרזוכט בערלס הענט. זיי האָבן געשריגן, אַז שלאָגן איז ניט קיין אידישע זאַך, און מ׳דאַרף אים אָנלערנען אויף אַ צווייטן מאָל. אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און ס׳האָבן אָנגעהויבן פליען פּעטש. אין קאָלאָניע האָט מען זיך באַלד דערוואוסט, אַז אין שולכל איז אַ געשלעג און יונגע חברה האָבן זיך אויף די פערד אַ לאָז געטאָן אין שולכל העלפן זייערע טאַטעס. אויך בערל איז אַ פאַרשוויצטער געקומען צו רייטן אויף שנעל און זיך אַ לאָז געטאָן צווישן קנויל מענטשן, פאָכנדיק אויף רעכטס און לינקס מיט זיינע געזונטע הענט. ווען ס׳געשלעג איז שוין געווען אין ריכטיקן ברען, האָט אימיצער פלוצים אַ געשריי געטאָן, אַז דער קאָמיסאַר מיט צוויי ווויזשילאַנטן (פּאָליציי) קומען אָן; איז גלייך שטיל געוואָרן.

יונגע חברה האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף די פערד און אַהיים אַוועקגעריטן, און די עלטערע אידן האָבן ווייטער געדאַוונט.

שניטצייט

(פון אידיש-קאָלאָניסטישן לעבן אין ארגענטינע)

א לויטערע זומער-נאַכט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף די ברייטע פלאַכע פעלדער פון דער קאָלאָניע; א זאַפטיקער ריח פון צייטיקער תבואה האָט זיך געפּילט אין דער לופט, א קיל ווינטל האָט געבלאָזן. געשפּילט זיך מיט די סטויגן תבואה, אָפּגעריסן א פּאָר זאַנגען און ווי אַוועקגעטראָגן איבערן פעלד. די מולינעס האָבן זיך לאַנגזאַם געדרייט נאָכן ווינט נאָך. דורך די פענצטערלעך פון די קאָלאָניסטישע הייזלעך האָבן זיך איינער נאָכן אַנדערן באַוויזן פלעמעלעך פון קעראָסין-לעמפּלעך און זיך פאַר׳גנב׳עט העט ווייט איבערן שליאַך, וועלכער פירט צו די פעלדער. ס׳איז שניט-צייט. די קאָלאָניע שטייט אויף באַגינען צו דער אַרבעט.

פון ערגעץ-וואו האָבן זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון וואָגנס און אָפּגעריסענע טריט פון רייטער, וואָס האָבן אַזוי טעמפּ אָפּגע-קלונגען אין ליידיקן חלל.

ניט ווייט פון טייכל, ביים סאַמע עק פון דער אַלאַמברע (דראָט-צוים), אין א ראַנטשע, איז שואל׳יק, א קאָלאָניסטישער בחור, גע-שלאָפן נאָך א שווערן טאָג אַרבעט. אין דער אַנדער זייט, ביי דער וואַנט, איז געלעגן כואַן, דער פּעאָן (קנעכט), און געשנאַרכט. דאָס קלאַפּן פון וואָגן, וואָס איז געקומען פונם וועג, איבער די אַלאַמברע אַריבער, האָט שואל׳יקן אויפגעוועקט. ער האָט דערלאַנגט כואַנען א שטויס: — העי! צייט אויפשטיין! אויף וואָס כואַן האָט א פאַרשלאָפענער, מיט א „סי סיניאָר" (יאָ הער) אָפּגעענטפערט. גע-וואַשן זיך אין טייכל. האָט כואַן געמאַכט א פייערל, געקאָכט מאַטע פאַר ביידנס-וועגן. נאָכן טרינקען האָבן זיך ביידע א לאָז געטאָן אויף די פערד צום סקאָט (שאָף) אין דער פּאַטרערא און אַרויסגעטריבן

זיי אַנטרינקען זיך. זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן סקאָט, האָט מען די פערד אַביסל אונטערגעפּיטערט און אָנגעהויבן אַרבעטן.

ווען ס׳האָט אין דרויסן גענומען בלויען, איז שואַל׳יקס גאַנצע משפּחה אַרויסגעקומען אין פעלד אַריין, — די עלטערן און די שוועסטערלעך. זיי האָבן אַלע זיך אַ וואַרף געטאָן צו דער אַרבעט. אויף אַ הויכן סטויג תבואה איז שואַל׳יק געשטאַנען, דאָס העמד צע־קראַסטעט, און געלייגט די סנאָפּעס, וואָס כואָן און די גאַנצע משפּחה זיינע האָבן געהאַלטן אין איין דערלאַנגען: איינס נאָכן אַנדערן לייגט ער זיי, און שליסט צוזאַמען דעם פּירעקיקן סטויג, וואָס האַלט אין איין גרעסער ווערן. אויפן יונגען קערפּער זיינעם, וואָס האָט אויס־געזען אָפּגעברענט פון דער זון ווי בראָנז, רינען קליינע ריטשקעלעך שוויים. דער פאָטער זיינער — אַליין אַ דעכאָשליוועד קראַנקער איד, אַ אַמאָליקער מלמד, פון בערסאַגער גובערניע, וואָס העלפט אויך אין דער אַרבעט, איז געשטאַנען און פאַרגאַפט מיט הנאה אַרויפגעקוקט צום הויכן סטויג, ווי שואַל׳יק שטייט ווי אַן אייזערנער מויער און לייגט מיט די צוויי געזונטע הענט אַ סנאָפּ נאָך אַ סנאָפּ. וואו נעמט זיך עס אַזאַ גבורה צום יונג? וואונדערט ער זיך. ניט אומזיסט האָט אים געצויגן צו דער מאַמע ערד. אַט זיינען די פּרות, — שואַל׳יק אַ קינד פון דער מאַמע ערד.

— דער לעצטער סנאָפּ! — שרייט שואַל׳יק אַראָפּ. — און דער סטויג איז פאַרטיק.

פאַרנאַכט־צו פאָרן די קאָלאָניסטן אַהיים זיך אויסרוען. אַרום די פעלדער ווערט מיטאַמאָל לעבעדיק. אויפן וועג הערן זיך געזונטע קלינגענדיקע מיידעלשע געלעכטער, און אָפּגעריסענע מעלאָדיען פון אידישע פאָלקס־לידער טראָגן זיך פון אַלע זייטן.

שואַל׳אַליק פאָרט ניט אַהיים. ער בלייבט מיט כואָנען אין קעמפּ. אַ גאַנצע וואָך שלאָפן זיי אין ראַנטשאָ, נאָר פרייטיק פאַרנאַכט פאָרט ער אַהיים איבערן שבת׳דיקן טאָג. אין די אָוונטן, ווען די געשרייען פון די אַרבעטער פאַרשווינדן, און אין פעלד ווערט שטיל, זעצט זיך שואַל׳יק אַוועק מיט כואָנען ביים טייכל, מ׳בראָט אַן אַ אַסאַדע (געבראָטן פליייש), מ׳פאַרטרינקט מיט מאַטע, כואָן שפּילט אויף דער גיטאַרע און זינגט צו אַ ליד. שפּעטער, ווען ער ווערט מיד שפּילנדיק, נעמט ער שואַל׳יקן דערציילן פון זיין טשינאַ: — הערסט, סעניאָר! הינטיש בלוט האָט זי אין זיך, די טשיניטאַ (איינגעבאָרענע דאָרפס־

מיידל). ס׳ערשטע מאָל אַנטלאָפן מיט איינעם, האָב איך געשוויגן, אַזוי מיטן אַנדערן, — איצט שוין מיטן פערטן. זאָל זי לויפן, די צויג, זאָל זי . . . העי, זי וועט נאָך צוריקקומען פון בוענאָס איירעס, סעניאָר! ס׳איז די פּאַמפּע (סטעפּ), צו דער פּאַמפּע מוז מען צוריק קומען!

אין דער לופט טראָגט זיך אַ קיל ווינטעלע, און גנבֿ׳עט זיך אַריין צו שואַל׳יקן אין פּאַזוכע און גלעט דאָס אַנגעגליטע לייב זיינס, די אויגן הייבן אָן זיך צוצומאַכן ווי פון זיך. — „סי כואַן" — מורמלט ער, — סי! צו דער פּאַמפּע מוז מען צוריקקומען. זי וועט צוריקקומען . . .

אַ הויכער שטויביקער זאַל הייבט זיך אויף פון שליאַך, דרייט זיך אין רינגען, וואָס ווייטער צו דער קאָלאָניע צו, שואַל׳יק אַן אויס־געשטרעקטער, פליט פּייל פון בויגן רייטנדיק אויף אַלאַסאַנען (נאָמען פון אַ העל־רויטן פערד). איבערן אַנגעגליטן זאַמדיקן וועג, פאַר דער פינפטער גרופּע הייבט ער אָן רייטן פּאַוואָליער, פאַרריכט זיך דעם ברייטן סאָמבראָ (שטרויענעם קאַפּעליוש). אַלאַסאַן, וועלכער איז שוין צוגעוואוינט אַ יעדן פרייטיק פאַרנאַכט, הייבט זיך אָן דרייען רעכטס און לינקס, ווי ער זאָל פאַרשטיין זיין בעל־הבית׳עס פאַרלעגנהייט. אָבער לאַנג וואַרטן דאַרף ער ניט. גאַנץ נאָענט פון חיים׳ס, זייער שכנ׳ס, הויז שטייט זי, ביילקע און כאַפּט אויך אַ יעדע מינוט אַ קוק אויף צוריק. אַ יונגע איז זי נאָך, אין גאַנצן איז זי אַלט אַ יאָר זיבעצן, דערפאַר אָבער שוין אַנטוויקלט און צעבליט, ווי אַ צייטיקע פעלד־בלום, אַ פּאָר לאַכנדיקע קאַרשן־אויגן, וואָס האַלטן תמיד אין שמייכלען, און אַ פּאָר ליפּן, וואָס בעטן זיך צום איינבייסן. אין קאָלאָניע ווייסן אַלע, אַז צווישן שואַל׳יקן און ביילקען איז עפּעס ניט גלאַט, און דערפאַר שטייען די בחורים פון ווייטן פון איר, און מ׳פאַרט ניט צו איר, כאָטש בעלנים אויף איר זיינען דאָ אין קאָלאָניע אַ סך, ווייל אַחוץ דעם וואָס זי איז אַ שיינע, האַלט מען זי אין קאָלאָניע אויך פאַר אַ געבילדעטע, ווייל ווען מ׳שפּילט אין קאָלאָניע טעאַטער, נעמט ביילקע איינע פון די הויפּט ראָלען און שפּילט ניט שלעכט, — אָבער אַלע ווייסן, אַז שואַל׳יק איז איר שכן, ער איז פריער פאַר אַלעמען, און אַ חוץ דעם, גלוסט קיינעם ניט אָנצוהייבן מיט אים.

— בוענאָס נאָטשעס (גוטן אָוונט) ביילקע!

— קאָמאָ סטאַ (וואָס מאַכסטו) שואַל׳יק? — רויטלט זיך ביילקע. זי שטייט מיט אַרויפגעשטאַרטשעטע הענט און וואַשט וועש.

ער פּרוּאווט מיט איר ריידן וועגן דער קאסעטשע (שניט), וועגן דער־מאַרגנדיקער באַילע, וואָס וועט זיין אין דער זעקסטער גרופּע, אָבער עפּעס קלעפּט זיך עס ניט דאָס מאָל, — ער דערזעט אירע נאַקעטע הענט, און פילט עפּעס אַז אנגענעמע וואַרעמקייט לויפט דורך אין זיין גאַנצן קערפּער, און דאָס יונגע בלוט הייבט אָן קאָכן, קען ער זיך ניט באַהערשן און אַזוי גלאַטיק אַוועקפּאָרן, בייגט זיך אַריבער איבערן פּערד, הייבט עפּעס אויף און וואַרפט עס איר אין דער באַלע אַריין, וואו זי וואַשט די וועש. דאָס וואַסער פאַרשפּריצט ס'גאַנצע פּנים, און זי בעט זיך ביי אים אַ לאַכנדיקע :—הער אויף, שואל'יק !...

שבת נאָכמיטאָג גרייט זיך דאָס יונגוואַרג צו צו דער ביינאַכטי־קער באַילע (באַל). די עלטערע ווייבער לייענען די סדרה פון דער וואָר. אין מיטן וועג שטייט אַ רעדל שכנים און מ'כאַפּט אַ שמועס וועגן דער קאָסעטשע, וועגן סקאָט און וועגן קאָלאָניסט, וואָס איז ערשט יענע וואָך אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זיין טשאַקרע אין סאַמע מיטן קאָסעטשע, דורך דער בוענאָסאיירעסער מומע איק"א. מ'וואַרפט זיך צו שטעכווערטלעך איינער דעם צווייטן, און באַלד צעווערטלט מען זיך אויפן הויכן קול און מ'הייבט זיך אָן אויפצוואַרפן דעם יחוס.

שואל'יק פּוצט זיך אויס צו דער באַילע, טוט אָן די נייע טראַכע (אנצוג) מיט די פּאָליאַנעס (כאָלעוועס), פאַרבינדט דאָס זיידענע האַלדז־טיכל מיט ביידע עקן אויף אַרונטער, שפּאַנט די סולקע (אַ וועגעלע אויף צוויי רעדער) און לאָזט זיך איבערן וועג צו חיים דעם שכן, פאַרן טויער פון דראָטענעם פּלויט בלייבט ער שטיין, שפּרינגט אַראָפּ פון סולקע און פּאַטשט מיט די הענט, — אַ צייכן אַז ער איז דאָ. ביילקע לויפט אים אַנטקעגן און מאַכט אויף דאָס טויער.

אין שטוב איז שבת'דיק. דער טיש איז געדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. די מעשענע לייכטער שטייען נאָך פון נעכטן, דער שוואַר־צער איז ניט געקומען זיי אַרונטערנעמען. אין אַנדערן חדר שלאָפן די אַלטע לייט.

— וועסט טרינקען אַ מאַטע ? (אַ געטראַנק פון גראָזן) — פרעגט אים ביילקע אַ ביסל אַ פאַרשעמטע.

— סי ! — ענטפערט שואל'יק אַ צופרידענער.

זי דערלאַנגט אים אַ מאַטע מיט צובייסן, וואָס זי האָט אַליין געבאַקן.

צווישן פלאכע פעלדער און אפגעצוימטע אלאמבערעס, ניט ווייט פונם הויפט־וועג, וואס פירט צום נאענטן שטעטל, געפינט זיך די זעקסטע גרופע. פון ביידע זייטן וועג — צוויי שורות קליינע הייזלעך. אין עק פון איין שורה — אן אלמאסן, די יק"א אדמיניסטראציע, אין סאמע עק פון די הייזלעך — די ביבליאטעק. אזוי א גאנצע וואך איז דארט שטיל, ס'קומט שבת ביינאכט, אדער גלאט אזוי אמאל א פאַרוויילונג, ווערט דארט לעבעדיק. די זעקסטע גרופע איז א יחסנ'טע אין קאלאניע, ווייל, ערשטנס, געפינט זיך דארט די ביבליאטעק, — צווייטנס, איז זי ניט ווייט פון שטאט, — דריטנס, איז זי אליין א שטיקל שטעטל פאר זיך.

פון אלע זייטן רוקן זיך ארויס פולע וואגנס מיט יונגווארג, סולקעס און רייטערס, און ארום הייבט אן לעבעדיק ווערן. ס'דערהערן זיך מיטאמאל געשרייען:

— טרייב אריין די פערד צו לייזערן אין קינטע! (א פאשע פארן פערד). בינד צו דעם אלאסאן אויף א שטריק, קריך אראפ פון וואגן!

אין עק פון די שורות הייזלעך, אין גרויסן תבואה־גאלפאן (שפייכלער) דאס צווייטע הויז פון ביבליאטעק, — דארט איז די באילע. דער זאל איז געפאקט מיט יונגווארג, וואס לויפן ארום אומ־געדולדיקע. די מוזיק? וואו איז די מוזיק?

באלד באווייזט זיך די מוזיק. דריי געזונטע בחורים: צוויי פידלען, איינער מיט א גרויסן פויק, און דאס טאנצן הייבט זיך אן.

צום טאקט פון א לוסטיקן מארש דרייען זיך צענדליקע יונגע פארלעך. דאס קלאפן פון די פיס ווערט אלץ שטארקער, דאס ארגענ־טינישע הייסע בלוט, אויסגעמישט מיט אידישער צניעות, צעהיצט זיך, די פארלעך קוקן זיך מיט שטילן באגער אין די אויגן אריין און זאגן זיך דאס ניט דערזאגטע, אבער פון ווייטן קוקן מאמעס געטרייע אויגן און היטן יעדע באוועגונג פון זייערע טעכטער, פונדעסטוועגן געלינגט עס יונגע חברה זיך איבערצו'סוד'ען:

— וועסט ווארטן מארגן ביינאכט ביי דער מולינע... ראסיטא! קערידא מיא! (מיין טייערע), וואס קריכט דער גרינגא (גרינער) צו דיר יעדן אוונט? א מעסער אין די זייטן וועל איך אים פאררוקן!

ביילקע ווערט אויסגעכאפט פון אלע זייטן, מ'רייסט זיך פשוט איבער איר. ווי א געטרייער שומר טרעט שואל'יק ניט אפ פון איר

און אז ס'געלינגט דאך וועמען פון די יונגעלייט זי צו כאפן טאנצן, קוקט שואל'יק אויף יענעם מיט א פאר גזלנ'ישע אויגן . . .

איבערן שמאלן וועג, וואס שלענגלט זיך ארום די פעלדער, שפאנט טריט ביי טריט דאס פערד אין דער סולקע צוריק אהיים. די נאכט איז געווען איינע פון יענע שטיל פאר'חלומ'טע פאמפא־נעכט. די לבנה, שווימענדיק אין דער הייך, האט אזוי פאר'חלומ'ט ארויפ־געקוקט אויף די לאנגע ברייטע פעלדער, און זיי מיט זילבער־ליכט אפגעגאסן.ביידע זיינען געזעסן איינער לעבן דעם אנדערן און געשוויגן. שואל'יק האט מיט האלב־פארמאכטע אויגן געקוקט ווייט, ווייט, און זיך געוואלט אז עפעס דערמאנען. דורכן קערפער לויפט אים דורך יענע ווארעמקייט, וואס ער פילט ווען ער זעט אירע נאַ־קעטע הענט ביים וועש וואשן.

—דו ווייסט,ביילקע, — רייסט שואל'יק איבער די שטילקייט, — דו ביסט א גאנץ שיין מיידל, ביילקע !

זי קוקט צום בלויען הימל און שווייגט. דא הייבט שוין שואל'יק אן מיט א פעסטערער שטימע :

— ביילקע, מיר זיינען דאך עפעס ניט קיין שטאטיקע. א שדכן דארפן מיר ניט. זאג ביילקע ! . . . — הייבט ער אן צערטלעכער, — ווילסט זיין מיין כלה ?

— כ'וויים . . . רייד איבער מיטן טאטן . . .

אין מיטן וואך, אין א פארנאכט, האט שואל'יק אפגעווארט ביילקעס פאטער, ווען ער איז פון קעמפ געפארן.

— וואס מאכט איר עפעס, ר' חיים ?

חיים האט אים אפגעענטפערט און איז שטיין געבליבן.

— איר הערט, ר' חיים, איך . . . איך . . . האב . . . ס'הייסט איך וויל מיט אייך עפעס ריידן . . .

חיים האט שואל'יקן אנגעקוקט א נייעגעריקער און ניט פאר־שטאנען וואס ער זאל דאס אזוינס מיט אים ריידן.

— נו, רייד, לאמיר הערן ! — האט אים חיים אפגעענטפערט.

שואל'יק האט אנגעהויבן א פארשעמטער שטאמלען :

— איר הערט, ר' חיים, צו וואס זיך שעמען ? . . . כ'מיין טאקע . . . צו וואס די בושה ? . . . איר הערט ? אייער ביילקע געפעלט מיר, און איך איר אויך . . . כ'מיין . . . מיר קענען זיך דאך פון קינדרוייז, כ'מיין . . .

— מילא, מיר וועלן איבערשמועסן אין דער היים . . . — האט חיים רואיק געענטפערט און איז אוועקגעפארן.

ביילקעס מוטער, חנה, איז געווען קעגן שידוך מיט שואל'יקן. זי האט אפילו צו אים אליין געזאגט — א גאנץ וואוילער בחור, נאר וואס פאר א תכלית איז דאס פאר ביילקען? געננוג אז זי אליין ווערט דא פארשווארצט שוין צוואנציק יאר אין קאמפ, ארבעט ווי א פערד און מ'זעט ניט קיין לעבעדיקן מענטש פאר די אויגן. וואס פאר א נחת האט זי דאס פון די צוויי עטלערע טעכטער, וואס האבן חתונה געהאט מיט קאלאניסטישע זין? זיי וואוינען אין א מדבר און ארבעטן ווי די אייזלען. ביילקע דארף נעמען א שטאטישן, זיין צווישן מענטשן מיט לייטן גלייך און וויסן פון א לעבן. שואל'יקן האט מען געזאגט א תירוץ, — זי איז נאך יונג און האלט ניט ביי א שידוך.

שואל'יקן האט דער ענטפער ווי א דונער דערשלאגן. ער איז געווארן אן אנדער מענטש, ווי מ'נעמט און מ'בייט איינעם איבער, תמיד ארומגעגאנגען א פארזארגטער, א טרויעריקער, זיינע אויגן האבן באקומען א מאדנעם אנגעשטרענגטן בליק, — א בליק, וואס דער־ציילט פון אזוי פיל באהאלטענעם צער. זעלטן פלעגט ער מיט וועמען אווארט אויסרעדן. אוועק אין פעלד פאר א גאנצע וואך, געארבעט מיטן גאנצן כוח, געזוכט א טרייסט אין דער ארבעט, און די אוונטן, ביז שפעט אין דער נאכט פלעגט כוואן שפילן אויף זיין גיטארע און צוזינגען א ליד מיט בענקשאפט און וויטאק צו זיין טשינא, וואס איז פון אים אנטלאפן, און שואל'יק פלעגט זיך שטיל צוהערן צו די טענער, וואס פלעגן זיך צעגיסן אין דער שטילער נאכט אריין.

באלד האט זיך אין דער גאנצער קאלאניע פארשפרייט די נייעס, אז ביילקע ווערט א כלה פאר א שטאטיקן. צו א קאלאניסט פון דער צווייטער גרופע איז געקומען א קרוב פון בוענאס איירעס, א גאנצער קאמפאדרע (א ספארט, וואוילער יונג) מיט זיידענע זאקן און לאקער־קעס (לאק שיך), טאנצט טאנגא און שימי, האלט אין איין אויסלאכן די קאלאניע, ווי אזוי לעבן עפעס דא מענטשן אזוי ווי אין א מדבר?... אין בוענאס איירעס איז א לעבן, דארט זיינען פראן טעאטערס, און נאך . . . און נאך אזעלכע גוטע זאכן. די קאלאניסטישע מיידלעך קוקן אים גלייך אין פנים אריין און הערן זיין געלעכטער מיט פאר־געניגן. וואס דען, דא אין קאלאניע איז א לעבן?

האט מען טאקע דעם שטאטיקן אנגעהויבן ריידן שידוכים פון

אַלע זייטן. יענער האָט אָבער געוואָרפן אַז אויג אויף ביילקען. ער האָט זי אויף אַ באַלע דערזען, איז זי אים געפעלן געוואָרן.

ער האָט געשיקט זיין קרוב ריידן מיט ביילקעס עלטערן. קיין שווערע אַרבעט האָט דער שדכן ניט געהאַט. ביילקעס עלטערן האָבן זיך אָנגעכאַפּט מיט הענט און פיס אין דעם שידוך, — אַ קלייניקייט, אַזאַ גליק! דער יונגערמאַן איז אַ פאַרדינער, מ׳זאָגט אַז ער האָט אַן אייגענע פּעליוקעריע (שערער און גאָלער) אין בוענאָס איירעס. אויך ביילקע איז געווען צופרידן. זי וועט ווערן אַ שטאָטיקע. מ׳האָט מיט מזל תנאים געשריבן און אין אַ קורצער צייט אַרום חתונה געמאַכט.

דריי יאָר זיינען אַוועק נאָך ביילקעס חתונה. זי האָט שוין אַפילו אירע עלטערן צוויי מאָל אַ מזל־טוב צוגעשיקט. אין קאָלאָניע האָבן אין איר אַלע ווי פאַרגעסן. נאָר שואל׳יק — ער קען זי ניט פאַרגעסן. און ווען ער פאָרט רייטנדיק פאַרביי אירע עלטערנס הויז, בלייבט אַלאַמאָל שטיין ווי אַמאָל און דרייט זיך אויף רעכטס און לינקס און צעהירזשעט זיך, און פאַר שואל׳יקן וואַקסט דאָן ביילקע אויס, ווי זי שטייט און וואַשט וועש, שמייכלענדיק מיט אירע קאַרשן־אויגן. אויב ביילקעס מוטער דערזעט אים פון וויטן, באַהאַלט זי זיך אין שטוב, זי פילט אַז זי האָט אַ חלק אין דעם יונג, כאָטש אין קאָלאָניע סוד׳עט מען זיך אַפילו, אַז זי האָט חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק, ווייל ביילקע האָט גאָר ניט אַזוי גוט געטראָפן אין בוענאָס איירעס. נאָר מאַלע וואָס בייזע צינגער ריידן.

די עלטערן צווישן זיך זיינען זיך דם שונאים: „ניט אָנגעשטאַנען אין מיין יחוס!" טענה׳ט שואל׳יקס מוטער, — „ניש׳קשה, ער וועט ניט פאַרזיצן!" — טענה׳ט דער פאָטער.

טרעפט אַמאָל, אַז חיים׳ס הינער פאַרבלאָנדזשען צו שואל׳יקס עלטערן אין מאַיס (פּאַפּשוי), האַלט זיי שואל׳יק ביי זיך געפאַנגען אַ פּאָר טעג, פאָרט אַוועק אין שטעטל צום קאָמיסאַר, און חיים מוז באַצאָלן רבי געלט. שטייט שוין דאָן חיים אַ ביידער אין זיין אַלאַמבּרע און וואַרט אָפּ ביז זיין שכנ׳ס סקאָט פאַרקריכט צו אים אין ווייץ, פאַר טרייבט ער זיי צו זיך אין קאָראַל (אָפּגעצוימטער פּלאַץ פאַר בהמות) און האַלט זיי אָפּ אַ פּאָר טעג, און ער פאָרט ווידער צום קאָמיסאַר.

ס׳האָט שוין אַפילו אַמאָל באַלד געהאַלטן ביי אַ געשלעג. חיים

מיט זיינע בנים זיינען אנגעלאפן פונקט דאן, ווען אלאסאן איז אריין אין זייער גארטן און אנגעמאכט א חורבן, האט אבער שואל׳יק אויס־נעריסן א פאסטן פון דער אלאמברע און זיך מיט זיין גבורה צו זיי א לאז געטאן, און אלע זיינען אנטלאפן.

נאך קאסטעטשע, ווען אין דרויסן האבן זיך אנגעהויבן רעגנדיקע טעג און קאלטע נעכט, איז פלוצים שואל׳יקס טאטע איינגעפאלן. מ׳האט גלייך גערופן דעם דאקטאר פון שטעטל, און ער האט דער־קלערט, אז די לאגע איז זייער ערנסט, אז מען מוז דעם קראנקן גלייך אפפירן קיין בוענאס איירעס אין שפיטאל אריין. אלע שכנים זיינען זיך צונויפגעקומען און מען האט אנגעהויבן צוגרייטן די רייזע קיין בוענאס איירעס. חנה,ביילקעס מוטער, איז געווען די גאנצע עצה־געבעריןֿ, כאטש מ׳איז אפילו ערשט ניט לאנג געווען ברוגז איינער מיטן אנדערן. אין אזא פאל אבער, אז יענער איז קראנק, איז ניט פאראן ברוגז. ס׳איז באשלאסן געווארן, אז שואל׳יק זאל פארן מיטן טאטן קיין בוענאס איירעס. אזוי ווי ער איז אבער דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן אין אזא גרויסער שטאט, האט אים חנה מיטגעגעבן ביילקעס אדרעס. זי וועט אים שוין דארט אלעס ווייזן.

אין בוענאס איירעס האט זיך שואל׳יק אנגעפרעגט צו דער גאס וואו ביילקע וואוינט. ווי באטריבט און פארזארגט ער איז געווען פון זיין פאטערס קראנקהייט, האט ער דאך געפילט אן אנגענעמע אומרו־איקייט. וואס טוט זי, ביילקע, און ווי זעט זי אויס?

פאר א טויער פון אן אלט אפגעלאזט הויז איז ער שטיין געבליבן. גלייך ביים אריינגאנג האט ער דערפילט א שרעקלעכן ריח אין נאז. אריינקומענדיק אין א גרויסן הויף מיט א סך טירן און אנגעווארפענע צעבראכענע שטיקער מעבל און שמאטעס, האבן זיינע אויגן גענומען בלאנדזשען און זוכן. פון א טיר אין סאמע עק איז ארויס א בלאס ווייבל מיט א קינד אויף דער האנט.

— ביילקע! — האט ער א געשריי געטאן, ווי ניט מיט זיין קול.

— שואל׳יק!

ווען די ערשטע איבערראשונג איז אוועק, האט זי אים אריינגע־בעטן אין צימער, אפגעווישט א בענקל און געבעטן אים זיצן.

— די צייטן זיינען שלעכט, דער מאן פארדינט ווייניק, מוז מען אט דא וואוינען, אין א פינצטער לאך . . .

ער האָט גאָרניט געענטפערט, געקוקט אויפֿן בלאָסן ווייבל און געשוויגן, געקוקט אויפֿן ענגען צימערל און געטראַכט:

— אַט דאָ, אין שמוציקן ענגען הויף, צווישן די אָנגעוואָרפענע שטיקער מעבל און שמאַטעס, דאָ, אין ענגען פֿינצטערן צימערל, איז אים אויף אייביק צערונען געוואָרן זיין גאָלדענער חלום, דער חלום, וועלכן ער האָט אין זיינע יונג־בחור׳ישע יאָרן געוועבט דאָרטן צווישן די גאָלדענע זאַנגען אויף די ברייטע פעלדער.

אין א שטעטל ביי די אנדען בערג

דאס שטעטל איז געלעגן צופוסנס פון די גרויסע אנדען בערג, וואס טיילן אפ די צוויי לענדער: טשילי און ארגענטינע. פון איין זייט איז דאס שטעטל געווען איינגעטונקען אין א ים ווייגגערטנער, וואס האבן זיך געפלאכטן ווי א בלומען־קראנץ איבער די קליינע און ענגע געסלעך, פון דער אנדער זייט האבן זיך די שפיציקע בערג געשלענגלט אין א לאנגער קייט פון רויכעדיקע וואלקנס.

מיין אומרואיקע וואנדערלוסט האט מיך אהין פארווארפן, און איך האב באשלאסן דארט פארבלייבן. ס'איז געווען אין סאמע מיטן זומער. הייס־זוניקע טעג האבן זיך לאנגזאם געשלעפט, איינער נאכן אנדערן. די איינציקע גרויסע אווענדא (הויפט־גאס) איז בייטאג געווען פוסט. אלע זיינען אנטלאפן פון דער זון, וואס שרפ'עט אן רחמנות. פארן קלויסטער זיינען געלעגן א פאר בעטלער מיט אפענע וואונדן, אויסגעברענטע פון דער זון, און אויסשטרעקנדיק זייערע פארוואונדעטע הענט, האבן זיי שטיל געפרעפלט:

— סאנטא מאריא! דיאס מיא! (מיין גאט!)

איך בין אריין אין א זייטיק אפגעלאזן געסל. לעבן קליינע הייזלעך, וואס האבן אויסגעזען ווי מייזנלעכער, זיינען געלעגן גאנץ און האלב נאקעטע פרויען און קינדער, מיט צעצויגענע און אפגעלאזענע לייבער, פון וועלכע עס האט זיך געפילט א דומפיקער ריח פון שוויס. דאס גרילצן פון א הייזעריקער גיטארע האט זיך געטראגן אין דער הייס־אנגעגליטער לופט. א גאנצע כאליאסטרע קינדערלעך האבן מיך ארומגערינגלט. „פלאטא! פלאטא!" (געלט! געלט!) די פרויען האבן צווידייטיק געוואונקען מיט די אויגן. נאך א פאר קרומע, איינגעפאלענע געסלעך, בין איך אריין אין אן אפענער גאס, מיט מאדערנע נייע הייזער, ניט ווייט פון דער פלאזא.

ס'איז געווארן פארנאכט, איינער פון יענע סודות'דיקע, בלויע

דרום־אמעריקאנישע פארנאכטן. די זון האט זיך ערגעץ צווישען די בערג פאר׳גנב׳עט, איבערגעלאזט נאך זיך א גרין־גאלדיקן הימל. פון די בערג האבן זיך געטראגן איבער שטעטל קילע זאנפטיקע ווינטן, געמישט מיט אראמאטישער זיסקייט.

איך בין געזעסן אויף א באנק אין דער פלאזא און באטראכט דאס מאדנע און משונה׳דיקע לעבן ארום מיר. די מיידלעך האבן שפאצירט באזונדער. מיט אפענע ליידנשאפטלעכע בליקן האבן זיי דיקע יונגעלייט. אבער פון איין זייט פון יעדער מיידל האבן מאמעס אויגן, ווי געטרייע שומרים, ניט אפגעטראטן אויף א מינוט. הויפנווייז האבן זיי זיך געדרייט, ווי אין הקפות, ארום דער פלאזא, דאן האט מען זיך געביטן מיט די ראלן: די טריט פון די בחורים האבן אנגעהויבן צו ווערן פעסטער און חוצפה׳דיקער, דאס יונגע בלוט האט זיך ווילד צעקאכט און ניט געוואלט וויסן פון שטרענגע מאמע־בליקן. שטילערהייט האבן זיך דורך די געפלאכטענע פאלמע־ביימער דערטראגן צו די מיידלשע בענק ציטעריק־ליידנשאפטלעכע אפגעריסענע ווערטער:

— מי באניטא! (מיין שיינע!).

— קערידא מיא! (מיין טייערע!).

באלד האבן מאמעס פון אלע זייטן, ווי געביסענע פון שלאנגען, זיך אויפגעכאפט פון די בענק און מיט א שטרענגען און פחד׳יקן קול אנגעהויבן רופן פון אלע זייטן:

— וואמאס אקאסא! (קומט אהיים!)

ווי צערייצטע הינט, האבן זיך די יונגעלייט א לאז געטאן ווייט אוועק פון דער פלאזא צום „לוסטיקן געסל”, וואו מ׳קען קויפן ליבע פאר געלט . . .

האלב־פינצטערע שמאלע געסלעך האבן זיך געפלאכטן איינס אין צווייטן. פאר א טייל פון די הייזלעך זיינען אין דרויסן געהאנגען גרויסע רויטע לאמפן. אנדערע ווידער זיינען איינגאנצן געווען פינצטער. פון די באלויכטענע הייזלעך האבן זיך געטראגן הייזעריקע געלעכטערס, אויסגעמישט מיט די אפגעריסענע טענער פון פארשידענע טאנגא־טענץ. דער „מסחר” איז דא אנגעגאנגען פראנק און פריי. א גרופע מענער ארויס, א גרופע מענער אריין. פאר די פינצטערע הייזלעך האט מען פון צייט צו צייט באמערקט, ווי א טונקעלע געשטאלט, ווי א שטן, איז צוגעקומען ניט זיכער, שטילערהייט א פאר

מאָל אַ קלאַפּ טאָן. אַ קליין פֿענצטערל האָט זיך געעפֿנט, עמיץ האָט דאָרט דורכן פֿענצטערל אַ פּאָר פֿראַגעס געפֿרעגט, דאַן ערשט האָט זיך די טיר געעפֿנט, און דער מענטש־שאָטן איז פֿאַרשוואונדן דורך דער אָפֿענער טיר.

איך האָב דערפֿילט אַן עקל. שנעל האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צו דער גרויסער אָפֿענער גאַס. פֿאַר די לעצטע פֿינצטערע הייזלעך, בליבן, אויסער זיך פֿון פֿאַרוואונדערונג:

באַקאַנטע ווערטער פֿון אַ אידיש פֿאָלקס־ליד האָבן זיך פֿון דאָרט געטראָגן:

„אַ בריוועלע דער מאַמען, אוי! אוי!
זאָלסט ניט פֿאַרזאַמען . . .
מיין קינד —— ”

איך בין גאַנץ נאָענט צוגעגאַנגען צום הויז, פֿון וואַנען דאָס זינגען האָט זיך געטראָגן. אַ ווײַלע איז שטיל געווען, דאַן האָט ווידער די זעלבע שטימע אָנגעהויבן:

„די מאַמע וועט דאָס בריוועלע לייענען, אוי! אוי!”

איך בין צוגעקומען נעענטער, אַ פּאָר מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פֿאַרמאַכטער טיר. אַ קליין טירל פֿון אַ פֿענצטער האָט זיך געעפֿנט, אַ צעשויבערטער פֿרויען־קאָפּ מיט רויט־פֿאַרלאָפֿענע אויגן האָט זיך אַרויסגעבויגן, מיך צוערשט אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, און שטילערהייט מיך אַ פֿרעג געטאָן:

— סינקאַ? (אַ פֿינפֿערל?)

— סי! — האָב איך צוגעשטימט.

די טיר האָט זיך באַלד געעפֿנט און איך בין אַריין אינעווייניק, אין אַ העל־באַלויכטענעם סאַלון, וואָס האָט געדינט פֿאַר אַן אויפֿנאַמס־צימער, האָב איך באַמערקט אַ קלאַוויר, אַ פּאָר ווייכע סאַמעט־שטולן, און אַחוץ דער פֿרוי איז קיין מענטש ניט געווען. איך האָב זי נעענטער גענומען באַטראַכטן: אַ באַלייבטע פֿרוי מיט אַ מויל פֿול מיט גאָלדענע ציין, מיט אַ פּאָר קליינע, רויט־פֿאַרלאָפֿענע אויגן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַרומלויפֿן אין אַלע זייטן. זי האָט אויסגע־שטרעקט צו מיר איר קורצע דיקע האַנט, מאַכנדיק צו מיר מיט אירע גראָבע פֿינגער:

— פּלאַטאַ!

איך האָב איר דערלאַנגט דאָס געלט, און זי האָט לאַנגזאַם און פֿויל מיר אָנגעהויבן אויסצורעכענען:

— פֿראַנצעס? (אַ פֿראַנצויזקע?) אַלעמאַ? (אַ דייטשקע?) איטאַליאַנאַ? (אַן איטאַליענערקע?) רוסאַ? (אַ רוסישע?)

— רוסאַ! — האָב איך איבערגע׳חזר׳ט איר לעצטן וואָרט, מיט דערהאַפֿענונג, אַז דאָ וועל איך געפֿינען וועמען איך זוך. באַלד האָט זי געעפֿנט איר מויל מיט די גאָלדענע ציין און אויפֿן הויכן קול אַ קוויטש געטאָן אין אַ פּוילישן אידיש:

— סורטשע! אַ גאַסט איז דאָ! . . .

אין דער טיר, וואָס פֿירט צום קאָרידאָר, האָט זיך באַוויזן אַ טיפּיש אידיש מיידל, מיט אָנגעשטרענגטע אויגן, וואָס האָבן ניט זיכער געקוקט. זי איז אַריין אין סאַלון, צוגעקומען צו מיר מיט אַ שמייכל, וואָס ס׳איז שווער צו טרעפֿן וואָס עס מיינט, און אַ זאָג געטאָן:

— וואַמאָס! (קומט!)

— מיט מיר, — האָב איך איר שאַרף קוקנדיק אין די אויגן אַ זאָג געטאָן — קענט איר רײדן אידיש.

ביידע האָבן זיי זיך איבערגעקוקט אַ ווייל, דאַן האָט זי גלייכ־גילטיק אַ זאָג געטאָן:

— זאָל זיין אידיש.

— דאָס האָט איר פֿריער אַזוי שיין געזונגען „אַ בריוועלע דער מאַמען?"

דאָס מיידל ענטפֿערט ניט. די בעל־הבית׳טע רוקט זיך גאַנץ נאָענט צו, באַטראַכט מיך פֿון אַ זייט, אַ ביסל בייז:

— וואָס דרייט איר אַ ספּאַדיק, איר ווילט גיין? . . .

— וואָס אַרט אייך, איך האָב דאָך אייך באַצאָלט. איך וויל אַ ביסל מיט דער סעניאָריטאַ ריידן.

די בעל־הבית׳טע שיסט אַרויס אַ גריזלצענדן געלעכטער:

— נאַ דיר גאָר אַ נייע אַנשיקעניש! . . . ריידן וויל ער גאָר . . . אַזאַ יאָלד . . . כאַ כאַ כאַ, רייד מיט איר! . . . האַלט זי זיך קוים איין פֿון געלעכטער.

— וואָס־זשע ווילט איר מיט מיר ריידן? — קוקט דאָס מיידל אויף מיר מיט פֿאַרוואונדערונג.

— איך . . . איך . . . וואָלט וועלן וויסן, האָט איר פריער אַזוי געזונגען „אַ ברייוועלע דער מאַמען“?

— און אַז יאָ, איז וואָס?

— גלאַט אַזוי, גאָרנישט, אַזוי זיך . . . כ׳מיין, איר האָט ערגעץ אַ . . . מאַמען?

די בעל־הבית׳טע איז האַסטיק צוגעקומען, אַוועקגעשטעלט זיך מיט פאַרלייגטע הענט אויף די היפטן, ווי איינער וואָס גרייט זיך צו עפּעס, וואָס דאַרף אָט דאָ באַלד פאַרקומען.

— העי, כניאַק, וואַרפט אייך שנעלער אַרוים! . . . גענוג באַלע־מאַטשעט פאַר אייער לויזיק פינפערל . . . די צייט שטייט ניט . . . ס׳זיינען דאָ אַנדערע, וואָס ווילן ניט ריידן . . .

שבת אוונט גייט דאָס לוסטיקע געסל ווי אויף רעדער, ס׳רוישט דאָרטן ווי אויף אַ יאַריד. רייכע זינדלעך פון אַרומיקע עסטאַנסעראָס (גוטס־באַזיצער) קומען צופאָרן אויף אויסגעפּוצטע פערד רייטנדיק, אין זילבערנעם געשפּאַן, מיט פולע קעשענעס געלט. מ׳טוט אַ הוליע די גאַנצע נאַכט. ס׳קומט אויך די שטעטלדיקע אַריסטאָקראַטישע יוגנט. מ׳גייט פון איין הייזל אין אַנדערן, מיט מורא׳דיקע ווילדע געשרייען און פייפעריען.

אַ מאָדנער געפיל האָט מיך באַהערשט נאָך דער באַקאַנטשאַפט מיט דער אידישער מיידל אין יענעם הויז. איך האָב באַשלאָסן זי נאָכאַמאָל זען. איר אַרט ריידן האָט אין מיר דערוועקט נייגעריקייט און חשד.

שפּעט ביינאַכט, ווען ס׳לעבן אין יענעם געסל האָט דערגרייכט דעם ריכטיקן עקסטאַז, ווען דער טומל פון די ווילדע אַרגיעס האָט זיך צונויפגעמישט אין איין גרויסן געשריי, ווי פון אַ ווילד־דורכשטי־קער חיה, האָב איך זיך אומבאַמערקטערהייט אַריינגעגליטשט מיט אַ גרופּע געסט אין יענעם הייזל.

אויסגעליידיקטע פלעשער זיינען געשטאַנען אויף די טישן. אין מיטן פון סאַלאָן איז געשטאַנען אַ קלאַוויר, איינער, וועמען אַלע האָבן גערופן „פּראָפעסאָר“, האָט געשפּילט, יעדע פון די מיידלעך האָט באַזונדער געזונגען. קיינער האָט מיך אין טומל ניט באַמערקט, האָב איך זיך אין אַ ווינקל אַוועקגעזעצט און זיך צוגעקוקט.

איינע פון די זינגערינס האט געענדיקט. דער גאנצער עולם קלאפט מיט די פיס, מיט די הענט, און שרייט ווילד: „וויווא!"

באלד דערהערט זיך א הייזעריק־שכור'ער געשריי: „פאר על כעפע דע לא פאליסיא על קאנטא איטאליאנא!" (פארן פאליציי־שעף דאס איטאלינישע ליד!)

א שווארץ־אויגיקע איטאליענערין שטעלט זיך אויף, גייט צו נעענטער צום קלאוויר און זינגט אן איטאלעניש ליד, — שטרענגט אירע הענט ווייט אוועק מיט בענקשאפט, ווען זי דערמאנט: „איטא־לי! פאטריא מיא!"

ווידער קומט א ווילד קלאפן און געשריי: — וויווא! וויווא!

— פאר על קאמיסיאריא על קאנטא אלעמאן! (פארן קאמיסאר דאס דייטשע ליד!)

א בלאנדע שלאנקע, דייטשע מיידל, מיט טרויעריק־פארבענקטע אויגן, זינגט מיט א ציטערדיקער שטימע:

— אין דער היימאט, אין דער היימאט, דא גיבטס איין ווי־דערזעהן . . .

אלע האבן אנגעהויבן שרייען: „על קאנטא רוסא!"

דאס אידישע מיידל דערנענטערט זיך צום קלאוויר, הייבט אן מיט ציטערדיק קול:

— „די גאנצע וועלט איז א פינצטער גרוב,
ס'איז אלץ הבל הבלים! . . ."

איר ציטערדיקע שטימע טראגט זיך איבערן אנגערויכערטן סאלאן. איך לאז פון איר ניט אראפ קיין אויג. איך באמערק, דאכט זיך, פון ווייטן, ווי אויפן בלאסן אפגעצערטן פנים קייקלען זיך טרערן. די רויט־אנגע'שכור'טע פנימ'ער קוקן איר גלייך אין מויל אריין פאר־גאפטע. א שטילקייט הערשט אין סאלאן. ווען זי ענדיקט, קלאפן ניט אלע אזוי ווילד ווי פריער. די פרעמדע, אומבאקאנטע ווערטער, וואס האבן פונקט אהער אין דעם שמוציקן ווינקל פארבלאנדזשעט פון א ווייטער און פרעמדער וועלט, האבן געווירקט:

— קיע לינדרא! (ווי שיין!) — גיבן זיי איבער איינער דעם צווייטן. אבער קוים א פאר מינוט בלויז און ס'הייבן זיך אויפסניי אן די ווילדע געשרייען און פייפערייען:

— וויווא לא איטאליאנא! וויווא לא אלעמאנא! וויווא לא רוסא!

מיין פאַרדאַכט און נייגעריקייט איז נאָך מער געוואַקסן. איך האָב מיך שטילערהייט צו איר דערנענטערט. זי איז געזעסן אויף אַ בענקל מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אַ פאַרטראַכטע.

— איר זינגט זייער שיין! — האָב איך זיך צו איר געווענדט.

זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ טריבן בליק.

— אַ, איר זענט ווידער דאָ? ווי קומט איר אַהער? נאָך וואָס? איר . . . איר דאַרפט ניט! איר טאָרט ניט קומען אַהער! גייט בעסער אַוועק פון דאַנען!

זי איז אויף שנעל פאַרשוואונדן דורך דער טיר, וואָס פירט צום קאָרידאָר, און אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז זי צוריק געקומען באַגלייט פון אַ באַאַמטן אין אַ מיליטערישן יוניפאָרם. דאָס מאָל האָט זי אויסגעזען אַ גאַנץ אַנדערע, אַ לוסטיקע. זי האָט זיך געטוליעט צו איר באַגלייטער, אים פעסט געהאַלטן ביים אָרעם:

— וואַמאָס דאַנסאַר! (לאָמיר טאַנצן!) — האָט זי אַ באַגייס־טערטע געשריען.

— דאַנסאַר! דאַנסאַר! — האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט.

באַלד האָבן זיך איבערן זאַל געטראָגן די ווילד־לײַדנשאַפטלעכע טענער פון „טאַנגאָ אַרגענטינאָ", אויסגעמישט מיט אַ ווילד פייפן און שטאַרקן קלאַפּן מיט די פיס. דער טאַנץ ווערט וואָס אַמאָל לײַדנ־שאַפטלעכער. פון ווייטנס דאַכט זיך מיר, אַז ניט זיי טאַנצן, די פּאָרלעך, נאָר זיי דרייען זיך אין אַ ווילד־לײַדנשאַפטלעכן קאַראַהאָד וואָס אַמאָל שטאַרקער און שנעלער.

פון צייט צו צייט פאַרשווינדט אַ פּאָרל דורך דער טיר, צום קאָ־רידאָר. אין גאַנצן טומל הערט זיך אין קוויטשענדיק געשריי, אַ באַ־רוישטע, אַ פאַר׳שכור׳טע, רייסט זי זיך פון איין מאַנס אָרעמס צו אַ צווייטן, וואָס אַמאָל פייערדיקער, דאָך דאַכט זיך מיר, אַז טאַנצנדיק וואַרפט זי כסדר בליקן צו מיין בענקל . . .

דאָס טאַנצן איז געענדיקט. עס הערט זיך אַ בראַזגען פון גלעזער און פלעשער. ווידער איז זי געזעסן אויפן זעלבן בענקל ווי פריער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ שטומע און אַ פאַר׳חלומ׳טע. איך בין דאָס מאָל ווי אויסגעוואַקסן ביי איר זייט.

— איר זייט זייער מיד?

זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן, מיך באַטראַכט און גאָרניט געענטפערט. ערשט דאָס מאָל האָב איך דערזען, אַז איך מאָך קיין

טעות ניט, אירע בליקן האבען מיר עפּעס דערציילט. . . . .

איך בין צום דריטן מאָל אַהין געקומען. דאָס „לעבן" דאָרט איז אַנגעגאַנגען. ווי אין אַלע שבת'דיקע נעכט, האָבן זיך די מיידלעך לוסטיקע געוואָרפן פון איין מאַן צום צווייטן.

איך האָב אַ ווײַלע זי געזוכט צווישן די שכור'ע טאַנצנדיקע מיידלעך און זי ניט געקענט געפינען. ערשט אין אַ ווינקל, ביי דער וואַנט, האָב איך זי באַמערקט זיצנדיק אויף אַ בענקל, אין ערנסט פאַרטראַכטע.

ווען איך האָב זיך צו איר דערנענטערט, האָט זי מיך אָנגעקוקט און אַ שמייכל געטאָן, געבעטן מיך זעצן לעבן איר. אַ ווײַלע איז זי שטיל געווען, נאָכגעדאַכט, ווי זי וואָלט עפּעס באַשלאָסן, דאַן האָט זי צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— קומט, איך . . . איך וויל מיט אייך ריידן . . .

אין איר צימערל זיינען מיר ביידע געזעסן, איך — ביים טישל, זי — מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. אויפן פענצטער זיינען געשטאַנען בלומען־טעפּ מיט ווייסע ליליען־בלומען, אויף די ווענט — בילדער, פאַרשידענע לאַנדשאַפטן. פּלוצים האָט זיך מיין בליק אָפּגעשטעלט. פון דער וואַנט קעגנאיבער האָט אַראָפּגעקוקט דאָס בילד פון אַן אַלטן אידן מיט אַ ברייטער גרויער באָרד און אין אַ סאַמעטענער יאַרמעלקע, און אַ אידענע אין אַ שייטל, מיט ווייכע אויסגעוויינטע מאַמע־אויגן.

זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן, געזען אַז איך קוק אויף די צוויי בילדער, האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ געבראָכענער שטימע:

— דאָס זיינען מיינע עלטערן . . . דער טאַטע איז שוין טויט. די מאַמע . . . יאָ, די מאַמע לעבט אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן . . .

דאַן האָט זיך דערהערט אַ קראַנקהאַפטיק שלוכצען. איך האָב געשוויגן. מיט אַ וויינענדיק קול האָט זי אָנגעהויבן דערציילן יענע געשיכטע, וואָס איז אַזוי אַלט און דאָך תמיד ניי . . .

צוערשט די ענגקייט אין קליינעם שטעטל, דאַן די איינזאַמקייט אין דער פרעמדער גרויסער שטאָט. ער — דער אויסגע'חלום'טער געליבטער — דאַן . . . נו יאָ, דאַן, די געזעלשאַפט מיט איר „הייליקער" מאָראַל, וואָס האָט זי פאַראורטיילט צו שמוץ, צום אָפּגרונד. זי, אַ שוואַכע, האָט ניט געהאַט דעם כוח, דעם מוט, איז זי געפאַלן . . .

איך באַטראַכט דעם פרויען־קאָפּ, וואָס ליגט אויפן טישל און וויינט ווי אַ קליין קינד, און אַ געמישטער געפיל פון רחמנות און עקל

זיינען מיד באפאלן, — אז עקל צו אזא וועלט, וואס צעברעכט טויזנטער מענטשלעכע לעבנס אין נאמען פון מאראל; א רחמנות צו איר, צו דער געפאלענער, וואס האט ניט געקענט אויסהאלטן די אכזריות'דיקע הארטקייט און האט זיך געגליטשט צום תהום . . .

זי איז שטיל געבליבן, מיך אנגעקוקט מיט נאסע פארוויינטע אויגן:

— קומט ניט מער אהער! קומט ניט, איך בעט אייך. איך בין אליין איינס פארפאלן. איך קען ניט ארויס פון דאנען . . . אלצ־איינס: ווער וועט אויך מיר ווערן א קוק טאן? . . . וויבאלד איך בין א . . . א . . .

דאן האט זי זיך ביי מיר געבעטן:

— זיי האבן אייך „אויפן אויג" . . . זיי ווערן אייך אוועקלייגן א טויטן. — זי האט מיך צוגעפירט צו דער טיר: — גייט, און קומט ניט מער . . .

א צעטומלטער האב איך זיך געלאזט גיין דורכן סאלאן, צו דער דרויסנדיקער טיר. ניט ווייט פון דער טיר איז געשטאנען א מאן מיט א גראבער געמבע און האט געשמועסט מיט דער בעל־הבית'טע. דער־זעענדיק מיך, האט ער ביי ארויסגעקוועטשט צווישן די ציין:

— אז מ'שטופט די נאז וואו מען דארף ניט, דערלאנגט מען א קלינג אין די אויגן און א מעסער אין דער זייט . . .

און די בעל־הבית'טע האט צוגעקוויטשעט:

— כניאק! עטץ זאלט מער ניט קומען, אז ניט וועט מען א יאכל מאכן פון ענק . . .

פון דאן אן בין איך אין געסל מער ניט געגאנגען. נאר אין שטילע פארנאכטן, ווען איך פלעג זיצן איינער אליין אויף א באנק אין דער שטעטלדיקער פלאזא, און פון ערגעץ וואו פלעגן זיך טראגן שטילע זאנפטע טענער פון א פארבענקטער סערענאדע, פלעגן פאר מיר אין דער נעבלדיקער שטילקייט אויסוואקסן אירע רויט־פארוויינ־טע אויגן.

„די גאנצע וועלט איז ווי א פינצטער גרוב" — און ווי א סילועט האט זיך ארויסגעשיילט פון א שוואכער קראנקער מאמען, מיט בייז־נערדיקע, דארע הענט, וואס האבן זיך ווי צו א תפילה געשפרייט:

— מיין קינד, מיין טרייסט. . . .

דער פליענדער האָלענדער

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים באַגעגנט אין טיוואָלי, דער באַרימטער פּאַרק פון קאָפּענהאַגען. עס איז דאַמאָלס געווען אַ דענישער נאַציאָנאַלער יום־טוב. פון אַלע זייטן האָבן מאַסן מענטשן געשטראָמט און מיט פרייד גע׳יובל׳ט. די קאַלטע סקאַנדינאַווער האָבן זיך פריילעך צעטאַנצט אין אַ נאַציאָנאַלן פאָלקס־טאַנץ, וואָס איז ענלעך צו אַ „מצוה־טענצל" אין אַ קליין פּויליש שטעטל.

פון צווישן די בלאָנדע לאַנגע דענען, ווי די הויכע סאָסנעס, האָט זיך זיין באַזונדערס טיפּיש־אידיש פּנים מיטן שוואַרצן ניט־געשוירענעם קאָפּ האָר אַרויסגעשיילט. ער האָט זיך ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אַרומגעדרייט צווישן דעם טומלדיקן עולם, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה.

איך האָב צו אים דערפילט אַ שטיקל קרובה׳שאַפט. כדי אָבער ניט צו מאַכן קיין טעות און ניט מכבד זיין אַ שפּאַנישן סטודענט אָדער גלאַט אַ פאַרבלאָנדזשעטן אָריאַנטאַלער וואַנדער־לוסטיקן רייזנדן מיט אַ אידישן שלום עליכם (ווי ס׳האָט מיר אָפט פּאַסירט אויף מיינע ווייטע רייזעס) האָב איך באַשלאָסן אים שטילערהייט צו באַאָבאַכטן.

אין אַן איינזאַמען ווינקל, ווייט אַוועק פונם רויש, צווישן שאָטנדיקע ביימער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, און איך — קעגנאיבער אויף דער צווייטער באַנק. וואָס נענטער איך האָב זיך צו אים צוגעקוקט, בין איך אַלץ זיכערער געווען, אַז איך מאַך ניט קיין טעות. דער מעלאַנכאָליש־פאַרצווייפלטער בליק, די אידישע שפּיציקע נאָז און די ספּעציפיש אידישע אומרואיקייט, וואָס האָט זיך דאָ אין רואיק־געמיטלעכן דענעמאַרק אַזוי געוואָרפן אין די אויגן. און איך האָב זיך צו אים נאָך נענטער צוגערוקט.

— אַ איד ?

— יאָ ! — האָט ער מיר שמייכלענדיק געענטפערט, — אַ פּאָליציי־מייסטער !

— וואס ? ? !

— א פאליציי־מייסטער ! — האט ער נאכאמאל איבערגע׳חזר׳ט זיין ענטפער.

— איר פארשטייט, — האט פלוצים זיין היים־אנגעגליטער בליק זיך אין מיר ווי איינגעגעסן, — זיי האבן געגלויבט, אז אוים וועלט ! ניטא מער קיין יושר ! גארניט ! . . . פריי . . . הפקר . . . זיי קענען כאן וואס זיי ווילן . . . אבער ניט מיר ! ביינאכט אין א קאלטן פראסט האבן זיי מיך ארויסגעשלעפט פון בעט, — ווערט זיין קול ליידנ־שאפטלעך, — טארסט ניט וואוינען אין קאפענהאגען. און גאנץ פרי האט מען מיך אריבערגעפעקלט איבער דער גרעניץ. אבער אויפן דריטן טאג — און איך בין ווידער דא צוריק . . . האבן זיי מיך ווידער געכאפט און ארויסגעשיקט מיט א שיף קיין דאנציג. וואס־זשע מיינט איר ? — קוקט ער אויף מיר מיט א נצחון־געלעכטערל און אין די אויגן ברענט דאס קראנקע משוגעת־פייערל וואס אמאל שטארקער. — אין א וואך ארום און איך בין ווידער אין קאפענהאגען ! האט מען מיך געבונדן, געשלאגן, געטראטן מיט די פיס, מיך ווידער אוועקגע־שיקט קיין פוילן. דארט האט מען מיך ארייגעזעצט אין תפיסה . . . בין איך ווידער צום פערטן מאל געקומען קיין קאפענהאגען. דערלאנגט א קלאגע צום מיניסטעריום און ביז פיר־און־פערציק שעה האט מען די גאנצע פאליציי אפגעזאגט פון זייערע שטעלעס און מיך געמאכט פארן פאליציי־מייסטער.

דאס איז געווען מיין ערשטע באגעגעניש מיט דעם אומגליקלעכן, משוגענעם אידישן וואנדערער.

צוויי יאר שפעטער, זייענדיק אין פאריז, האב איך צווישן אלע פאריזער זעענסווירדיקייטן אויך באזוכט די היים פאר אידישע היימ־לאזע אימיגראנטן. ארויפגייענדיק אויף א בארג אין סאמע הארץ פון מאונטפארנאס אין אן אלטן אפגעלאזן, האלב־צעבראכן הויז אויף רוע לאמארק זעכצן, האט זיך געפונען דער זאמלפונקט פון אידישע נע־ונד׳ניקעס פון אלע עקן וועלט.

א גאלעריע פון טראגי־קאמישע טיפן : חברה וואס זיינען אויס־געפארן די גאנצע וועלט, פון איין לאנד אויסגעוויזן, אין אנדערן ניט אריינגעלאזט. א טייל פון זיי האבן פשוט אין וואנדערן פארלוירן זייער ציל. מען פארט זוכן לענדער, וואו עס איז גוט — אז פעסער, אז וויזעס, אפילו אן געלט. איר באגעגנט דארט חברה, וועלכע זיינען

אַלס שוואַרצע (אומלעגאַלע) פּאַסאַזשירן געוואָרן ביז קיובאַ, מעק־סיקאָ, אַפילו אין די פאַראייניגטע שטאַטן שוין געווען, און ניט געהאַט קיין מזל: האָט מען זיי געכאַפּט און צוריקגעשיקט.

— ניש׳קשה! — זאָגט צו מיר איינער פון דער חברה, — דאָס צווייטע מאָל, ווען איך וועל זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ שיף, וועלן זיי מיך מער ניט כאַפּן...

אויפן הויף, צווישן אַלטע צעבראָכענע שטיקער האָלץ, פּעקלעך בעטגעוואַנט, וויינענדיקע קינדער און מידע, אָפּגעצערטע פרויען, זיינען געשטאַנען חברה, דיסקוטירט, געהיצט זיך און געליאַרעמט.

פּלוצים — וואָס איז דאָס? דאַכט זיך אַ באַקאַנט פּנים. אין עק, ביים סאַמע טויער איז ער געשטאַנען, גערעדט באַגייסטערט פאַר אַ חברה אימיגראַנטן:

— אַ טעלעגראַמע איז געקומען פון מיניסטעריום, און אין פיר־און־צוואַנציק שעה וועלן אַלע פּאַליציי אָפּגעזאָגט. איך בין פּאַליציי־מייסטער!

ווידער האָט דער תהום פון אייביקייט פאַרשלונגען אַ פּאָר יאָר. איך געפין זיך אין לאָנדאָן אויפן וועג קיין זיד־אַמעריקע. גייענדיק אַמאָל אין די ענגע, צוזאַמענגעדריקטע געסלעך אַרום ווייטשעפּל, איז ער מיר צום דריטן מאָל אַנטקעגנגעקומען.

וואָס ער טוט אין לאָנדאָן? ער וועט זיי ווייזן! וואָס הייסט? ס׳איז עפּעס גלאַט אַזוי הפקר?! און ווידער אַמאָל די זעלבע טענות: אין פיר־און־צוואַנציק שעה האָט מען אַלע אָפּגעזאָגט.

פון אַלע קעשענעס שלעפּט ער גאַנצע פּעק פּאַפּירן און וויל מיר באַווייזן, אַז ער איז דער פּאַליציי־מייסטער.

וואו ער וואוינט? אָט דאָרט. ניט ווייט פון דאַנען, אינגאַנצן אַ פּאָר גאַסן. אַ שיין צימער האָט ער, און זיין בעל־הבית׳טע איז אַ פיינע, האַרציקע פרוי. אָפט איז זי אים מכבד מיט אַ גלעזל טיי און צובייסן. הײַנט וואָס פאַר אַ צוויי שיינע טעכטער זי האָט עס! ביידע געראָטענע מיידלעך, שפּילן פּיאַנאָ, און... דערביי קוקט ער אין דער גרויסער ווייטקייט מיט מאָדנע פאַרבענקטע בליקן, און האַלט אין איין לויבן זיין בעל־הבית׳טעס צוויי טעכטער...

אויף איינמאָל איז ער שטיל געבליבן, ווי ער וואָלט זיך נאָר־וואָס עפּעס דערמאָנט.

— ווייסט איר גאָר וואָס? — זאָגט ער צו מיר, — הײַנט ביי־

נאַכט איז די ערשטע „סליחות־נאַכט". איר וואָלט געווען אַ בעלן צו גיין מיט מיר אין דער גרויסער „סענטראַל העקני" שול?

ער האָט מיך זייער פאַראינטערעסירט און איך האָב מסכּים געווען מיט אים צו גיין צו סליחות.

די שול איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. מיר האָבן זיך ביידע אויסגעקליבן אַן אָרט אין אַ ווינקל ביים סאַמע אַריינגאַנג. איך האָב פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. זיינע אומרואיקע אויגן האָבן געהאַלטן אין איין אַרומלויפן אין אַלע זייטן אין שול. קוקנדיק צום באַלעמער, וואו דער חזן מיטן כאָר זיינען געשטאַנען איינגעהילט אין טליתים, האָט זיך אויף זיין מידן, אָפּגעצערטן פּנים צעגאָסן אַ קינ־דערשער שמייכל — בלויז אויף אַ ווײַלע. ווי נאָר דער חזן האָט אָנגעהויבן מיטן כאָר זינגען „לך ד' הצדקה", האָט ייד דאָס בלאַסע, איינגעפאַלענע פּנים פון מיין שכן וואָס אַמאָל ג[illegible] צעקרימט און טרערן האָבן זיך גענומען קייקלען איינע נאָך דער אַנדערער.

שפּעט ביינאַכט, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, זיינען מיר ביידע צוזאַמען אַרויס אין גאַס. ער איז דאָס מאָל געווען גאַנץ ערנסט און שטיל. עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט און מיר האָבן ביידע גע־בלאָנדזשעט איבער די שטילע, ליידיקע לאָנדאָנער גאַסן. איך האָב געוואַרט, אַז מיין שכן זאָל עפּעס אָנהייבן צו ריידן, אָבער ער האָט געשוויגן. אָפּגייענדיק אַ לאַנגע שטרעקע, האָט ער זיך פאַרקירעוועט אין אַן ענגן, צעקרימט זייטן־געסל. מיין נייגעריקייט איז וואָס אַמאָל געוואַקסן און איך בין אים נאָכגעגאַנגען. פאַר אַ גרויס הויז מיט אייזערנע פאַרמאַכטע טויערן איז ער שטיין געבליבן, צוגעגאַנגען נענ־טער און אָנגעקלונגען, אַ קליין זייטיק טירל האָט זיך געעפנט. אַ פאַר־שלאָפענער מאַן מיט אַ רויט היטל פון דער „סאַלוויישאָן אַרמי" האָט די טיר אויפגעמאַכט. ערשט דאַן האָב איך אין דער פינצטער דערזען, אַז דאָס איז אַ נאַ[illegible]אַזיל פאַר היימלאָזע פון דער סאַלוויישאָן אַרמי.

— אָט דאָ איז נ[illegible]ין וואוינונג, אויב איך האָב אַ שילינג, — האָט ער מיר אַריינגעפליסטערט אין אויער. — פאָלגט מיך, קומט מיט מיר אַרויף שלאָפן. וואו וועט איר גיין אַזוי שפּעט ביינאַכט? . . . אַ פרעמדער אין לאָנדאָן.

און דערביי רוקט ער דעם פאָרטער אין האַנט אַריין דאָס שלאָף־געלט פאַר ביידן.

— ניט געזאָרגט, — טרייסט ער מיך, — מיר וועלן זיי ווייזן

א טעלעגראַמע צום מיניסטעריום, און אוים! איך בין „דער פּאָ־ליציי־מייסטער" ! . . .

און איך האָב אים, דעם „קאָפּענהאַגענער פּאָליציי־מייסטער", געזען צום לעצטן מאָל. איך האָב זיך געפונען אין זיד־אַמעריקע און געמאַכט אַ רייזע איבער די אידישע קאָלאָניעס פון ענטרע ריאָס. פאָרנדיק איבער דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס, איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן די איינציקע אידישע קאָלאָניע אין אוראָגוואַי, מיט דעם נאָמען „19 דע אַבריל", וועלכע געפינט זיך גלייך אין שכנות מיט דער אוראָגוואַיישער הויפּט־שטאָט פּאַיסאַנדו. אַזוי ווי די שטאָט איז בלויז אָפּגעטיילט פון אַרגענטינע מיטן טייך אוראָגוואַי, פלעגן אַ סך אידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן ניט געקענט באַקומען קיין דירעקטע וויזע קיין אַרגענטינע, צוערשט פאָרן פון אייראָפּע קיין אוראָגוואַי און פון דאָרט שפּעטער „אַריבערשוואַרצן" די גרעניץ קיין אַרגענטינע. ווען איך בין געווען צו־גאַסט ביי אַ אידישער פאַמיליע אין פּאַיסאַנדו, האָט מען מיר דערציילט, אַז אין שטאָטיקן שפּיטאָל געפינט זיך אַן עלענדער אידישער אימיגראַנט, וועמען די אַרגענטינישע גרעניץ־פּאָליציי האָט צעשלאָגן פאַר וועלן זיך „אַריבערשוואַרצן" די גרעניץ. איך האָב זיך מיט דעם פאַל פאַראינטערעסירט און גלייך צומאָרגנס אויפגעזוכט דעם שפּיטאָל.

די באַרמהערציקע שוועסטער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער צווישן שווער־קראַנקע און מיר אָנגעוויזן אויפן איינציקן „רוסאָ" (רוס), וואָס איז דאָרטן געלעגן.

פון ווייסן בעט האָבן זיינע מעלאַנכאָלישע בליקן צו מיר אַריבער־געקוקט און איך האָב אים גלייך דערקענט. דאָסזעלבע קראַנקע פייערל איז זיינע אויגן, וועלכע האָבן איצט פאַרטרערטע געקוקט אין דער אומ־באַקאַנטער ווייטקייט . . .

ער האָט גע'גוסס'ט, דער „קאָפּענהאַגענער פּאָליציי־מייסטער".

אין אַ בראַזיליאַנער פּאָרט - שטאָט

ס'זיינען מיר מיטאַמאָל לאַנגווייליק געוואָרן די היים־שטיקענדע גאַסן פון דער בראַזיליאַנער הויפּט־שטאָט ריאָ דע זשאַנעירא, מיט אירע פאַר'חלש'טע פּאַלמען־ביימער, און נאָך האַלבע נאַכט, ווען די אַנגעגליטע לופט האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָב איך זיך געזעגנט אויף אַ זעגל־שיף ווייטער אַוועק פון פּאָרט.

נאָך דריי טעג פאָרן, האָב איך זיך געפונען אין אַ צווייטער פּאָרט־שטאָט פון דער בראַזיליאַנער פּראָווינץ. ברייטע, גרויסע גאַסן און פּאַלאַצן פון אַלע זייטן, און ענגע געסלעך האָבן זיך געשלענגלט צום פּאָרט. אַ גאַנצן טאָג איז דאָס לעבן אין שטאָט אָנגעגאַנגען ווי געווײנלעך. פאַרנאַכט, אָבער, האָבן די שטילע געסלעך אַרום פּאָרט באַקומען אַן אַנדער פּנים: רויט־פאַרביקע לאָמפּן האָבן מיט זייער שאַרפע קאָלירן געבליצט אין דער דונקלקייט; די טענער פון זאַנפטע סערענאַדעס אויסגעמישט מיט אַ ווילד־גרינצלדיקן רוישן האָבן זיך זאַרגלאָז געטראָגן אין דער לופט; אַ צענדליק מאַטראָזן האָבן אַרומגעשפּאַצירט מיט אַ הילכיקן און צופרידענעם געלעכטער. דאָ, אַהער, קומען זיי פון ווייטע ימים און ברענגען מיט זיך דעם געזאַלצענעם ריח פון די ים־וואַסערן און די זאָרגלאָזיקייט פון די בלויע הימלען. דאָ אַהער, קומען זיי זוכן אַביסל גליק נאָך חדשים פון איינזאַמען לעבן צווישן הימל און וואַסער און פאַר'כישופ'טע לבנה־נעכט, אין די אָרעמס פון דער היים־בלוטיקער מולאַטע, וואָס בריט מיט אירע בליקן, ווי די בראַזיליאַנער זון. ווי די פלאַמען פון אַ וואולקאַן ברענען אין יעדן ווינקל די בליקן פון שוואַרץ־תּוֹאַה'דיקער אויסגעלאַסנקייט. אָפט פּאַסירט עס: אין סאַמע מיטן טאַנצן בליצט אויף צווישן מענטשן־שטראָם אַ בלאַנק־מעסער אָדער דאָס קנאַקן פון אַ רעוואָלווער און דער'הרג'עטע וואַלגערן זיך אויף דער ערד. קיינער ווייסט ניט פון וואַנען און פאַרוואָס.

דאָס געסל, וואו איך האָב געוואוינט, האָט זיך געפונען גלייך

איבער דער פּלאַזאַ. קעגנאיבער אַז אַלטן הילצערנעם קלויסטער מיט מאָדנע דריי שפּיצן. אין די זונטיקס, ווען דער גלאָקן־קלאַנג האָט דומפּיק זיך צעקלונגען איבערן געסל, בין איך אַ נייגעריקער געשטאַנען בײַם פענצטער און באַטראַכט די צענדליקער פּנים׳ער, וועלכע האָבן שטיל און גאָטספאַרכטיק געשפּאַנט אין קלויסטער אַריין; און אָפט פלעגט מיר דוכטן, אַז דאָס זיינען די זעלבע פּנים׳ער פון יענע ענגע געסלעך אַרום פּאַרט . . .

איינמאָל פאַרנאַכט, ווען איך האָב ווי תמיד שטום געקוקט צו די רויכנדיקע וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך נעבלדיק געטוליעט צו די בערג און מיין בענקשאַפט איז געוואַקסן, ניט ווויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך, האָב איך אין אַ פענצטערל, ניט ווייט פון קלויסטער, באַמערקט אַ שוואַרץ־געלאָקטן פרויען־קאָפּ. אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, אַ פּאָר מאָל איבערגעקוקט. באַלד איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער דעם פאָרהאַנג. צוערשט האָט איך געגלויבט, אַז דאָס איז אַ פּשוט׳ער צופאַל. ווען כ׳האָב אָבער אויף מאָרגן פאַרנאַכט ווידער באַמערקט יענעם אומבאַקאַנטן פרויען־קאָפּ בײַם האַלב־באַלויכטענעם פענצטער, האָב איך זיך אָנגעהויבן צוקוקן מיט מער אויפמערקזאַמקייט.

נאַכט נאָך נאַכט האָבן זיך פון יענעם פענצטערל געטראָגן די שטילע טענער פון אַ קלאַוויר, וואָס פלעגן זיך איינפלעכטן אין דער אַרומיקער שטילקייט מיט אַזוי פיל שטומען האַרץ־ און נשמה־ווייטאָק, ווי עס וואָלט ווער עפּעס געקלאָגט און וואָס וועמען דערציילט. ביז איינמאָל אין אַ נאַכט האָבן זיך פון יענעם פענצטערל דערהערט טענער פון אַ באַקאַנטער מעלאָדיע. צוערשט האָב איך זיך ניט געגלויבט. עס קען זיין ס׳איז בלויז די פאַרנאַכטיקע בענקשאַפט, וואָס רופט אַרויס אין מיין פאַנטאַזיע די מעלאָדיען פון מיין שטילער, רואיקער היים. אָבער . . . ווען איך האָב אין דער פינצטער פון מיין צימער פעסטער אָנגעשטרענגט מיינע אויערן, האָבן זיך אין דער שטילקייט פון געסל געטראָגן די טענער פון אַ באַקאַנטער ווינער פאָלקסליד:
„וויז, וויז, נאָר דו אַליין!”

מיין נייגעריקייט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ווער איז יענע אומבאַקאַנטע פרוי בײַם פענצטערל? איז יענע טראַפּישע לענדער איז געזינטער און בעסער וואָס ווייניקער זיך צו פאַראינטערעסירן אָדער זיך נאָכפרעגן אויף אַ פרעמדער פרוי. דאָס קען זיך אַמאָל פאַר־

ענדיקן מיט א מעסער אין זייט . . . האב איך דערפאר באשלאסן אפ־צווואַרטן אויף א געלעגנהייט.

דער שוואַרצער בראַזיליאַנער, וואס פלעגט קומען די גאַנצע וואָך אין מיין צימער רוימען, האט מיך אין א פרימאַרגן באטראַכט מיט א נאַרישן אומגעלומפּערטן געלעכטערל צווישן זיינע ווייס־פּערלדיקע ציין.

— סעניאָר, — האט ער ניט זיכער א זאג געטאן, — לא סעניאָרא דע לא קאזא (די פרוי פון דעם הויז) . . . — און דערביי האט ער געוואונקען אויף יענעם הויז מיטן פענצטערל, — זי פרעגט זיך נאָך . . . וועגן דיר . . . זי . . : וויל לייענען דיינע צייטונגען : : :

דעמזעלבן פארנאַכט איז ווידער דער אומבאַקאַנטער פרויען־קאָפּ געשטאַנען ביים פענצטערל און געקוקט צו מיר דאָס מאָל האבן זיך אונדזערע בליקן לענגער אפגעשטעלט און איינס דעם אַנדערן באַ־טראַכט.

פון יענעם אוונט אַן פלעגן מיר שטונדן־לאַנג שטיין שטום און קוקן איינס אויפן צווייטן. פון איין זייט האט מיר א ווילדע נייגע־ריקייט געפייניקט: פּרואוון ווייטער גיין. פון דער אַנדערער זייט, האט מיר אַן אומבאַשטימטער געפיל געשראָקן און אפגעהאַלטן. איז דען ניט בעסער אזוי? די אומבאַקאַנטע דאָרט הינטער די פאַר־האַנגען ביים פענצטער, פילט אויס די פוסטע און לאַנגווייליקע שעה'ן פון מיין איינזאַמקייט. קען זיין, אַז א שריט ווייטער, און איך וועל דאָס אויך פארלירן. און אפשר . . . וועל איך גאָר געווינען א סך מער.

איינמאָל, אין א פאַרנאַכט, ווען מיינע בליקן האבן ווי שטענדיק דורכגעשטריפּט דאָס פענצטערל, האב איך פּלוצים באַמערקט דעם שאָטן פון א מאַן. איך האב בלויז געקענט ביים שיין פון באַלויכ־טענעם פענצטערל אויף שנעל כאַפּן א קוק אויפן פּנים: פאַרשפּיצטע קינבאַקן פון א טיפּיש־בראַזיליאַנער איינגעבוירענעם, קליינע אומרו־איקע אויגן, וועלכע זיינען, ווי צוויי פלעמלעך, דורכגעלאָפן אין דער טונקלקייט, זוכנדיק עפּעס . . . איך האב פאַרשטאַנען, אַז איצט איז די העכסטע צייט דעם „שפּיל" צו פאַרענדיקן.

אין דרויסן האבן זיך אַנגעהויבן רעגנדיקע טעג, וועלכע האבן מיין איינזאַמקייט פאַרגרעסערט. דאָס פענצטערל האב איך דאָך אויס־געמיטן, כאָטש א מאָדנער פאַרלאַנג האט מיך אהינצו געצויגן. ווען איך פלעג אין א רעגנדיקן פאַרנאַכט זיצן איינער אַליין ביי זיך אין

צימערל, פלעגן מיינע בליקן זיך אפשטעלן אויפן ווייסן פארהאנגל, וואס האט פארדעקט מיין פענצטער. בלויז א צי טאן דאס פארהאנגל, בלויז אויף א ווײַלע . . .

א נייע בענקשאפט האט אין מיר אויף איינמאל אויפגעוואכט — צוריק צום גרויסשטאטישן לעבן. אנטלויף — האט אין מיר א קול געשריען — וואס שנעלער, אויב דו ווילסט דא ניט דערשטיקט ווערן אין דער קליינשטעטלדיקער איינזאמקייט. איך האב מיינע זאכן פארפאקט און באשלאסן אויפן צווייטן טאג אוועקצופארן.

אין א רעגנדיקן פארנאכט האט א קלאפ אין מיין טיר איבער־געריסן מיינע געדאנקען. איך האב קוים צייט געהאט עפעס צו ענטפערן. די טיר האט זיך אויפגעמאכט און אין צימער איז געשטאנען איינגעהילט אין א רעגנמאנטל די פרוי מיטן שווארץ־געלאקטן קאפ פון יענעם פענצטערל.

פון איבערראשונג האט איך קיין ווארט ניט געקענט ארויסריידן. א ווײַל זיינען מיר געשטאנען און געקוקט איינס אויפן צווייטן. ביס־לעכווייז האב איך אנגעהויבן קומען צו זיך.

— איר . . . ? זיצט, — האב איך קוים ארויסגעשטאמלט.

זי האט זיך אוועקגעזעצט.

— זי זינד דאך א יודע, ניכט וואר ? — האט זי אנגעהויבן אין א פארגרייזטן דייטש. — שאן זא לאנגע ווי איך . . . איך האב עס באמערקט. די אידישע צייטונגען, וואס דער שווארצער פארטער ברענגט פון אייך און . . .

א פויל, ווינטיק רעגנדל האט זיך געדראפעט אויפן פענצטערל פון מיין צימער. אנטקעגן מיר איז געזעסן א ווילד־פרעמדע פרוי, דעם קאפ אנגעשפארט אויף ביידע אֶרעמס, געכליפעט ווי א קליין קינד און וויינענדיק מיר דערציילט איר געשיכטע, וואס איז אזוי אלט, און דאך שטענדיק ניי.

דאס לעבן אין ענגע, היימישן ארימען געסל, א טויץ קראנקע שוועסטערלעד און ברידערלעך. דער טאטע פייפט נאכט־איין און נאכט־אויס א לונגען־מוזיק ; דאן די גרויסע פרעמדקייט אין דער גרויסער שטאט . . . ער, דער לאנג־אויסגע'חלומ'טער העלד, און דאן . . . אלץ איז שוין ווייטער אליין געקומען . . .

זי האט נאך גענוג כוח געהאט א שפיי צו טאן אויף יענעם שמוציקן לעבן. אבער וואוהין גייט מען איצט ? אלע קוקן אויף איר

מיט מאדנע בליקן, אלע ווינקען אויף איר, די . . . און ווען ער, איר איצטיקער מאן, א בראזיליאנער באאמטער פון דער פראווינץ־רעגירונג, האט איר געמאכט א הייראטס־פארשלאג, האט זי איינגע־וויליקט.

— און איצט?

— ביטע, לעזן זי, — האט זי קרעכצנדיק ארויסגענומען פון איר האנט א צעקנייטשטן בריוו און אים מיר דערלאנגט.

איך האב זי באטראכט. איר פנים איז געווען קראמפהאפט צוזאמענגעצויגן און האט אויסגעדריקט אזוי פיל שמערץ. איך האב דעם בריוו אנגעהויבן לעזן:

„צו מיין טייערער און ליבער טאכטער!

„מיר שרייבן דיר, אז . . . רחל'ע ווערט צו מזל א כלה מיט א פיינעם באלעבאטישן בחור, און גאט זאל דיך שטארקן פאר דיין גוטס, וואס דו טוסט מיט דיין שוועסטער און מיט אונדז אלעמען . . . און . . .”

און זי זאגט מיר:

— זיי פארשטייען, אז עס קומט זא איין הייליקער טאג . . . יום כפור . . . איך בין א אידישע טאכטער. עס בענקט זיך יא זא נאך אייגענע. איך בין זא עלענד דא. ריידן זי מיט די יודן פון שטאט . . . בלויז פאר כל נדרי. בלויז פאר . . . מיר איז דאך איצט מער ניט פארבליבן ווי . . .

ביי דער גרויסער אכזריות'דיקער שטרענגקייט, וואס הערשט דארט צווישן די אידן קעגנאיבער „אזעלכע” פערזאנען, האב איך דאך געפרואווט ריידן מיט די פארשטייער פון דער דארטיגער איינציקער שול, זיי זאלן איר אריינלאזן אין שול צו כל נדרי, און דער ענטפער איז געווען קורץ — ניין!

יום־כפור ביינאכט, נאך כל נדרי, ווען איך בין פון דער שול אהיימגעקומען, איז איר פענצטערל געווען פארהאנגען און באלויכטן, און אפגעריסענע טענער פון דער כל־נדרי־מעלאדיע האבן זיך גע־טראגן ווי פארבלאנדזשעטע אין שטילן, פרעמדן געסל אריין.

ביי די ברעגן פון פּאָרטוגאַל

די שיף האָט זיך לאַנגזאַם אָוועקגעגליטשט פונם לעצטן בראַזיליאַנער פּאָרט—פּערנאַמבוקאָ, אויפן וועג קיין פּאָרטוגאַל. פון ווייטן האָבן צו מיר נאָך אַריבערגעפלאַטערט די ווייסע טיכלעך פון מיינע באַגלייטער. אַ פּאָר מינוט בלויז און דער לעצטער פּאַס ליכט פונם פּאָרט איז פאַרשוואונדן. די שיף האָט זיך צעוויגט וואָס אַמאָל שטאַרקער צווישן הימל, וואַסער און נאַכט, אַ פּאַר׳בישופ׳טע דרום־אַמעריקאַנער נאַכט, וואָס האָט זיך דאָ, אין סאַמע מיטן וואַסער, צעשפּילט מיט איר גאַנצער פּראַכט, האָט מיך ווי צוגעשמידט צום דעק און ניט אַראָפּגעלאָזט אין דער קאַבינע.

איך בין געשטאַנעןביים ענד פון דער שיף און זיך צוגעקוקט צום שאַרפן שפּיץ, וואָס שניידט זיך פאָראויס אַ וועג צווישן דעם מעכטיקן וואַסער־שטראָם, און פאַר מיר זיינען פאַרביי־געלאָפן איבערלעבונגען פון מיינע לעצטע פּאָר יאָר וואַנדערלעבן איבער ימים און לענדער . .

פּאָרטוגאַל! וואָס פאַר אַ ווילדע, אומרואיקע בענקשאַפט האָט אין מיר דערוואַכט צו דעם לאַנד, פון יענעם טאָג אָן, ווען איך האָב, פאָרנדיק איבער די ווייטסטע און פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון בראַזיל, זיך אָנגעשטויסן אין פאַרשידענע פאַרגרייזטע אידישע מנהגים צווישן די דאָרטיקע איינוואוינער. און אַלע פעדים האָבן געפירט קיין פּאָרטייגאַל.

אַל אַלטע בראַזיליאַנער פרוי האָט דערציילט: אין אַ ווייטן שטעטל פון ריאָ גראַנדע: איר פאָטער, וועלכער האָט אַהער איינגעוואַנדערט פון פּאָרטוגאַל, פלעגט אַ טאָג אין יאָר זיך איינהילן אין אַ ווייסן כאַלאַט, אַ גאַנצן טאָג ניט עסן, און אפילו קיין ביסל וואַסער ניט טרינקען.

א מאַטראָז, וואָס האָט מיך געפירט אין אַ זעגל־שיפל פון איין שטאָט אין אַ צווייטער, האָט זיך פאַר מיר אויסגערעדט דאָס האַרץ. זיצנדיק מיט מיר אין שיפל אין אַ לבנה־נאַכט און קיינער וואָלט ניט געגלויבט אַז דער מאַטראָז מיטן האַלב־נאַקעטן בראָנזענעם קערפּער. איז אַן אור־אייניקל פון די אַמאָליקע אנוסים.

— זיי, — קלאָגט ער זיך פאַר מיר — רופן מיך: „קריסטיאַנאַ נועוואָ" (נייער קריסט). איך וויל נאָר כאַפּן אַ שיף וואָס גייט צוריק קיין פּאָרטוגאַל.

שטיי איך איצטער איינער אַליין אויפן דעק, די אויגן ווייט אויפ־געריסן צו דער נאַכט, וואָס טוליעט זיך צום ים. און אַ קנויל גע־דאַנקען, האַפענונגען און דערוואַרטונגען, פּלאָנטערן זיך אין מיין צעהיצטן מוח. אַ זון פון אַ וואַנדער־פאָלק, טראָג איך זיך איצט אויף די כוואַליעס פון אַ שטורמדיקן לעבן מיט אַ הייליקן ציטער פון יענעם לאַנד, וואָס האָט אַנגעשריבן די בלוטיקע מאַרטירער־געשיכטע פון מיין פאָלק.

עס איז נאָך האַלבע נאַכט, אַרום איז שטיל, פון צייט צו צייט בייזערט זיך אַ ברויזנדע כוואַליע און רייסט איבער די אַרומיקע שטילקייט. אין צווישן־דעק, וואו עס געפינען זיך גרופּעס פּאָרטו־געזישע און שפּאַנישע עמיגראַנטן, וועלכע פאָרן צוריק אַהיים פון שניט־סעזאָן אין אַרגענטינע, זינגען אין כאָר „אַווע מאַריאַ", צו מיר אויפן דעק דערטראָגט זיך דער געזאַנג ווי דער קלאַנג פון הונדערטער קלויסטער־גלעקער.

ווי אַ פּאָר׳כשופ׳טע לעגענדע ליגט זיך אויסגעשפּרייט צופוסנס פון די בערג דער ליסאַבאָנער פּאָרט ביינאַכט, ווייט און ברייט ווי דאָס אויג דערגרייכט זעט מען דעם שיין פון טויזנטער פלעמלעך און פייערלעך, און חלומ׳ט אַזוי נאַכט־אויס נאַכט־איין נאָך אַ רוישיקן טאָג זיין אייביקן חלום איינגעטוליעט צווישן די בערג און פייערלעך.

אין די זוניקע טעג, ווען איך פלעג שעה׳ן־לאַנג קוקן אויף דער ווייטער ים־פלאַך, וואָס שניידט זיך דורך דער לאַנגער קייט בערג אין ליסאַבאָן־פּאָרט, פלעגן זיך פון פאַרבייפאָרנדע שיפן דערטראָגן אָפּגע־ריסענע קלאַנגען פון פאַרבייפאָרנדע אימיגראַנטן, באַגלייט מיט די טענער פון האַרמאָניקעס, וואָס האָבן מיר געבראַכט אַ גרוס פון די גרינע לאַנקעס אין מיין היימשטעטל.

אין איינעם אזא טאג, ווען צום פּאַרט האָבן זיך געטראָגן די זאַרגלאָזע טענער פון אַ פּוילישער מאַזורקאַ, האָב איך זי דערזען צווישן נייגעריקע צושויער. זי איז געשטאַנען ביי דעם פּאַרט און בויגנדיק איר שלאַנקע פיגור האָט זי געפּאַכעט מיט איר ווייס טיכל צום שיף און אַ לאַכעדיקע געשריען: סאַאוטי! סאַאוטי! (זייט געגריסט!)

צווישן אַלע צושויער האָט זיך איר בויגנדיקע שלאַנקע פיגור אַרויסגעשיילט, אַ ברויז־לענגלעך פּנים, מיט פייער־שוואַרצע סאַמעטענע אויגן, וואָס האָבן אומרואיקע געקוקט אויף אַלע זייטן.

איך האָב זי ניט אַרויסגעלאָזט פון מיינע אויגן, געוואָלט צוגיין נענטער. זי איז אָבער ניט אַליין. אַן עלטערע מאָגערע פרוי מיט גרויע האָר, איינגעהילט אין אַ שוואַרץ־זיידענעם שאַל, האָט זי גערופן גיין. אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און זי איז מיט איר באַגלייטערין פאַרשוואונדן צווישן די קרומע ענגע געסלעך פון ליסאַבאָנער פּאַרט.

איבער די ענגע האַלב־חרוב'ע געסלעך אַרום פּאַרט האָב איך גע־בלאָנדזשעט גייענדיק צוריק אין שטאָט אַריין, זיך אַלץ ניט געקאָנט דערמאָנען וואו איך האָב יענע אויגן שוין אַמאָל געזען. אַזעלכע אויגן... דאָס פיין־געשניצטע פּנים...

פון די קליינע צעבראָכענע הייזלעך האָבן דורך פענצטערלעך ווי מייזנלעכער אַרויסגעקוקט פאַרדעכטיקע פאַרשוינענע מיט ברייטע קאַשקעטן אַראָפּגעלאָזט איבער די אויערן... און מיך אָנגעהויבן פאַרפאָלגן מיט זייערע בליקן... איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, און אָנגעהויבן שנעלער גיין צו דער גרויסער אָפענער גאַס; המ... המ... אַזעלכע אויגן... אַ שאָד, באַדאַרפט נאָכגיין.

צוויי וואָכן שפּעטער, איך געפין זיך אויף דער גרויסער פּלאַזאַ. פאַרשידענע מציאות־פאַרקויפער שטייען פאַר זייערע אָפענע קראָמען און שרייען, מיט זינגענדיקע קולות, זייערע סחורות. גרופּעס נייגע־ריקע מענטשן פאַרזאַמלען זיך אַרום די קרעמלעך און הערן זיך צו צו די דרשות פון אַ פאַרקויפער, אַ טערק מיט אַ רויט מיצל, וועלכער פאַרקויפט פּאַטשערקעס און קרעלן און זינגט אויס זיינע סחורות מיט אַן אָריענטאַלישער מעלאָדיע. איך באַטראַכט דעם נייגעריקן

עולם, וואַרט אַ ווייל . . . וואָס איז? דאַכט זיך זי? אַט בויגט זיך איר שלאַנקע פיגור אַרויס פון צווישן עולם און קויפט אַ בינטל קרעלן. יאָ, איך מאַך קיין טעות ניט, זי איז עס, די זעלבע אויגן, יענע אויגן . . .

זי איז ווידער ניט אַליין. די זעלבע באַגלייטערין איז מיט איר. איך באַשליס זיי נאָכצוגיין. אַ פּאָר מינוט און זיי לאָזן זיך צו דער ריאַ דע בראַנקאַ, און איך לאָז זיי ניט פון אויג. פאַר אַ גרויסן געשעפט בלייבן זיי שטיין אַ ווײַלע, גייען אַריין, און נאָך אַ צען מינוט קומען זיי ווידער אַרויס. באַלאָדן מיט פּעקלעך לאָזן זיי זיך צום טראַמוויי. איך גיי זיי נאָך און זעץ זיך פּונקט אַנטקעגן זיי.

— וואוהין פאָרט דער סעניאָר? — פרעגט מיך דער קאָנדוקטאָר.

איך הויב אָן שטאַמלען, ניט ווויסנדיק וואָס איך זאָל זאָגן. די מיטרייזנדע איז וואָגאָן קוקן מיך אַלע אָן, באַטראַכטן מיך אויפמערקזאַם. — עטראַנדזשעראָ! (אויסלענדער) גיבן זיי זיך איבער איינער דעם אַנדערן. אויך זי קוקט אויף מיר אַזוי מאָדנע. מיר דוכט זיך, אַז איך באַמערק אַ לייכטן שמייכל אויף אירע ליפּן. נאָך אַ האַלבער שעה פאָרן און מיר געפינען זיך אין איינעם פון די אָרימע ליסאַבאָנער פאָרט־שטעטלעך. דער קאָנדוקטאָר שרייט אויס אַ נאָמען פון אַ סטאַנציע. זי און איר באַגלייטערין שטעלן זיך אויף און מיר גייען אַלע דריי אַרויס צוזאַמען. אין אַ קליין געסל, צווישן שורות סודות־פולע הייזער און פאַרהאַנגענע פענצטערלעך, זיינען זיי אין איינעם פון די הייזער פאַרשוואונדן. איך האָב שוין געהאַלטן די גאַנצע אַרבעט פאַר אַרויסגעוואָרפן, פּלוצים האָט זיך דאָס קליינע פאַרהאַנגענע פענצטערל געעפנט, און זי איז געשטאַנען פאַרן אָפענעם פענצטערל אַ לאַכעדיקע. איך געדענק נישט צו וועמען ווער האָט אָנגעהויבן רעדן.

— סעניאָר? !

— סעניאָריטאַ !

— עספּאַניאָל? (אַ שפּאַניער) — פרעגט זי מיך שמייכלענדיק.

— נאָ, סעניאָריטאַ ! אַרדזשענטינאָ (אַן אַרגענטינער).

— ביסט מיר נאָכגעגאַנגען? ניט אמת?

— סי סעניאָריטאַ. (יאָ).

— פאַרוואָס?

— דיינע אויגן, סעניאָריטאַ, געפעלן מיר . . .

מיין ענטפער געפעלט איר, און זי הויבט מיד אן באווארפן מיט פראגן:

— פון ארגענטינא קומסטו? פון סאמע בוענאס־איירעס? א שלעכטע שטאט, איבערהויפט די מענער דארט זיינען שלעכטע. — קוקט זי מיד אן. — אמת, וואס מען זאגט, אז אין בוענאס־איירעס...

שוין אריבער דריי וואכן ווי איך שטיי יעדן אוונט פארן „פענצ־טערל". אין איין זייט פון דרויסן שטיי איך — זי פון דער אנדער זייט. איך וויל דוקא רעדן פארטוגעזיש — זי שפאניש. זי ווייסט, אז מיין נאמען איז דזשאקאבא, און איך ווייס, אז איר נאמען איז קלאריטע. זאג איך איינמאל אין אן אוונט:

— קלאריטע, מיר וואלטן אמאל ערגעץ־וואו געגאנגען. דו שטייסט דאך אין דיין צימער ווי אין א פארשלאסענער שטייג.

צעלאכט זי זיך:

— צו פרי, מי מאדרע! (מיין מוטער) — בויגט זי זיך אריבער צו מיר, רוימט מיר אריין אין אויער, און ווינקענדיק ווייזט זי מיר אויף איר מוטער, וואס זיצט אויף א בענקל און הערט זיך צו צו אונדזער געשפרעך.

— באא נאטשעס, דזשאקאבע! (א גוטע נאכט).

— אדיאס, קלאריטע!

— אויפן צווייטן טאג, ווען איך בין געקומען צום פענצטערל, האט מיר קלאריטע אנגעזאגט די בשורה, אז די מאדרע האט איר היינט געגעבן די דערלויבעניש ארויסצוגיין מיט מיר אין גאס. געגאנגען זיינען מיר צו א קאנצערט. אונטער די רוישיקע קלאנגען פון פייקלעך מיט קלינגענדיקע גלעקלעך האבן זיך א גרופע טענצערקעס געדרייט אין א ווילד־פאר'שכור'טן שלאנגען־טאנץ. און דאס פובליקום האט ווילד באגייסטערט געדונערט: וויוואַ! וויוואַ!

מיר געפינען זיך אויף א באנק פון א זייטיקע, שטילע אלייע. קלאריטע באווארפט מיך מיט פראגן:

— פאראן עפעס שיינע זאכן אין ארגענטינע? די פרויען דארט זיינען שענער ווי אין ליסאבאן? און ווי געפעלט דיר ליסאבאן?...

פון ביידע זייטן גאס האבן זיך באוויזן קינדער־פראצעסיעס מיט הייליקע בילדער און צלמים אין די הענט, הייליקע שוועסטערן איינ־געהילט אין שווארצע קאפוזן און רויט־זיידענע שאלן האבן געפירט

די קינדער און געזונגען רעליגיעזע לידער, און דער קלאַנג פון קלויס־טער־גלעקער האָבן געקלונגען אַ ווילד־פאַרטויבנדן געקלאַנג. קלאַ־ריטע האָט מיך אַ נייגעריקע אָנגעקוקט:

— גלויבסט אין גאָט, דזשאַקאָבאָ? ביסט פרום? גייסט אין קלויסטער?

מיט אַ קליין שיפל זיינען מיר צוגעפאָרן צו אַן אימיגראַנטן־שיף, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן ליסאַבאָן. אידישע אימיגראַנטן דערציילן מיר זייערע צרות. קלאַריטאַ לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פון די אימיגראַנטן; זי וואונדערט זיך, וואָס מיר רעדן.

— ווער זיינען זיי? — פרעגט זי מיך.

— עמיגראַנטן דזשודעאָס (אידן) — ענטפער איך איר.

איך זיץ אין שיפל, וואָס פירט מיך צוריק פאַרטיפט אין גע־דאַנקען, און קוק אַהינצו, וואו די שיף מיט די אידישע אימיגראַנטן איז פאַרשוואונדן. פון איין זייט — צום ים צו, דערהויבט זיך אַ לאַנגע קייט פון שפּיציקע בערג, אויף וועלכע ס'שטייט, אַ פּוסטער, דער באַ־קאַנטער קעניגלעכער שלאָס „קאַשע דעם רעים" און חלומ'ט פון זיין אַמאָליקער גרויסקייט. אָט זיינען פאָרן שלאָס נאָר־וואָס פאַרבייגעפאָרן די אור־אייניקלעך פון אַ פאָלק, וועמענס עלטערן ס'זיינען דורך זיינע דעקרעטן פאַרברענט געוואָרן, דאָ אין ליסאַבאָן, אויפן שייטערלויפן. מיין בליק איז געפאַלן אויף דעם בליאַסק פון די העל־באַלויכטענע לי־סאַבאָנער גאַסן און זיך אָפּגעשטעלט אויף די צענדליקע קלויסטער־שפּיצן, און פאַר מיר וואַקסט אויס ניט דאָס איצטיקע ליסאַבאָן, נאָר דאָס אַמאָליקע, מיט פיר הונדערט יאָר צוריק. די באַלויכטענע גאַסן זיינען עס די פייערן פון דער אויטאָ־דע־פע . . . אין לאַנגע רייען ציען זיך די קדושים, אָנגעטאָן אין הויכע קולפּאַקעס און ווייסע קיטלען, געבונדענע אין קייטן . . . דאָס פייער ברענט שטאַרקער, די קרבנות שרייען מיט איבערמענטשלעכע כוחות, די מוזיק שפּילט און באַטויבט די ווילדע מאַסע. אויף אַ בימה שטייט ער, דער הייליקער פירער פון דער אינקוויזיציע, איינגעהילט אין זיין רויטן סאַמעט־מאַנטל, פאַר־גלאָצט די אויגן צום הימל מיט אַ תפלה פאַר די נשמות פון די פאַרברענטע . . .

קלאַריטאַס קאַלטע האַנט האָט מיינע געדאַנקען איבערגעריסן. מיר קלינגט נאָך אין די אויערן איר פראַגע: ווען זיינען זיי?

איך בויג זיך צו נענטער צו איר:

— ווילסט וויסן ווער זיי זיינען? די קינדער פון א פאלק, וואס אמאל, מיט הונדערטער יארן צוריק, האט מען טויזנטער פון זיי, דא אין ליסאבאן, דארט אויף דער פלאזא, מיט צוואנגען געריסן זייערע קערפערס.

איר פנים דריקט אוים רחמנות־געפיל: שרעקלעך!!

שטארקער מאל איך פאר איר די שוידערלעכע בילדער פון דער אינקוויזיציע.

— אזעלכע שלעכטע מענטשן! — מורמלט זי.

— ווייסט, קלאריטא, ווער עס האט די שרעקלעכע זאכן געטאן? — ווענד איך זיך צו איר — דיין פאלק, דיין . . .

— נא, דזשאקאבא! נא! ס'קען ניט זיין.

קלאריטא ווייסט שוין איצט ווער יענע אימיגראנטן זיינען. זי ווייסט אויך ווער „יענע" זיינען געווען, וועלכע מען האט אמאל פארברענט דא, אין די ליסאבאנער גאסן. ווען איך וויז איר אין דעם גרויסן „סאנטא דזשעראם" קלויסטער:

— אט דא האט מען מיינע אור־עלטערן געברענט, — קרעכצט זי און איר קינדיש פנים ווערט צוזאמענגעקארטשעט און בלאס: — וואס פאר א גרויזאמע מענטשן!

דער טאג פון מיין אוועקפארן פון ליסאבאן האט זיך דערנענטערט.

— מוזט דען אוועקפארן? — פרעגט זי מיך.

— יא, קלאריטא!

— וואוהין? ....

— וואהין? נישטא ביי מיר קיין „וואוהין", גלאט אזוי פארן אן צוועק. איז דען ניט בעסער אט אזוי?

— האסט דאך אמאל געזאגט, אז דו האסט ליב ליסאבאן? און . . . — בלייבט זי שטיל און קוקט אויף מיר מיט מאדנע אנגעשטרענגטע בליקן.

— מיך רופט דער ים, קלאריטא. אין מיין בלוט איז דער געזאלצענער ריח פון די ים־וואסערן. איך האב ליב דאס פרייע ארומפארן איבער ווייטע לענדער, אן א צוועק.

אט אזוי דערצייל איך איר די לעגענדע פון „אייביקן איד", פון

„פליענדן האָלענדער". זי בלייבט אַלץ ניט צופרידן און פאַרשטייט ניט פאַרוואָס איך מוז אַוועקפאָרן פון ליסאַבאָן.

איך האָב באַשלאָסן אַוועקצופאָרן פון איר אָן אַ זײַ־געזונט. בעסער אַזוי, איך וועל איר דאָן פון וועג אַ בריוו שרייבן. ס'איז מײַן לעצטע נאַכט אין ליסאַבאָן. מײַנע זאַכן זײַנען אײַנגעפּאַקט. גאַנץ פרי גייט מײַן שיף אַוועק. איך וואַרף זיך אויף מײַן געלעגער און קען ניט שלאָפן. קלאַריטאַס נאַאיווע קינדישע אויגן און איר פראַגע: „מוזט אַוועקפאָרן?" מאַטערן מיך. גאַנץ פרי, ווען איך האָב געוואָלט נעמען מײַנע זאַכן און אַוועק צום שיף, האָב איך דערפילט, אַז איך וויל זי זען, און מוז זי זען . . . זי איז נאָך געשלאָפן, האָב איך זי אויפגעוועקט און איר אָנגעזאָגט די בשורה:

— מײַן שיף וואַרט אין פּאָרט. נאָך אַ פּאָר מינוט און איך פאָר אַוועק.

אַ שווײַגנדע האָט זי מיך באַגלייט צום שיף. איך בין אַרויף אויפן שיף. זי איז געשטאַנען און מיר שטום נאָכגעקוקט. די שיף האָט אַרויסגעלאָזט אַ מורא'דיקן פײַף, איך האָב דערפילט ווי עפּעס האָט זיך ביי מיר אין האַרצן ווי אָפּגעריסן.

— זײַ געזונט, קלאַריטאַ! — האָב איך איר צוגערופן פון שיף.

זי איז געשטאַנען ווי דאָן, צום ערשטן מאָל, ווען כ'האָב זי באַגעגנט, בויגנדיק איר שלאַנקע פיגור צום שיף.

— אַדיאָס, דזשאַקאַבאַ!!

לאַנגזאַם האָט זיך די שיף אַוועקגעגליטשט פון פּאָרט. פון ווייטנס האָב איך נאָך באַמערקט ווי זי האָט מיטן ווײַסן טיכעלע, מיט וועלכן זי האָט צו מיר געפּאָכעט, פאַרשטעלט אירע אויגן . . . און איך האָב פּלוצים דערפילט, אַז מײַנע אויגן זײַנען נאַס געוואָרן.

מלחמה

דער אומאַקבאַנטער אידישער סאָלדאַט

דער מיליטערישער אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם קייזערלעכן הימן פון דרויסן, איבער דעם אייזערנעם פּאַרקאַן, האָט זיך געהערט דאָס שלאַכצן און יאָמערן פון פרויען, מאַמעס און קינדער, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אָפּגעריסענע טענער פון די רעקרוטן, וועלכע האָבן מעכאַניש מיטגעזונגען — „גאָט בעהאַלטע, גאָט בעשיצע אונזער, אונזער לאַנד!"

אַ פעלדפעבל מיט רויט־פאַרלאָפענע אויגן און צוויי פאַרשפּיצטע וואָנצעס, ווי דראָטן, וואָס האָט מיט אַ הייזעריקער שטימע געזאָגט די טרייהייט־שבועה „פאַרן קאַיזער און פאַטערלאַנד", און די גרופּע רעקרוטן, האַלטנדיק צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט אין דער הייך, האָבן דערשראָקענע נאָכגעזאָגט.

— העי! הינטישער זון! — האָט דער פעלדפעבל אַ געשריי געטאָן צו אַ אידן פון דער גרופּע. צווישן אַלטע קאַרפּאַטן־פויערים מיט מאָדנע אויסגעקראָכענע פעלצן און לאַפּטשעס, אידן מיט קאַפּאָטעס, אינגלעך מיט ווייס־פּוכיקע באַקן און נערוועזע צעשראָקענע אויגן, — האָט זיך זיין בלייך פּנים מיט דער גרויסער ברייטער באָרד אַרויסגעשיילט.

— וועסט נאָכזאָגן, אָדער . . . — האָט דער שכור'ער פעלדפעבל צו דעם אַלטן אידן אַ געשריי געטאָן.

פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער באַקאַנטשאַפט; ווען איך פלעג אים גאַנץ פרי דערזען אין די באַראַקן פאַר די מיליטערישע איבונגען צווישן די שלאָפנדיקע סאָלדאַטן, איינגעהילט אין טלית און תפילין, פלעג איך מינוטן לאַנג ניט קענען אָפּרייסן פון אים מיינע אויגן. ער פלעגט דאַן אויסזען ווי דאָס באַקאַנטע בילד פון ווילנער גאון, וואָס האָט זיך דאָ, ביי דער שוועל פון טויט און פאַרניכטונג,

אוועקגעשטעלט ווי אַ שליח פֿון פּרידן. אַז אַנדערש מאָל האָט ער מיך מיט זיין אויסזען דערמאָנט אַז מיין פֿאַרשטאָרבענעם טאַטן.

ער האָט מיין שוואַכקייט צו אים דערפֿילט, און צווישן אונדז האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילע מלחמה. איך האָב אָנגעהויבן פֿון אים אַנטלויפֿן, און ער פֿלעגט פֿאַר מיר אומגעריכט אויף אַלע וועגן אויס־וואַקסן און קוקן אויף מיר מיט זיינע שטומע און בעטנדיקע בליקן . . .

ס'איז געקומען די רייע פֿון אונדזער רעגימענט אָפּצוגיין צום פֿראָנט. אונדזערע פּאָזיציעס האָבן זיך דאָן געפֿונען אין אַ בערגי־קער געגנט. מיין באַטאַליאָן איז אויסגעקומען צו פֿאַרנעמען אַ פּאָ־זיציע אויף אַ פֿלאַכן פּלאַץ אַרום די בערג, וואו עס האָבן זיך געפֿונען מאַשין־געווער אָפּטיילונגען און קליינע פֿעלד־אַרטילעריע.

מיטן אָנקומען פֿון די רעגנדיקע אלול־טעג איז דאָס שיסן פֿון שונא שטילער געוואָרן. פֿון ביידע זייטן האָט מען זיך צוגעגרייט פֿאַרן קומענדיקן ווינטער, כדי צו באַוואָרענען זיך פֿון שניי און רעגן, וואָס פֿלעגן פֿון די בערג אין גאַנצע טייכן פֿאַרפֿלייצן אונדזערע גראָבנס. אין אַ קאַלטער האַרבסט־נאַכט, ווען אַ שווערער טומאַן איז געהאָנגען אין די גראָבנס, און איך האָב קאָנטראָלירט די פּאָזיציעס פֿון די פֿאַר־פּאָסטנס, האָב איך מיטאָמאָל דערהערט אָפּגעריסענע ווערטער, וועלכע האָבן זיך איינגעפֿלאָכטן אין דער שטילער נאַכט. פֿון איין זייט האָבן זיך געטראָגן די טענער פֿון אַ באַקאַנטן פּוילישן סאָלדאַטן־ליד, און פֿון דער אַנדערער זייט — דער ניגון פֿון סליחות . . . איך האָב אָנ־געשטרענגט מיינע אויערן צו יענער ריכטונג, פֿון וואַנען עס האָט זיך דערהערט דער ניגון, און מיטאָמאָל האָבן זיך אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט אַלץ נעענטער געהערט דעם ניגון. איצט האָב איך שוין גענוג אָפּגעמאָסטן פֿון וואַנען די ווערטער קומען: פֿון דריטן אָדער העכסטנס פֿערטן פֿאַרפּאָסטן פֿון רעכטן פֿליגל. אַ נייגעריקער האָב איך זיך פֿאַרנומען אויף רעכטס. אַ שאָס האָט דומפּיק אָפּגעקלונגען און באַלד האָבן איבער מיר פֿון אַלע זייטן געבליצט ליכט־ראַקעטן, און מאַשין־געווער האָבן ווי צום טאַקט גענומען קלאַפּן. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, און פֿון דאָרט, אויף אַלע פֿיר, קריכנדיק צום לויף־גראָבן וואָס פֿאַרמינדט אונדזערע פּאָזיציעס פֿון רעכטן פֿליגל. אַ פּאָר מינוט האָט דאָס שיסן אָנגעהאַלטן און באַלד איז ווידער אַלץ שטיל געוואָרן.

דער נגון איז מיר וואס אמאל נענטער; איך הער גענוי די ווערטער: שמ־מע קו־לנו ד׳ אלוהינו . . .

איך האב אינגאנצן פארגעסן אז ס׳איז היינט די ערשטע סליחות־נאכט. א אידישער סאלדאט שטייט דארט אויפן פאסטן און זאגט סליחות, — האב איך זיך געטראכט, — צו וואס זאל איך אים איצט שטערן? זאל ער אויסגיסן זיין צעוויטאקט הארץ פריי. איך וועל אפווארטן ביז ער וועט פארענדיקן סליחות און דאן וועל איך טאן מיין מיליטערישע פליכט און קאנטראלירן דעם פאסטן.

איך הער איצט יעדן ווארט און פארגעס אויף א וויילע וואו איך בין. ס׳איז גאר קיין מלחמה ניטא אויף דער וועלט, און איך בין גאר ניט אויף דעם שלאכטפעלד אינגאנצן א פאמעטער פון שונא׳ס פאזיציעס. איך בין עס גאר איצטער אין שול מיטן טאטן. דער חזן זאגט אזוי זיס די תפילות . . . וואס פאר א נארישע געדאנקען — האב איך זיך געכאפט מיט מיין קאלטן רעוואלווער און זיך א הייב געטאן צום לויף־גראבן, און אוועק ווייטער ארויף־צו.

— האלט! — האט זיך צו מיר געטראגן א ציטערדיקע שטימע באפעלעריש. א פעלד־פאסט, איינגעהילט אין א ווייסן שניי־מאנטל, האט געהאלטן די ביקס מיטן אפענעם מויל פונקט מיר אנטקעגן.

— ווער דא? ! — האט פלוצלונג די זעלבע שטימע באפעלעריש איבערגע׳חזר׳ט.

— וואך־קאמאנדאנט! — האב איך רואיק געענטפערט.

— פאסירן, — איז געקומען פון יענער זייט דער ענטפער.

איך בין איצט גאנץ נאענט צוגעקומען צום פאסטן, אים געוואלט מאכן א קאמפלימענט, אז אלץ איז דורכגעפירט געווארן אין דער בעסטער ארדנונג, אבער אין דער גערדיכטער פינצטערניש האב איך אים, דעם אומבאקאנטן פריינט מיינעם, דערקענט . . .

— ווען זענט איר געקומען אויפן פראנט? — האב איך זיך צו אים איבערגעבויגן, — און פארוואס זייט איר ניט פארזיכטיק מיט אייער סליחות־זאגן? דער שונא קען אייך נאך דערהערן . . .

— מיט צוויי וואכן צוריק, — האט ער מיר שטיל אפגעענט־פערט.

איך בין צוריק אוועק אויף דער וואך־קאמאנדע, ארויפגעווארפן זיך אויף די הארטע ברעטער און אלץ געטראכט פון דעם גרויען איד, וואס פארגאלט מיך אזוי. מארגן — האב איך ביי זיך אפגעמאכט —

וועל איך בעטן מען זאל מיך טראנספערירן צו אן אנדער רעגימענט. ס'איז מלחמה, מ'טאר ניט האבן קיין רחמנות אפילו אויף זיך אליין! אפשר אפווארטן ביז איבער די יום־טובים? — האב איך ווייטער געטראכט. — דא, אין די גראבנס אונטער דער ערד, אפגעריסן פון דער גאנצער וועלט, דער טויט שטייט יעדע מינוט פאר די אויגן, איז . . . — איך בין אויפגעשפרונגען פון די ברעטער: וואס וויל ער פון מיר, וואס? . . .

פעדיא, מיין דינער, אן אוקראינישער פויער, פון מזרח־גאליציע, וואס איז געלעגן אויפן צווייטן ברעט און געשמאק געשלאפן, האט זיך דערשראקן אויסגעצויגן ווי א סטרונע. סאלוטירנדיק האט ער קלאפנדיק א צאן אן א צאן געפרעגט, אויב איך האב עפעס פאר־דעכטיקס געהערט פון די פאזיציעס, וואס איך בין אראפגעשפרונגען פון די ברעטער.

— ס'איז גארניט, פעדיא, — האב איך אים בארויקט. — מאך שווארצע קאווע, און מיר וועלן זיך א ביסל דורכריידן.

— פעדיא, — האב איך אים א פרעג געטאן, — דו ביסט דאך עפעס א פרומער? גלויבסט אין גאט?

— האספאדי! — האט ער זיך גענומען צלמ'ען. — איך בין א פרומער און ערלעכער קריסט. קיין איין זונטיק ניט פארפעלט צו גיין אין קאשציאל!

— שטעל זיך פאר, פעדיא, ווען דיין גלח איז איצט דא, אט דא מיט דיר אין גראבן, און ס'איז א קריסטלעכער יום־טוב, א גרוי־סער יום־טוב.

— וואס! — האט פעדיא געשעפטשעט. — אויב ס'איז מיר באשערט צו כאפן א קויל, וועל איך לעבן מיר האבן אין די לעצטע מינוטן דעם גלח. ס'איז מיר א סך לייכטער צו שטארבן, ווען דער גלח זינגט די תפילות . . .

ערב יום־כפור פארנאכט, א בלוטדרויטע זון האט געשפילט א פארבן־שפיל מיט די האלב־פארברענטע אונטע און צעשאסענעביימער. ביסלעכווייז איז זי פארזונקען צווישן דער לאנגער קייט בערג.

פון די גראבנס האט זיך געטראגן א באפעל:

— יודען ארויסטרעטן!

פון אונטער דער ערד האבן אויף דער גאנצער ליניע אנגעהויבן

ארויסקריכן גאַנצע גרופּעס אידישע סאָלדאַטן — שוואַרצע, פאַר׳־חושכ׳טע, מיט ווילד־פאַרוואַקסעטע פּנים׳ער. אַלע האָבן זיך אויס־געשטעלט אין מיליטערישער אָרדנונג און געוואַרט אויף אַ צווייטן באַפעל. אַ לויפּטמאַן פון דער אינפאַנטעריע האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע.

— פאַרווערטס, מאַרש! — האָט זיין שטרענגע מיליטערישע שטים אָפּגעהילכט אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט. אונדזערע אָפּ־טיילונגען, געפירט פון אידישע אָפיצירן, האָבן זיך געלאָזט צו דער ריכטונג פון נאָענטן וואַלד. פון דער גאַנצער פראָנט־ליניע האָבן אָנ־געהויבן מאַרשירן נייע אָפּטיילונגען פון אידישע סאָלדאַטן, דייטשע אידן, עסטרייכישע אידן, אונגאַרישע אידן, אָפּטיילונגען פון דער בעמישער קאַוואַלעריע, פון דער אונגאַרישער האָנוועד, אַ פּאָר מינוט בלויז, און אונדזער גרופּע האָט זיך צעוואַקסן — איבער טויזנט מאַן.

עטלעכע ביימער זיינען אויף שנעל איבערגעהאַקט געוואָרן און ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ בימה און אַן עמוד. אַ קליין ליכטל איז אָנגעצונדן געוואָרן ביים עמוד. דער פעלד־ראַבינער האָט גערעדט וועגן אונדזער פליכט צום פאַטערלאַנד . . .

איינגעוויקלט אין אַ טלית, האָט זיך צווישן די רייען דורכגעריסן אַ סאָלדאַט צום עמוד און האָט אָנגעהויבן ציען די טענער פון כל־נדרי. איך האָב זיין שטימע גלייך דערקענט. ס׳איז ער, מיין אומ־באַקאַנטער פריינט.

די אָנגעצויגענע פּנים׳ער פון די שטרענג־דיסציפּלינירטע אָפּי־צירן האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן פרייער ווערן. איינגעהילט אין ווייס־זיידענע טליתים אַרום די שטייפע קראַגנס, מיט זילבערנע און גאָלדענע שטערן, זיינען זיי איצט געשטאַנען ערנסטע און פאַרטראַכטע. אין אַ ווינקל, ניט ווייט פון דער בימה, איז געשטאַנען דער הויפּטמאַן פון אונדזער רעגימענט. בלויז אַ קוק זיינער — און דער גאַנצער רע־גימענט ציטערט . . . איצט זיינען זיינע שטרענגע בליקן מילדער, ווייכער, און אין דער צווייטער זייט ביים עמוד שטייט אַ דייטש־אידישער אָפיציר, דאָס גאַנצע פּנים פאַרהילט אין טלית, און זאָגט נאָך דעם חזן וואָרט אין וואָרט. אויס סאָלדאַטן! אידן. אידן פון פאַרשידענע לענדער . . .

דער חזנ׳ס קול ציטערט פאַרשטיקט פון טרערן . . . ונסלח לכל עדת בני ישראל, — האָט אָפּגעקלונגען אין דער פאַרנאַכטיקער שטיל־

קייט פון וואַלד, און די סאָלדאַטן האָבן געקוקט איבערן וואַלד, ווייט אַוועק צו זייערע היימען . . .

אַ פּאַרבלאָנדזשעטע ווינטל האָט די ווערטער צעטראָגן איבערן וואַלד. אַהינצו, וואו קאַנאָנען מיט גרויסע אָפענע מײַלער שפּייען טויט און ברודער־מאָרד, און מענטשן מיט צערייצטע פּנים׳ער, ווי ווילדע חיות, האַלטן גרייט שאַרפע באַיאָנעטן פאַר מענשלעכע גאָרגלען.

שווערע טריט פון אַ פערד האָבן זיך מיטאַמאָל געהערט נענטער. אַ פּלעמל פון אַן אויטאָמאַטישן בליץ־לעמפּל האָט אַ פינקל געטאָן און אַ מעלדע־רייטער האָט אונדזער הויפּטמאַן דערלאַנגט אַ באַפעל.

אַ שטרענגע קאָמאַנדע האָט געשפּאָלטן די לופט:

— האָבט, האָבט!!

— פאָרווערטס, מאַרש!

— באַיאָנעט אויף!

די כּל־נדרי־טענער זיינען פאַרשטומט געוואָרן, בליץ־שנעל האָבן מיר פאָרמירט אַ שוואַרם ליניע און מיט די ביקסן אין די הענט האָבן מיר מאַרשירט צוריק צו אונדזערע אָפּטיילונגען.

— גאַלאָפּ! — האָט זיך איצט פון מויל צו מויל געטראָגן דער באַפעל.

איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז ערנסט. ווייזט אויס, — האָט צו מיר דער צווייטער לייטענאַנט איבערגעשריען, — דער שונא האָט דורכגעבראָכן די ליניע!

מיר האָבן קוים צייט געהאַט אַריינצוקריכן אין אונדזערע גראָבנס און פאַרנעמען אונדזערע פּאָזיציעס, און דער באַפעל פון אונדזער הויפּטמאַן האָט זיך דערהערט אין דער אָנגעצויגענער שטילקייט:

— טאַ־ראַ־טאַ־טאַ! — האָט דאָס שאַלן פון טרומייטערס זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

— נידער! — האָט ווידער געקלונגען די לייבן־שטימע פון אונדזער קאָמאַנדאַנט.

מיר האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד.

טראַך! טראַך! פּיו־פּיו־פּיו, — האָט דעם שונא׳ס שנעל־פייער זיך אָנגעהויבן שיטן אויף אונדז, ווי אַ האָגל, פון אַלע זייטן.

— פייער! — האָט זיך איצט געטראָגן דער באַפעל אין אונדזער ליניע איין מויל צום צווייטן.

אין געשלאָסענע רייען האָבן מיר געעפנט אונדזער קעגן־אַטאַקע

אויפן שונא'ס פּאָזיציעס. איך קוק איצט מיט אָנגעשטרענגטע בליקן אַהינצו, אויף דער אַנדער זייט פון שונא, אין דער ביינאַכטיקער פינצ־טערניש קען מען זען ווי שאָטנס באַוועגן זיך שנעל פון איין פּאָזיציע צו דער אַנדערער.

דאָס שיסן איז שטאַרקער געוואָרן; די קללות און געשרייען ווילדער. מיר רוקן זיך פאָראויס. דער שונא ציט זיך צוריק. מיר איז געלונגען צו פאַרכאַפּן אַ בערגל צווישן ביימער, און צוזאַמען מיטן באַדינער מיינעם, פעדיאַ, ליגן מיר געשיצט פון בערגל און וואַרטן אויף אַ ווייטערן באַפעל.

אין גאַנצן טומל האָט זיך צו מיר פּלוצלונג דערטראָגן אַ האַלב־וויינענדיקע שטימע: — ־יע־ל־ה!

— יאָ, ס'איז מיין אומבאַקאַנטער פריינט. איך קוק זיך אַרום לעבן מיר, כאָטש ס'איז איצט געפערלעך. בלויז אַ פּאָר שריט פון מיר דערקען איך אים אין דער ביינאַכטיקער טונקלקייט און קען איצט דייטלעך זען, אַז ער איז איצט איינגעהילט אין טלית, די ווייסע פּאַסן רייסן דורך די פינצטערניש. איך הער איצט קלאָר יעדן וואָרט זיינעם. דאָס פאַרפאָלגט ער מיך, דער אומגליקלעכער, ער פילט זיך זיכער ניט ווייט פון מיר. אָט שפּרייט ער די הענט צום הימל . . . אָט . . .

— בויגט דעם קאָפּ צו דער ערד! — שריי איך צו אים אַריבער.

אַ צעטומלטער פון שרעק, ווייסט ער אינגאַנצן ניט וואָס עס טוט זיך מיט אים, הייבט די הענט און שרייט העכער די תפילות.

— דעם קאָפּ צו דער ערד!

— די הענט צום געווער!

איך שריי מיט אַלע כוחות אָט די ווערטער, נאָר מיין געשריי ווערט אין טומל פאַרשלונגען.

איך פיל אַ געמישטן געפיל צו יענעם אומגליקלעכן, אַ געפיל פון רחמנות און כעס. ער פאַרפאָלגט מיך. וואָס וויל ער? . . .

צום ערשטן מאָל אין מיין סאָלדאַטן־לעבן ווי איך האָב אָנגע־הויבן מורא האָבן פאַרן טויט . . . מיך פאַרדריסט איצט וואָס יענער אומבאַהאָלפענער מענטש האָט זיך צו מיר די גאַנצע צייט צוגע־טשעפּעט און דערמאָנט מיך מיט זיין ענלעכקייט צו מיין פאַר־שטאָרבענעם פאָטער, אין מיינע קינדער־יאָרן.

שראַפּנעלן האָבן פּלוצים גענומען פּלאַצן אַרום אונדז. ווייזט אויס דעם שונא'ס אַרטילעריע האָט אונדז אויסגעפונען.

— פעדיאַ, — האָב איך אַ שטוים געטאָן מיין דינער, — שלעפּ אים פון דאָרט אַריבער דאָ אהער צום בערגל. דאָרט זיינען זיינע מינוטן געציילטע.

אַ שראַפּנעל האָט פּלוצים געפּלאַצט אַ פּאָר שריט פון מיר. איך בין אינגאַנצן פאַרשאָטן געוואָרן פון שטיינער, ערד און אָפּגעריסענע שטיקער ביימער האָבן גענומען פליען אין דער לופט. איך האָב אין ווירוואַר אַלעמען פאַרלוירן . . .

אין אַ שעה אַרום, ווען מיר האָבן נאָך אַ שווערן קאַמף פאַר־טריבן דעם שונא און אויפגעזוכט אונדזערע טויטע, איז מיין אומ־באַקאַנטער פריינט געלעגן איינגעהילט אין אַ פאַרבלוטיקטן טלית, מיט די אויסגעשפּרייטע הענט צו אַ ניט־דערזאָגטער תפילה. און בלויז אַ פּאָר שריט פון אים איז געלעגן פעדיאַ, מיין באַדינער, טויט פון אַ בויך־שאָס.

פוןביידע זייטן וואַלד זיינען איצט אויסגעוואַקסן צוויי גרויסע פאַמיליע קברים: אויף איינעם איז געשטאַנען אַ גרויסער הילצערנער צלם פון האַלב־פאַרברענטע ביימער, און פון דער אַנדערער זייט — בלויז אַ גלאַט ברעט, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט צוויי שמאַלע שורות: נעמען פון אידישע סאָלדאַטן, און גלייך אין דער דריטער שורה איז, אַנשטאָט אַ נאָמען, בלויז געווען די ווערטער:

„פאַנד דען העלדענטאָט פירס פאַטערלאַנד. נאָמען — אומ־באַקאַנט".

פאַרן פאָטערלאַנד

דורך די גרויסע פענצטער פון מיליטערישן פעלד־שפיטאל האבן אריינגעקוקט די פארשנייטע בערג פון דעם האלב־פארברענטן און צעשאסענעם שטעטל. די צווייגן פון דיביימער ארום שפיטאל האבן אויסגעקוקט באזילבערט פון בליאסקנדיקן שניי, שטראלן פון א ווינטערדיק קאלטער זון האבן זיך געשפילט מיט די געל־בלייכע און אפגעצערטע פנימ'ער פון די קראנקע, וועלכע זיינען געלעגן האפנונגסלאז אין ווייס־ציכטיקע בעטן, זיי געבראכט א גרוס פון פארגאנגענעם פרילינג, וועלכער איז אזוי שנעל פארגאנגען, ווי זייערע יונגע לעבנס.

אויף א בעט, צווישן א לאנגער שורה מיט בעטן, וואס זיינען געווען באצייכנט „לייכט־פארוואונדעטע", בין איך געלעגן פארטיפט אין געדאנקען. ווי לעבעדיק זיינען פאר מיר אויסגעוואקסן די פאסירונגען פון די לעצטע פאר וואכן. איך דערמאן זיך „יענע שרעקלעכע נאכט", צוערשט דאס פיבערהאפטע צוגרייטן זיך „צום שטורעם", דאן . . . איך האב קוים צייט געהאט שיקן א פעלד־פאסט־קארטל צו מיין מאמען, מיט בלויז דריי פריער געדרוקטע ווערטער: „איך בין געזונט", און א הארט טעמפער באפעל, וואס האט געשניטן ווי מיט שארפע מעסערס, „באיאנעטן אויף" האט זיך געטראגן ווי דער אנזאג פון טויט און פארניכטונג איבער דער גאנצער ליניע.

נישט ווייט פון מיר האט געקניט אן אוקראינער אונטער־אפיציר, און זיך גע'צלמ'ט. די ערד האט מיטאמאל א ציטער געטאן, אין דער לופט האט עפעס געפלאצט און שטיקער אייזן און האלץ האבן גענומען פליען, און א מורא'דיקער שדים־געשריי פון ביידע זייטן — הורא! הורא! איך קייקל זיך צווישן א קנויל מענטשן אראפ, ארויף . . . פיס, הענט, ברוינע און פעלד־גרויע מאנטלען, א ברי אינם אונטערשטן טייל פון מיינע פיס. איך פרוביר אויפשטיין, אבער איך פלאנטער זיך צווישן פארבלוטיקטע קערפערס און פנימ'ער, איך

זינק וואס אמאָל טיפער אין אַ פינצטער גרוב. איך נעם צוזאמען מיינע לעצטע כוחות, אַ געשריי צו טאָן ר־אַ־ט־ע־וו־ע־ט! אָבער ווי אימיצער האַלט מיך ביים האַלדז, ווארגט מיך וואס אמאָל פעסטער.

ערשט אויפן טראָג־בעט פון דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג, האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און דערפילט אַ שאַרפן ווייטאָק אין רעכטן פוס.

דאָן זיינען געקומען שלאָפלאָזע נעכט פון יסורים און פיבער, ביז מען האָט מיין בעטל אַריבערגעפירט אַהער צו דער ריי פון לייכט־פאַרוואונדעטע.

איבער יעדן בעטל אין שפּיטאָל הענגט אַ שוואַרץ ברעטל — פאַר־שריבן מיט ווייס קרייד: פּ. (פּאָליאַק), ד. (דייטש), מ. (מאַדיאַר, אונגאַר); מיר זעען אוים אַט די שוואַרצע ברעטלעך מיט ווייסן קרייד, ווי לעבעדיקע מצבות, פאַר וועמען זיי וועלן פאַרבלייבן אייביקע מצבות, און פאַר וועמען בלויז דערינערונגען פון שווערע איבער־לעבענישן.

אַ נייגעריקער הייב איך אויף מיין קאָפּ און באַטראַכט מיין "שוואַרץ ברעטל", מיין בליק שטעלט זיך אָפּ אויפן בוכשטאַב „ד" (דייטש). אַן אומצופרידענער און אומרואיקער וואַרף איך מיך אויף מיין געלעגער. די באַרמהערציקע שוועסטער דערנענטערט זיך צו מיר.

— איר ווילט עפּעס?

— יאָ, שוועסטער. מעקט אוים די „ד" פון מיין קאָפּ־ברעטל. איך בין נישט קיין דייטש, איך בין אַ איד!

— רואיק בלייבן! — באַפעלט מיר די שוועסטער מיט אַ שטיל־בעטנדיקער שטימע. — מאָרגן ביים דאָקטאָרס וויזיט וועלן מיר דאָס שוין באַזאָרגן.

צואמרגנס שטעלט זיך די דאָקטוירים־קאָמיסיע אוועק פאַר מיין בעטל.

— ווי גייטס? — שמייכלט צו מיר דער שטאַב־דאָקטאָר.

— אַ דאַנק, גוט!

— האָט איר עפּעס אַ פאַרלאַנג?

— יאָ, הער שטאַב־דאָקטאָר, — דריי איך זיך איבער, אָנווייזנדיק אויף מיין קאָפּ־ברעטל. — איך בין נישט קיין דייטש, ס'איז אַ טעות . . . איך . . .

די גאַנצע קאָמיסיע איז באַלד אוועק צו אַן אַנדער בעטל.

איינער בלייבט ביי מיין בעטל און פרעגט מיך, וואו איך בין געבוירן.

— אין גאליציע, — איז מיין ענטפער.

באלד נעמט מען אראפ מיין קאפ־ברעטל, מ'טראגט עס אין קאנ־צעלאריע און שפעטער ברענגט מען עס ווייטער צוריק, אויסגעשריבן א גרויסן „פ" פון אויבן מיט ווייס קרייד, און איך בין ווייטער נישט צופרידן.

— שוועסטער, איך בין נישט קיין דייטש און נישט קיין פא־ליאק . . . א יודע בין איך; א יודע!

דעם דאקטארס א פארטרעטער איז אריין אז אויפגערעגטער, און גלייך צו מיין בעטל.

— וואס פאר א געשיכטע טרייבט איר עס דא? דאס איז א שפיטאל פאר קראנקע, און נישט א פארזאמלונג פון פאליטישע נאציאנאליסטן. אויב איר זענט געבוירן אין גאליציע, זענט איר א פאליאק . . . נישטא אזא נאציאנאליטעט ווי אידן.

און איך האב אים אז אויפגערעגטער שארף אפגעענטפערט.

— אויב איר האט א רעכט צו פארגיסן מיין בלוט אלס א איד, האב איך אויך א רעכט צו ליגן קראנק אלס א איד.

פון פארשידענע ווינקלען האבן זיך דערהערט שוואכע און שטאר־קערע שטימען: — ריכטיק! מיר זיינען אידן, מיר ווילן נישט ליגן אונטער פרעמדע נעמען, מיר האבן געקעמפט אלס אידן, מיר . . .

און אויף צומארגנס איז ארום מיר געשטאנען א גאנצע שורה נייע בעטן, וועלכע מ'האט צוזאמענגענומען פון פארשידענע ווינקלען, און אלעמענס קאפ־ברעטל איז געווען א גרויסער „י" (יודע) אויפ־געשריבן מיט ווייס קרייד.

דאס לעבן אין שפיטאל איז אנגעגאנגען ווי פריער. יעדן טאג זיינען אוועק קראנקע, און קומען א פאר מינוט, און אויף זייערע ערטער זיינען געלעגן אנדערע און ווייטער געקרעכצט, ווער ס'איז אוועק אין א רעקאנוואלעסענט האום (דערהאלונגס־היים) א פאר־קריפלטער אויפן גאנצן לעבן און ווער עס איז אוועק אהין, פון וואנען מען קומט קיינמאל נישט צוריק. אין איין נאכמיטאג איז א ספעצ־יעלע דאקטוירים־קאמיסיע אריין און דורכגעפירט א מוסטערונג, אדער בעסער געזאגט, ווי מיר האבן עס אנגערופן „א שחיטה". מ'האט אלע קראנקע אונטערזוכט, און גלייך אויפן קאפ־ברעטל אנגעשריבן אדער „פ" (פראנט), אדער „ר" (רעקאנוואלעסצענט), אדער „ב"

(בלייבט), אדער „ט" (טראַנספּאָרטירן). כמעט די העלפט פון אונדזער צימער האָט מען אָוועקגעשיקט. די גרעסטע טייל האָט באַקומען צוויי וואָכן דערהאַלונג, און צוריק צו דעם פראָנט. דעם גרעסטן חורבן האָט די קאָמיסיע געמאַכט אין אונדזער אידישער ריי, וועלכע איז געווען באַצייכנט מיט „י". ווייסט אויס, אַז אונדזער רעוואָלוציע האָט זיי זייער נישט געשמעקט, און זיי האָבן זיך אָן אונדז נוקם געווען.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען געבראַכט אַ נייעם טראַנס־פּאָרט שווער פאַרוואונדעטע פון פראָנט. נאָכדעם ווי די געשרייען זיינען אַ ביסל שטילער געוואָרן און אַ שאַרפער ריח פון כלאָראָפאָרם און אַנדערע שאַרפע זאַלבן האָבן זיך געטראָגן איבערן גרויסן אָנ־געפולטן צימער, האָב איך גענומען באַטראַכטן די פּנים'ער פון די נייע פאַרוואונדעטע. מיין בליק האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אויף אַ בעטל, וואו עס איז געלעגן אַ שווער־פאַרוואונדעטער מיט אַ פאַר־באַנדאַזשירטן קאָפּ. פון די ווייסע באַנדאַזשן האָט זיך אַרויסגעזען אַ שטיקל שוואַרץ האָריק פּנים, מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן זיך פון צייט צו צייט געעפנט, און האַלב באַוואוסטלאָז פאַרטערטע נע־קוקט אַרום זיך. אויפן קאָפּ־ברעטל איז געווען אָן אויפשריפט מיט ווייס קרייד „ר" (רוס). איך האָב געזען, אַז זיינע מינוטן זיינען געציילטע. גאַנץ פרי האָט דער קראַנקער מיטן בוכשטאַב „ר" איבערן בעטל אָנגעהויבן גוסס'ן. אין אַ פּאָר מינוט האָט זיך באַוויזן דער פעלד־גלח. מיט אַ צלם אין איין האַנט, אין דער צווייטער האַנט אַ בערשטעלע מיטן „הייליקן וואַסער", האָט ער זיך דערנענטערט צום באַוואוסטלאָזן קראַנקען.

ווי נאָר די ערשטע טראָפּן וואַסער האָבן באַשפּריצט זיין האַלב־באַנדאַזשירטן פּנים, האָט דער שטאַרבנדער מיט די לעצטע כוחות זיך אַ ריס געטאָן:

— שפּריצט נישט, איך בין אַ איד!

די תפילה איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אויף די ליפּן פון גלח, און אַ שווער כאָרקלען האָט זיך דערהערט. דער אומבאַקאַנטער איד מיטן שוואַרצן קאָפּ־ברעטל און ווייסן „ר" האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. אַ געזונטער שפּיטאָל־וועכטער איז אַריין, איבערגע־דעקט דעם קערפּער מיט אַ ווייסן ליילעך און אויף שנעל אַרויס מיטן בעטל אויף רעדלעך.

אין שפיטאָל, און אויך אין אונדזער צימער, האָט מען גענומען צוגרייטן צו פייערן די ווייגאַכטן. אין סאַמע מיטן צימער האָט מען אוועקגעשטעלט אַ גרויסן ווייגאַכטס־בוים מיט פאַרשידענע לעמפּלעך און ליכטלעך, דעקאָרירט מיט פאַרשידענע פענער און קאָלירטע פּאַפּירן. אַ גרופּע באַרמהערציקע פרויען פון דער אַריסטאָקראַטיע זיינען אַריין צו אונדז אין זאַל, באַלאָדן מיט פאַרשידענע מתנות. ביי יעדן בעט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און דערלאַנגט יעדן אַ פּעקל איינגעוויקלט אין בלוי־זיידן פּאַפּיר, מיט די שמייכלדיקע ווערטער:

— שיינעם גרוס פון אייער פרוי, פון אייער מוטער, פון . . .

בלייכע, בלוטלאָזע ליפּן האָבן געשעפּטשעט שטיל: „אַ דאַנק", און אויסשטרעקנדיק זייערע דאַרע ביינערדיקע סקעלעטן־הענט, צוגענומען די געשאַנקען פון די ריינע באַרמרעהציקע דאַמען, וועלכע זיינען געקומען אָפּדאַנקען די „העלדן פון פאָטערלאַנד" מיט אַ פּעקל ציגאַרעטן, אַ פּאָר נאָז־טיכלעך און אַ רחמנות־שמייכעלע . . .

דער זאַל, אָן אויסגעפּוצטער אין אַלע ווינקעלעך, איז באַלויכטן געוואָרן מיט גרויסע העל־פאַרביקע לאָמפּן. נאָך אַ פּאָר שעה בלויז האָבן געפעלט צו דער אָפיציעלער פייערונג, צו וועלכער עס זיינען איינגעלאָדן געוואָרן אַלע אָפיצירן און דאָקטורים פון שפיטאָל. מיר, די גרופּע אידישע קראַנקע, האָבן זיך דערפילט עלנט, ווי אומגעבעטענע מחותנים אויף אַ פרעמדער חתונה. דערזעענדיק די פייערלעכע צוגרייטונגען און צערעמאָניעס פאַרן יום־טוב פון דער „הייליקער נאַכט", האָבן מיר זיי מקנא געווען און געפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג און אַ בענקשאַפט נאָך עפּעס אַ יום־טוב אין אונדזער גרויען, וואָכנדיקן שפּיטאָל־לעבן. איינער פון אונדזער גרופּע האָט זיך געכאַפּט, אַז לויטן חשבון פאַלט גראָד היינט אויס דאָס דריטע חנוכה־ליכטל. מיר האָבן באַשלאָסן צו פייערן דעם היינטיקן אָוונט אונדזער אייגענעם יום־טוב, און געבעטן דעם שפּיטאָל־קאָמאַנדאַנט, ער זאָל פאַר אונדזער פייערונג ברענגען דעם פעלד־ראַבינער. אַזוי ווי דער פעלד־ראַבינער פון אונדזער רעגימענט האָט זיך גראָד געפונען אויפן פראָנט ווייט אַוועק פון פעלד־שפּיטאָל, און די צייט איז געווען קורץ — בלויז אַ פּאָר שעה — האָט מען פאַר אונדז געבראַכט דעם רב פון נאָענטן שטעטל, אַ גרייז־גרויען זקן, אָנגעטאָן אין אָרטאָדאָקסישע קליידער, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמת פרומען רב.

פונקט ניין אַ זייגער אין אָוונט האָבן זיך ביידע פייערונגען

צוזאמען אנגעהויבן. אין איין זייט פון גרויסן צימער איז געשטאַנען א „ווייגאַכט־בוים״, וועלכער האָט מיט רויט־בלויע קליינע לעמפּלעך פאַרשפּרייט שיין פון האַפנונג אויף די געלע אויסגעצערטע פּנים׳ער. פון דער אַנדערער זייט האָבן דריי קליינע פלעמלעך אַרויסגעבליצט פון אַ אידישער חנוכה־מנורה און דערמאַנט גליקלעכע טעג פון דער ווייטער היים, ווען דער טאַטע האָט געצונדן חנוכה־ליכט און אונטער דער באָרד אונטערגעברומט „הנרות הללו״, — מיר, די קינדער, זיינען אַרײַן פון דרויסן פאַרפראָרענע מיט רויטע באַקן פון פראָסט און מיט אַ געפּילדער : חנוכה־געלט!

פון דער גוי׳אישער זייט האָט זיך דערהערט אַ שטיל געזאַנג פון בלוטלאָזע ליפּן : שטילע נאַכט, הייליקע נאַכט!״

באַגלייט פון די טענער פון אַלטן אָרגל, איז דער גלח געשטאַנען מיטן צלם אין דער האַנט און מיטגעזונגען. אין זעלבן צימער, פון דער אַנדערער זייט, איז געשטאַנען דער אַלטער רב מיט דער ווייס־זילבערנער באָרד און מיט פייכטע אויגן געזונגען מיט די אידישע קראַנקע סאָלדאַטן „מעוז צור ישועתי״. ביידע מעלאָדיעס האָבן זיך אויסגעמישט אין אַ קלאַג־ליד, וואָס וויינט אויפן חורבן פון דער מענטשהייט און אויף דער וועלט וואָס שטייט אין פלאַמען.

„איך האָט איינעם קאַמעראַדען...״

(איך האָב אַ חבר געהאַט)

פון אַ מלחמה-ליד

צווישען די געוויינלעכע ווערטער „איך בין געזונט א. א. וו. איז מיין ברודער געלונגען צו שרייבן אַ פּאָר אידישע ווערטער, פון וועלכע איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דריי טעג שפּעטער וועט ער מיט אַ מאַרש־קאָמפּאַניע אַפּגיין דעם דריטן מאָל צו דעם איטאַליענישן פראָנט, און וועט שפּעט ביינאַכט פּאַרבייפאָרן פשעוואָרסק, בלויז איין סטאַנציע פון לאַנצוט, וואו מיין רעגימענט האָט זיך דאַן געפונען.

אין אַ קאַלט־פּראַסטיקער נאַכט, ווען די שינעס זיינען געווען באַ־דעקט מיט שניי, האָב איך זיך פאַר׳גנב׳עטערהייט, אומבאַמערקט פון די פּאַטרולן, דורכגעגנב׳עט ביז פשעוואָרסק, כדי די מיליטער־פּאָליציי, וואָס האָט געווישטערט אַלע ווינקעלעך פאַר דעזערטירער, זאָל מיך ניט כאַפּן. האָב איך זיך באַהאַלטן אין אַ ליידיקן וואַגאָן פון אַ לאַסט־צוג, אויף וועלכן עס האָט זיך פון דרויסן מיט גרויסע ווייסע אותיות געפונען די אויפשריפט „באַשפּייזונג״.

יעדער שעה זיינען אָנגעקומען געפּאַקטע וואַגאָנען מיליטער. געשרייען, געלעכטער און אָפּגעריסענע מאַרש־לידער אין דייטש, פּויליש, אונגאַריש און אידיש האָבן איבערגעריסן די ביינאַכטיקע שטילקייט. אַ צען מינוט האָט געדויערט דער טומל, ביז עס האָט זיך דערהערט אַ באַפעלערישע שטימע פון לעצטן וואַגאָן: „אַב־פאַהרען!״ און אַלץ איז מיטאַמאָל פאַרשטימט געוואָרן. עס האָבן זיך בלויז געהערט די סיגנאַלן פון די קאָנדוקטאָרס, און ערשט נאָך פיר אזייגער גאַנץ פרי, ווען די פּאַרנטשעס פון דער גרויסער הענגעלבריק

האבן זיך גענומען ארויסשיילן מיט זייערע קוואדראט־שטאכעטן אין דער בלויקייט פון אנקומענדן מארגן, האט זיך דערהערט וואס אמאל נענטער דאס סאפן און פייפן פון צוויי לאקאמאטיוון. אויפן ערשטן לאקאמאטיוו האט געפלאטערט א גרויסע געל־שווארצע פאן. דער עמבלעם א שראפנעל און א קאנאן פון אויבן, און אונטן די אויפ־שריפט: „פעלד־קאנאנען רעגימענט 28 שאפראן".

אין דער קאלטער פרימארגנדיקער לופט האט אפגעהילכט דאס מיליטער־ליד „ווען די זאלדאטען מארשירען".

מיט מיליטערישער פלינקקייט האב איך א שפרונג געטאן פאראוים צום ערשטן וואגאן, אויסגעצויגן זיך אויף די שפיצן פון מיינע מי־ליטערישע שטיוול און מיטן גאנצן קול געשריען: איטשע! אי־טשע! קאנאניר אי־זאק בע־לער! מיין געשריי איז פארשלונגען געווארן אין טומל. איך בין ווייטער געלאפן צום צווייטן, צו דריטן, פערטן וואגאן... און וואס אמאל העכער און געשריען: איטשע! איטשע!

פון די פענצטער האבן ארויסגעקוקט פרעמדע, אומבאקאנטע פנימ'ער... און פון די אפענע וואגאנען האט זיך געהערט דאס געזאנג פון סאלדאטן. באלד האט זיך פון איין וואגאן צום אנדערן געטראגן דער שטרענגער באפעל: „אבפאהרען!"...

מיט א פארבענקט, אומרואיק הארץ בין איך שטיין געבליבן צווישן די וואלקנס רויך, וואס די צוויי לאקאמאטיוון האבן איבער־געלאזט. מער האב איך מיין ברודער און חבר ניט געזען...

דריי חדשים שפעטער, ווען די אנקומענדע פרילינגס־זון האט זיך געשפיגלט מיט די אייביק מיט שניי־באדעקטע קארפאטן־בערג, האבן מיר זיך געפונען אין א רעזערוו־אפטיילונג אונטער דעם פראנט אויף דער ליניע שיאנקי־יאבלאנקא ניזשנא.

צוויי מאל א וואך ביי דעם רעפארט פלעגט מען מיט די סאל־דאטן דורכפירן א גאטעסדינסט, און נאכן גאטעסדינסט פלעגט מען די קרובים פון די געפאלענע סאלדאטן איבערגעבן די נייעס וועגן דער גרויסער ערע, וואס זייערע ברידער אדער טאטעס האבן געטאן פארן קייזער און פאטערלאנד...

— צום געבעט! — האט באפעלעריש געקלונגען די דיסציפלי־נירטע שטימע פון קאפיטאן.

מיר האבן אלע ווי איינער א הויב געטאן די ביקסן פון די

אקסלען, אוועקגעשטעלט זיי ביי די פיס און מיט די רעכטע הענט, ווי פארגליווערטע פיגורן, סאלוטירט די גאנצע צייט בעת דער ארקעסטער האט געשפילט די קייזערליכע הימנע. דער פעלד־ראבינער האט מיט אונז, אידישע סאלדאטן, ווארט ביי ווארט געזאגט קריאת־שמע. א צוויטעס באפעל: „פאן געבעט”! און מיר האבן בליץ־שנעל א הויב געטאן די ביקסן צוריק אויף די אקסלען.

איצט האט זיך אנגעהויבן די פאטראטישע קרובים צערעמאניע. דעם ערשטן נאמען, וואס דער אפיציר פון גענעראל קאמאנדע האט אויסגערופן, איז געווען מיינער . . . איך האב זיך א ריס געטאן פון מיין רייע ווי איינער וואס איז אפגעבריט געווארן פון א פייער, אן אויסגעצויגענער ווי א סטרונע, האב איך אים איצט געקוקט אין די אויגן אריין . . . ער האט מיר דערלאנגט א קליינעם קאנווערט מיט א שווארץ רעמל . . . מיט א ציטערדיקער האנט האב איך ארויס־גענומען א קליין „געדרוקט פאפירל”.

„איהר ברודער קאנאניר איזאק בעלער פון קייזער און קעניג־לעכן פעלדקאנאנען רעגימענט אכט און צוואנציג פאנד דען העלדענ־טאד פיר'ס פאטערלאנד אויף דער איטאליענישער פראנט ביי אודינע אין א העלדישן אנגריף אויף די איטאליענישע פאזיציעס, וואס איז פארגעקומען דעם 19 יוני 1916, עהרע זיין העלדישען נאמען.”

די ווערטער האבן מיין יונג הארץ געשטאכן ווי מיט טויזנט מע־סערס . . . איך האב זיך אינסטינקטיוו געכאפט צום דאשעק ווען דער אפיציר האט מיר דערלאנגט די האנט אויסצודריקן זיין בייליד און גראטולאציע. דער הארמאניסט האט געבלאזן דאס מארש־ליד „איך האט איין קאמעראדען”. איך בין א וואקלדיקער צוריק צו מיין רייע און אין קאפ האבן טויזנט האמערס געהאמערט די פאר ווערטער: ניטא מער איטשע . . .

דעמזעלבן אוונט בין איך געשטאנען אויף וואך ביי דעם גרויסן וויאדוקט, וועלכער האט פארבונדן יאבלאנקא מיטן הינטערלאנד. מיי־ליטער־פליכט צערעמאנירט זיך וויניק מיט א צעריסן הארץ פון א ברודער. איצט, אין דער ארומיקער שטילקייט פון דער בריק, האב איך זיך דערמאנט זיין אויסזען, ווען מיר האבן זיך געזען צום לעצטן מאל . . . דער שווארצער קאפ האר, די ברוינע שמייכלדיקע אויגן, דער ברוינער אולסטער, וואס דער טאטע האט אייגנס געבראכט פון

ביעליטע, דער פלוש־הוט און דער גרין־זיידענער קראוואט. אזוי האב איך אים געזען ווען ער איז גאנץ פרי דורכן הינטער־טירל אנגעקומען פון בראד, וואו ער האט געלערנט בוכהאלטעריע, מיט א זארגלאזן געשריי: מאך אויף, יאנקל! אזוי האב איך אים געזען צום לעצטן מאל . . .

איך דריק איצט פעסטער דאס קאלטע געווער. דאס הארץ איז פוסט, ליידיק, שווער צו לאזן א טרער . . . איך לייען נאכאמאל און נאכאמאל דאס צעקנייטשטע פאפירל מיט דער אויפשריפט: „פאנד דען העלדענטאד פיר'ס פאטערלאנד!” ס'איז א ליגן! פארן פאטער־לאנד? פאר וועמענס פאטערלאנד? פאר וועמען האט מיין חבר און ברודער פארגאסן זיין בלוט?!

איך בין צוריק אריין אין וואד־צימער און א גאנצע נאכט געלעגן מיט אפענע אויגן . . . אין דער פרי האב איך דערזען צוויי גרויע האר אין מיין יונגן, שווארצן, אכצן־יעריקן קאפ האר, און אין מיינע זארגלאזע אויגן האט אן ערנסטער טרויער געהאנגען און אין הארצן איז אן אייביקע וואונד פארבליבן . . .

איך ליג אויפן דאך פון א וואגאן צווישן קופעס סאלדאטן. אויס מלחמה! מיר פארן איצט צוריק אין אונדזערע היימען. פון פרייד פאר'שכור'טע סאלדאטן זינגען איצט אין אלע שפראכן נאציאנאלע לידער. פרייהייט! רעוואלוציע! הערן זיך פון אלע זייטן פריילעכע געשרייען. איך בין שטום . . . וואס נענטער איך קום צו מיין היים אלץ גרעסער ווערט דער ווייטיק . . .

אין שטעטל האבן געפלאטערט רויט־ווייסע פענער מיט גרויסע פוילישע אדלערס און אויפשריפטן: „ניעך זשיאיע נאשא איטשיזנא!” א באפרייטע פוילן איז געבוירן געווארן. איך בין געשטאנען אין פוילישן געריכט פארן פוילישן באאמטן, וואס האט מיר איבער־געגעבן די איבערגעבליבענע ירושה פון מיין געפאלענעם ברודער, אן אלומינום ציגארעטן־טאש, מיט אויסגעקריצטע אידישע אותיות: יצחק בן נפתלי. א רויט־גרין בענדל מיט א קרייץ, וואס די פריערע עסטרייכישע מיליטער־קאמאנדע האט געגעבן מיין ברודער פאר זיין יונגן אפגעשניטענעם לעבן . . . און א קוויטאנציע, אז די צעפאלענע עסטרייכישע קאמאנדע האט אזויפיל קראנען באשטימט מיין מאמען פאר איר געפאלענעם זון . . . דער פוילישער באאמטער מיט דער פיר־

פאַנטיקער מאַציאַוועקע און נייעם וויים־זילבערנעם אָדלער האָט גלייכ־גילטיק באַמערקט: „עס האָט זיך ניט געלוינט צו קעמפן און אַוועק־געבן דאָס לעבן פאַר די פאַרשאָלטענע גערמאַנציעס . . .״

קוקנדיק אויף די אויסגעקריצטע אותיות: „יצחק בן נפתלי״, האָב איך זיך צום ערשטען מאָל צעוויינט . . .

א י נ ה אַ ל ט :

אַמעריקע

	זייט
גראָדזיסק — מיין שטעטל אין גאַליציע	7
אַ קעמפּ־פייער	12
פּשאַ קרעוו	20
דער אָפּערא־זינגער	29
ראַביי בוירט	33
צוויי דורות	50
אַן אַמעריקאַנערין	57
אַ שטעטל אין דער וועסט	64
עלענדע מענטשן	70
נאָך דער אָפּעראַציע	81

פון ווייטע לענדער

ערד	91
שניט־צייט	98
אין שטעטל ביי די אַנדען בערג	108

זייט
דער פליענדער האָלענדער 117
אין אַ בראַזיליאַנער פּאָרט-שטאָט 122
ביי די ברעגן פון פּאָרטוגאַל 127

מלחמה

דער אומבאַקאַנטער אידישער סאָלדאַט 137
פאַרן פאָטערלאַנד 145
איך האָב אַ חבר געהאַט 151